STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01653

# ZIKHROYNES

S. IU. Vitte

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Yael & Hilah Loewenstein*
*in honor of*
*their beloved grandpa, George Joseph Nemovicher*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

גראַף ס. י. וויטע

# זכרונות

ניקאָלאַי II ממשלה.

יידיש—ר. מירגאָלד.

I־טער באַנד

וואַרשע, פאַרלאַג א. גיטלין

1923

DRUK. SIKORA i MYLNER WARSZAWA. NOWOLIPKI 6.

# אינהאלט:

זייט

**קאפיטל איינס.**

ניקאלאי II און זיינע ערשטע שריט . . . . . . . . 5

**קאפיטל צוויי.**

די אונטערהאנדלונגען מיט לי־כון־טשאן און דער אפמאך מיט כינע . . . . . . . . . . . . 64

**קאפיטל דריי.**

די קרוינונג. כאדינקע. דער אפמאך מיט יאפאניע וועגן קאריע. די אויסשטעלונג אין ניזשני־נאווגאראד. דעם קיסרס נסיעה קיין מערב־איראפע . . . . . . . . 81

**קאפיטל פיר.**

דער פראיעקט צו פארכאפן באספאר. די נייע פאליטיק און די ראנד־לענדער . . . . . . . . . . 99

**קאפיטל פינף**

קיסער פראנץ־יאזעף, ווילהעלם און דער פרעזידענט פון דער פראנצויזישער רעפובליק פאר באזוכן פעטערבורג אין יאר 1897 . . . . . . . . . 113

זייט

## קאַפּיטל זעקס.

ווי אַזוי מען האָט פאַרכאַפּט די ליאַדיגער האַלבאינזל . 130

## קאַפּיטל זיבן.

א. נ. קוראָפּאַטקין . . . . . . . . . . 148

## קאַפּיטל אַכט.

מיין נסיעה קיין פּאַריז אויף דער אויסשטעלונג. אין קאָ־
פּענהאַגען. דעם קיסרס קראַנקהייט. די פראַגע וועגן דער
טראָן־ירושה . . . . . . . . . . . . . 158

## קאַפּיטל ניין.

ווי אַזוי עס זיינען דערהרגעט געוואָרן פּ. נ. באָגאָלעפּאָוו
און ד. ס. סיפּיאַגין . . . . . . . . . . 172

## קאַפּיטל צען.

װ. ק. פּלעווע . . . . . . . . . . . 182

---

## קאַפּיטל I.

# ניקאָלאַי II און זײַנע ערשטע שריט.

...מען האָט אָפּגעגעבן די שבועה פֿאַר דעם נײַעם קיסר ניקאָלאַי II און מען האָט איבערגעפֿירט דעם פֿאַרשטאָרבענעם מלך אַלעקסאַנדער III פֿון יאַלטע אין פּעטערבורג.

די־דאָזיקע טרויעריקע צערעמאָניע איז דורכגעפֿירט געוואָרן לויט די אַלע פֿעסטגעשטעלטע כּללים, אָבער מיט יענער פּשטות, וואָס איז אײַנגעוועבט געוואָרן אין דער גאַנצער ממשלה פֿונם פֿאַרשטאָרבענעם קיסר.

זײַן קערפּער איז אין מאָסקווע אַרויסגעשטעלט געוואָרן (דאַכט זיך, אויף איין טאָג) אין אוספּענסקי סאָבאָר. די מיניסטאָרן און די העכערע באַאַמטע האָבן באַגעגנט דעם טרויער־צוג אײַפֿן ניקאָלאַיעווער וואָקזאַל.

איך געדיינק, ווי הײַנט דאָס אָנקומען פֿונם צוג. אויפֿן וואָקזאַל זײַנען געווען זייער אַ סך פֿאָרשטייער. דער גאַנצער ביעווסקי פּראָספּעקט און דער וועג צום פּעטראָפּאַוולאָווער סאָבאָר איז געווען פּאַק און פֿול מיט מענטשן. איך האָב מיך געפֿונען אויף דער פּלאַטפֿאָרם, וואו ס׳איז צוגעפֿאָרן דער צוג.

פון צוג איז אַרויס דער יונגער קיסר און צוויי פרויען, ביידע בלאָנדע. נאַטירלעך, איז מיר אינטערעסאַנט געווען צו זען אונזער קינפּטיקע קייזערין. און אַזוי ווי איך האָב זי פריער קיינמאָל נישט געזען, האָב איך, באַמערקנדיק איינע זייער אַ שיינע יונגע דאַמע, געמיינט, אַז דאָס איז די דאַרמשטאַטער פרינצעסין—די קינפטיקע קייזערין אַלעקסאַנדרע פיאָדאָראָוונע. כ'האָב זיך זייער פאַרחידושט, ווען מען האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס איז נישט זי, אַז די, וועלכע איך האָב אָנגענומען פאַר דער קינפטיקער קייזערין, איז גאָר די איינגלישע קעניגין אַלעקסאַנדרע (שוין היינט אַן אלמנה). זי האָט אויסגעזען זייער יונג, אַזוי, אַז ווען איך האָב גלייך נאָך איר דערזען אונזער קינפטיקע קייזערין, האָט זי מיר אויסגעוויזן ווייניקער שיין און ווייניקער סימפּאַטיש, ווי דעם קיסרס מומע—די קעניגין פון איינגלאַנד. דאָך איז די נייע קייזערין אויך געווען שיין, און זי איז נאָך ערשט אויך שיין, הגם ביי איר איז געווען און איז נאָך היינט אויך פאַרבליבן עפּעס אַ מין בייזקייט אַרום די ליפּן.

ווי מען האָט נאָר אַרויסגעטראָגן דעם קיסרס אָרון, האָט זיך אָנגעהויבן דער טרויערצוג. ער האָט זיך געצויגן דורך ניעווסקי פּראָספּעקט צום פּעטראָפּאַוולאָווער סאָבאָר.

די פּראָצעסיע האָט זיך, נאַטירלעך, געצויגן דורך אַ פריער באַשטימטן צערעמאָניאַל. גאָר פּאָרויס, נאָך פאַר די זינגער מיט די גלחים, זיינען געגאַנגען פּאָרוייז די מיניסטאָרן, איך געדיינק נישט, מיט וועמען איך בין געגאַנגען. אומעטום איז אויסגעשטעלט געווען מיליטער. ס'איז געווען זייער אַ גרויסער עולם מענטשן... איך בין געווען שטאַרק פאַרדאגהט און פון דערדאָזיקער פּראָצעסיע זיינען מיר אין זכרון פאַרבליבן בלויז צוויי קליינע עפּיזאָדן:

מיר זיינען אויף ניעווסקי פּראָספּעקט, פּלוצלונג דערהער איך אַ שטימע: „סמירנאַ!" איך האָב נישט ווילנדיק אויפגעהויבן די אויגן און האָב דערזען אַ יונגן אָפיציר. דערדאָזיקער אָפיציר האָט באַלד, ווי ער האָט זיך דערנענט צום אָרון, אָפּגע-

געבן אַ באַפעל זיין עסקאַדראָן: „סמירנאַ!” אָבער גלייך נאָך זיין: „סמירנאַ!”, האָט ער אויך באַפוילן: „דעם קאָפּ רעכטס, קוק פרייליכער.”

די לעצטע ווערטער האָבן מיר געקלונגען אַזוי משונה, אַז איך האָב געפרעגט ביי מיין שכן:

—ווער איז דערדאָזיקער נאַר?

אויף וואָס מיין שכן האָט מיר געענטפערט, אַז דאָס איז דער ראָטמיסטער טרעפּאָוו. דערזעלבער טרעפּאָוו, וועלכער האָט שפּעטער געשפּילט אַזאַ אויסטערלישע ראָלע, תחילת אַלס „מאָס-קווער גראַדאָנאַטשאַלניק”, דערנאָך אַלס פּעטערבורגער גענעראַל-גובערנאַטאָר און נאָכדעם אַלס געהילף פונם אינערנמיניסטער, אָבער אינדערנאמתן, אַלס פּאַקטישער דיקטאַטאָר ביזן 17-טן אָקטאָבער. ווען איך בין געוואָרן פּאָרזיצער פון מיניסטאָרנראַט, האָט ער, פאַרשטייט זיך, נישט געקאָנט מיט מיר פאַרבלייבן און איז געוואָרן הויף-קאָמענדאַנט, אָבער גלייכצייטיק האָט ער נישט אויפגעהערט צו זיין אַ הינטערקוליסן דיקטאַטאָר. און דאָס איז טאַקע געווען די הויפּט-סיבה, וואָס איך האָב באַשלאָסן צו פאַרלאָזן דעם פּאָסטן אַלס פּאָרזיצער אין מיניסטאָרנראַט.

נאָכדעם, ווי מיר זיינען דורכגעגאַנגען די ליטיינע-בריק, האָב איך מיך ווידער געחידושט: דער אינערנמיניסטער, איוואַן ניקאָלאַיעוויטש דורנאָוואָ—איז אַרויס פון דער פּראָצעסיע און האָט, מעשה פּאָליצמייסטער, אָדער סתם פּאָליציאַנט, גע-געבן פאַרשידענע אָנווייזונגען ווי דער עולם זאָל זיך האַלטן און וואָס די פּאָליציי האָט צו טאָן.

אין יענער צייט האָבן, נאַטירלעך, די אַלע באַפעלן גע-האַט אַ שייכות נאָך צו דער אויסערלעכער אָרדענונג. אַלע זיי-נען געווען טיף גערירט פון דעם קיסרס טויט און אַלע זיינען זיכער געווען, אַז פון קיין שום צד, אפילו פון די עקסט-לינ-קע, קאָן נישט געשען קיין שום טאַט, וואָס זאָל נישט האַרמאָ-נירן מיט יענעם געפיל, וואָס האָט דעמאָלט אַרומגעכאַפּט גאַנץ רוסלאַנד צו דעם פאַרשטאָרבענעם קיסר.

ווען איך רייד וועגן דעם אינערנמיניסטער, איוואַן ניקאָ-לאַיעוויטש דורנאָוואָ און דערצייל וועגן די ערשטע טעג נאָכ-דעם ווי אַלעקסאַנדער III איז געשטאָרבן, דערמאָן איך מיך יעדעס מאָל אָט וואָס:

ווען מען האָט באַקומען די ידיעה וועגן דעם קיסרס טויט, בין איך אַוועקגעפאָרן צו איוואַן ניקאָלאַיעוויטשן, מיט וועלכן איך האָב געוואָלט איבערשמועסן וועגן מאַנכע פראַגן. ער האָט געוואוסט, ווי ווייט איך בין געווען צוגעבונדן צום קיסר, ווי איך האָב, אַ שטייגער, געוואוסט, וויאַזוי איוואַן ניקאָלאַיעוויטש האָט אים ליב געהאַט. מיר האָבן זיך ביידע געפונען אין זייער אַ שווערער און געדריקטער שטימונג.

און אָט האָט איוואַן ניקאָלאַיעוויטש זיך אָנגערופן צו מיר:

—וואָס טראַכט איר, סערגיי יוליעוויטש, מכוח אונזער נייעם קיסר?

איך האָב געענטפערט, אַז וועגן מלוכה-ענינים האָב איך גערעדט מיט אים ווייניק, אַז איך וויים, אַז ער איז לחלוטין נישט פראַקטיש, אָבער אויך נישט קיין נאַר און אַז אויף מיר האָט ער אַלעמאָל געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ וואוילן און גוט דערצויגענעם יונגנמאַן. אינדערעמתן האָב איך טאַקע זעלטן ווען באַגעגנט אַזאַ גוט דערצויגענעם מענטשן, ווי ניקאָלאַי II, און אַזאַ איז ער אויך פאַרבליבן. דידאָזיקע מעלה פאַרדעקט אַלע זיינע חסרונות. אויף דעם האָט א. נ. דורנאָוואָ געענט-פערט: „איר האָט אַ טעות, סערגיי יוליעוויטש, איר וועט מיך דערמאָנען אַמאָל—דאָס וועט זיין אַ מין קאָפּיע פון פּאַוול פּעטראָוויטש, אָבער אַ מאָדערנע קאָפּיע.” שפּעטער פלעג איך אָפט דערמאָנען דעמדאָזיקן שמועס. געוויס, דער קיסר ניקאָלאַי II איז נישט פּאַוול פּעטראָוויטש, אָבער אין זיין כאַראַקטער זיינען דאָ נישט ווייניק שטריכן, וואָס דערמאָנען דעם לעצטן און אפילו אַלעקסאַנדער I (מיסטיציזם, פאַלשקייט), אָבער, נאַ-טירלעך, אָן דער בילדונג פון אַלעקסאַנדער I. אַלעקסאַנדער I איז פאַר זיין צייט געווען איינער פון די געבילדעטסטע רוסי-שע מענטשן. דער קיסר ניקאָלאַי II אָבער פאַרמאָגט, לויט זיין

צייט, די מיטעלע בילדונג פון אַ גוואַרדיע-פּאָלקאָווניק פון אַ פיינער משפחה.

כמעט אין דער אייגענער צייט, ווי איך האָב מיך געזען מיט איוואַן ניקאָלאַיעוויטשן האָב איך אויך געהאַט אַ שמועס מיט קאָנסטאַנטין פּעטראָוויטש פּאָבעדאָנאָסצעוון.

ווען איך בין געקומען צופאָרן צו פּאָבעדאָנאָסצעוון, איז ער אויך געווען זייער צוקלעמט פון קיסרס טויט. וועגן ניקאָלאַי II אָבער האָט ער זיך אַרויסגעזאָגט גאַנץ אומבאַשטימט, הגם ער איז געווען זייגער אַ לערער און האָט זיך באַצויגן צו אים מיט ליבע. קודם כל האָט ער מורא געהאַט, אַז דער קיסר ניקאָלאַי II זאָל, צוליב זיין יונגקייט און נישט דערפאַרנקייט, נישט אַרונטערפאַלן אונטער אַ שלעכטער ווירקונג. אָבער איך האָב מיך באַמיט נישט אונטערצוהאַלטן דעמדאָזיקן שמועס.

דער קערפער פון פאַרשטאָרבענעם קיסר איז אַרויסגעשטעלט געווען אין פּעטראָפּאַוולאָווער סאָבאָר. איך האָב עטלעכע מאָל געהאַלטן וואַך ביים מת. די גאַנצע צייט זיינען געקומען מאַסן מענטשן.

דערנאָך איז פאָרגעקומען די קבורה, וועלכע האָט זיך געצויגן זייער לאַנג.

די קייזערין מאַריע פיאָדאָראָוונע איז די גאַנצע צייט געשטאַנען זייער מוטיק. ווען אָבער דער מיטראָפּאָליט האָט געהאַלטן ביים ענדיקן זיין לאַנגע דרשה, האָבן דער קייזערינס נערוון נישט אויסגעהאַלטן און זי האָט באַקומען אַ היסטערישן אַטאַק, אָבער ער האָט נישט לאַנג געדויערט. זי האָט געשריען: „גענוג! גענוג! גענוג!”

נאָך דער לויה, אין עטלעכע טעג אַרום, האָב איך מיך פאָרגעשטעלט דער קייזערין-אלמנה.

אין אָנהויב פון אַלעקסאַנדער דעם III-טנס ממשלה האָט זי זיך צו מיר גאַנץ גוט באַצויגן, אָבער נאָך מיין חתונה— שוין צוריקגעהאַלטן און טרוקן*).

דאָסמאָל, ווען איך האָב נאָך דעם קיסרס טויט זיך פאָרגעשטעלט דער קייזערין, האָט זי מיך גאַנץ וואַרעם אויפגענו-

*) ווייל חיסע האט חתונה געהאט מיט א [illegible] ר.

מען און צווישן אַנדערע אַ זאָג געטאָן אַזאַ מין פראַזע:
—איך מיין, אַז איר ליידט זייער פון קיסרס טויט. ער האָט אייך באמת זייער ליב געהאַט.

אין די ערשטע חדשים פון ניקאָלאַי II ממשלה איז געקומען צופאָרן קיין פעטערבורג דער פרינץ פאָן־אועלס. ווי עס איז באַוואוסט, איז דער קינפטיקער קעניג עדוואַרד VII געווען אַ פעטער פון דער דאַרמשטאַטער פרינצעסין אַליסע, אונזער היינטיקער קייזערין, און דערפאַר איז ער מיט איר זייער באַפריינדעט געווען. און אָט, ווען ער איז געווען אין פעטערבורג אויף איינעם פון די ערשטע פרישטיקן צוזאַמען מיטן קיסר און דער קייזערין, ווען זיי זיינען געווען זאַלבעדריט, האָט ער פלוצלונג אַ זאָג געטאָן צו דער קייזערין גאַנץ נישט דיפלאָמאַטיש: „ווי ענלעך דיין מאַן איז מיטן פראָפיל צו דעם פראָפיל פון קיסר פאַוול.״ דאָס איז זייער נישט געפעלן געוואָרן—נישט דעם קיסר און נישט דער קייזערין.

נישט געקוקט דערויף, האָט דער פרינץ פאָן-אועלס, אין די ערשטע חדשים נאָך אַלעקסאַנדער III טויט, אַרויסגעוויזן אַ האַרציקע פריינטשאַפט דער קייזערין־אלמנה און דעם קיסר, נישט נאָר פון דער פאָרמעלער זייט, ווי דאָס האָבן געטאָן אַלע קייזערלעכע הייזער, נאָר אויך פון דער נאָענטער, אינטימער זייט.

נאָך דער לויה פון אַלעקסאַנדער III בין איך אין עטלעכע טעג אַרום געווען מיט אַן אַלאונטערטעניקסטן באַריכט ביים יונגן קיסר ניקאָלאַי. דער נייער קיסר האָט אָן שום ספק ליב געהאַט זיין פאָטער און איז זייער צעטראָגן געווען פון זיין טויט. אויסערדעם, האָט ער זיך געשפירט פאַרלעגן צוליב זיין נייער לאַגע, צו וועלכער ער איז לגמרי נישט צוגעגרייט געווען. אין פעטערבורג איז ער דעמאָלט געקומען מיט זיין כלה, מיט דער שפעטערדיקער קייזערין אַלעקסאַנדרע פיאָדאָראָווגע, אין וועלכער ער איז, ווי מען האָט געשמועסט, געווען פאַרליבט. אויף אַזאַ אופן האָט זיך דער יונגער קיסר געפונען

אונטער דער השפעה פון פאַרשידנאַרטיקע געפילן און שטאַרקע איינדרוקן.

ווען איך בין געקומען צום קיסר מיט מיין ערשטן אַל־אונטערטעניקסטן באַריכט, האָט מיך ניקאָלאַי II באַגעגנט זייער פריינטלעך: ער האָט געוואוסט, אַז דער פאָטער זיינער האָט זיך צו מיר אויסערגעוויינלעך גוט באַצויגן. אויסערדעם, האָב איך ביי אים אויסגענומען, ווען ער איז נאָך געווען טראָניורש. שוין דעמאָלט, נאָך גאָר אַ יונגער מענטש, איז ער אַלעמאָל געווען גוט געשטימט צו מיר און ער האָט דאָס אויך אַרויס־געוויזן אינם קאָמיטעט פונם סיבירער אייזנבאַן־וועג, אין וועלכן ער איז געווען פאָרזיצער.

ווען איך בין צוגעטראָטן צום באַריכט, האָט מיר דער קיסר ניקאָלאַי געשטעלט די פאָלגנדיקע פראַגע: „און וואו געפינט זיך דער באַריכט וועגן אייער נסיעה אויפן מורמאַן? קערט מיר אים אום.״

איך האָב געמעלדן דעם קיסר, אַז דעמדאָזיקן באַריכט האָט מיר זיין פאַרשטאָרבענער פאָטער נישט אָפּגעגעבן. דע־מאָלט האָט מיר דער קיסר געזאָגט, אַז דעם באַריכט האָט אים פאָרגעלייענט (אָדער געוויזן) דער פאַרשטאָרבענער קיסר נאָך אין ביעלאָוועזשער פּאַלאַץ (אַלעקסאַנדער III איז דאָרט געווען פריער, איידער ער איז אַריבערגעפאָרן קיין ליוואַדיע), און אַז אויף דעם באַריכט האָט אַלעקסאַנדער III אָנגעשריבן געוויסע רעזאָלוציעס.

איך האָב ווידעראַמאָל באַשטעטיקט, אַז דעמדאָזיקן באַ־ריכט האָב איך צוריק נישט באַקומען. ניקאָלאַי II האָט זיך שטאַרק פאַרחדושט און האָט געזאָגט, אַז ער וועט אים באַ־שטימט אויסזוכן.

אין דעם צווייטן פריטיק (מיינע באַריכטן פלעגן אַלע־מאָל זיין פרייטיק) האָט מיר דער קיסר געזאָגט, אַז ער האָט געפונען דעם באַריכט און האָט גענומען ריידן מיט מיר וועגן דעם, אַז ער האַלט פאַר נייטיק דורכצופירן דעמדאָזיקן באַריכט אין לעבן, אָבער קודם כל זיין גרונט־געדאַנק. דאָס הייסט, דאָס

אויסבויען אונזער ים־שטיצפּונקט אויפן מורמאַן אין יעקאַטערי־ נישן האַפן. דערנאָך האָט דער קיסר גערעדט וועגן דעם, אַז מען דאַרף נישט פאַרווירקלעכן דעם פּראָיעקט וועגן די גראַנ־ דיעזע בנינים אין ליבאַווע, ווייל ליבאַווע שטעלט מיט זיך פאַר אַזאַ האַפן, וואָס קאָן רוסלאַנד קיין שום נוצן נישט ברייננען, און ווייל דערדאָזיקער האַפן געפינט זיך נאָך דערצו אין אַזאַ לאַגע, אַז אין פאַל פון אַ מלחמה, וועלן דאָרט אונזערע שיפן בלאָקירט ווערן. בכלל האָט זיך דער קיסר אַרויסגעזאָגט קעגן דעם האַפן.

וועגן דערדאָזיקער פראַגע זיינען דעמאָלט געווען צוויי דעות: איין דעה, וועלכע איך האַלט פאַר אַ פולקום ריכטיקע, איז געווען קעגן דעמדאָזיקן האַפן, ווייל ער קאָן אונז קיין שום נוצן נישט ברייננען; און אַ צווייטע דעה—אַז דער הויפּט־ שטיצפּונקט פון אונזער פלאָט זאָל זיין דוקא ליבאַווע און דאָרט זאָל איינגעאָרדנט ווערן אַ גרויסער מיליטערישער האַפן.

און אָט האָט דער קיסר ניקאָלאַי II געוואָלט תיכף מעלדן דורך אַ באַפעל, אַז דער הויפּט־מיליטערישער האַפן דאַרף איינ־ געאָרדנט ווערן אויפן מורמאַן אין יעקאַטערינישן האַפן, און דער יעקאַטערינישער האַפן דאַרף פאַרייניקט ווערן דורך אַן אייזנבאַן־וועג מיט איינער פון די נאָענטע סטאַציעס, וואָס גע־ הערן צו דעם פּעטערבורגער אייזנבאַן־וועג.

איך, פון מיין זייט, האָב דערדאָזיקער זאַך מיטגעפילט, אָבער איך האָב געראַטן זיין מאַיעסטעט זיך נישט צו איילן דערמיט און נישט אַרויסצוגעבן תיכף דעמדאָזיקן באַפעל, דאָס הייסט—נישט אין די נאָענטסטע וואָכן נאָכן פאָטערס טויט, ווייל דאָס וועט זיכער אַרויסרופן אַ פאַמיליען־סכסוך. דער גענעראַל־ אַדמיראַל אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש (היינט אַ פאַרשטאָרבענער) וועט דאָס באַטראַכטן ווי אַ באַליידיקונג קעגן זיך, ווייל ער איז איינער פון די בויער פונם ליבאַווער האַפן. דערצו איז דער גרויספירשט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש זייער נאָענט צו דער קייזערין־אלמנה, וועלכע וועט איצט, נאָך אַלעקסאַנדער III טויט, זיין צו אים נאָכמער צוגעבונדן. דער גרויספירשט

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש, וואָס איז נאָך געווען אַ בחור צווישן די אַלע גרויספירשטן, די ברידער פון איר פאַרשטאָרבענעם מאַן, איז אַלעמאָל זייער נאָנט געווען מיט דער קייזערין מאַריע פיאָדאָראָווגע. אויף אַזאַ אופן בין איך זיכער געווען, אַז דערדאָזיקער באַפעל וועט אַריינטראָגן אַ סכסוך אין דער קייזערלעכער פאַמיליע אין די ערשטע וואָכן נאָך אַלעקסאַנדער III טויט, וואָס איז, פאַרשטייט זיך, גלייכער געווען אויסצומיידן.

דערצו וועט מען אודאי זאָגן, אַז דער קייסר ניקאָלאַי II איז אָקאָרשט אַרויף אויפן טראָן, אַז ער האָט נאָך גאָר קיין צייט נישט געהאַט דורכצושטודירן די זאַך ווי געהעריק און דעריבער האַנדלט ער מסתמא אונטער עמיצענס השפעה.

דערויף האָט מיר דער קייסר געענטפערט, אַז ריידן אַזוי קאָן מען נישט, ווייל אויף מיין אַלאונטערטעניקסטן באַריכט וועגן מיין נסיעה צום מורמאַן האָט ער אַלעקסאַנדערס רעזאָלוציעס. אָבער אַזוי, צי אַנדערש—דער קייסר האָט שטאַרק געהאַלטן פון מיינע אָנמערקונגען און האָט געזאָגט, אַז מיט דער זאַך וועט ער, ווי ס'ווייזט אויס, אַ ביסל אָפּוואַרטן.

אַ צוויי-דריי חדשים זיינען אַוועק און מיטאַמאָל לייען איך אין „פּראַוויטעלסטוועני וויעסטניק" (רעגירונגסצייטונג) אַ באַפעל פון קייסר ניקאָלאַי II וועגן דעם, אַז ער האַלט פאַר נויטיק צו מאַכן פאַר אונזער הויפּט-ים-שטיצפּונקט ליבאַווע און צו פאַרווירקלעכן די אַלע פּלענער, וועלכע זיינען דאָ וועגן דער זאַך און אָנרופן דעמדאָזיקן האַפן—האַפן פון קייסר אַלעקסאַנדער III, אַרויסגייענדיק דערפון, אַז אַלעקסאַנדער III זאָל דאָס האָבן איבערגעלאָזט ווי זיינע אַ צוואה.

מיך האָט דערדאָזיקער באַפעל געוואַלטיק פאַרחידושט, ווייל מיר איז באַוואוסט געווען—דער קייסר אַליין האָט מיר געזאָגט, אַז דער פאַרשטאָרבענער קייסר אַלעקסאַנדער III האָט זיך נישט בלויז געהאַלטן ביי אַן אַנדער מיינונג, נאָר מיט עטלעכע חדשים פאַר זיין טויט האָט ער אויף מיין באַריכט (וועלכער געפינט זיך מסתמא אין פערזענלעכן אַרכיוו ביים קייסר ניקאָלאַי II) אויך אַרויסגעזאָגט גאָר אַן אַנדער מיינונג.

אין עטלעכע טעג אַרום נאָכדעם, ווי ס'האָט זיך באַוויזן דער באַפעל, איז צו מיר געקומען קאַזי, אַ מענטש זייער אַ נאָענטער צום גרויספירשט קאָנסטאַנטין קאָנסטאַנטינאָוויטש, און האָט זיך אָנגערופן צו מיר: „אָט ווי די גרויספירשטן נוצן אויס דאָס, וואָס דער קיסר איז נאָך יונג, וואָס ער איז נישט לאַנג אַרויף אויפן טראָן און האָט זיך נאָך, אַזוי צו זאָגן, נישט פאַר־פעסטיקט און ווי זיי פירן אויס וואָס זיי ווילן.” קאַזי האָט מיר דערציילט, אַז נאָך דעם באַפעל וועגן דעם ליבאַווער האַפן איז דער קיסר ניקאָלאַי II געקומען צופאָרן צום גרויספירשט קאָנ־סטאַנטין קאָנסטאַנטינאָוויטש און האָט זיך מיט טרערן אין די אויגן באַקלאָגט פאַרן גרויספירשט דערויף, וואָס דער גענעראַל־אַדמיראַל גרויספירשט אַלעקסיי האָט אים געצוואונגען אונטער־צושרייבן אַ באַפעל, וועלכער איז סותר זיין פערזענלעכער אי־בערצייגונג און דער איבערצייגונג פון זיין פאָטער. דער קיסר ניקאָלאַי II האָט אים אָבער נישט געקאָנט אָפּזאָגן, ווייל דער גרויספירשט האָט אַזוי אַוועקגעשטעלט די פראַגע, אַז אויב דאָס וועט נישט געמאַכט ווערן, וועט ער זיך פילן זייער באַליידיקט און וועט זיך מוזן אָפּזאָגן פון זיין פאָסטן.

גרויספירשט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש איז אפילו בטבע געווען אַ ליבער, ערלעכער און אָנשטענדיקער מענטש, אָבער אין געשעפטלעכע ענינים איז ער געווען נישט גענוג ערנסט און מיט אים פלעגט אָנפירן דער פאַרוואַלטער פון ים־מיני־סטעריום ניקאָלאַי מאַטוויעיעוויטש טשיכאַטשאָוו. און אויף אַזאַ אופן איז די אידייע וועגן אויסבויען דעם באַלטישן האַפן דורכ־געפירט געוואָרן דורך נ. מ. טשיכאַטשאָוון, אַ מענטש אויך זייער אַ ליבער, אַ קלוגער, אָבער קלוג דאָס רוב אין קאָמערציעלע, נישט־מיליטערישע ענינים. טשיכאַטשאָווס סעקרעטאַר איז געווען דער אַדמיראַליטעט־פּאָלקאָווניק (שוין היינט אַ גענעראַל) אָברו־טשאָוו, אַ ברודער פון באַרימטן אָברוטשאָוון, דעם שעף פון הויפּטשטאַב, וועלכער איז געווען אַן אויטאָריטעט אַלס מיליטער־מאַן. ער איז באמת געווען אַן אָנגעזעענער מיליטערישער טעאָ־רעטיקער און אַן איבערצייגטער אָנהייגער פון אַ מיליטערישן

ים-שטיצפונקט אין ליבאַווע. אַזויאַרום האָט טשיכאַטשאָוו דאָ דורכגעפירט די מיינונג פון דעמדאָזיקן אויטאָריטעטן מיליטער-מאַן.

די מערהייט אָבער פון די ים-לייט, און צווישן זיי אויך קאַזי, האָט זיך געהאַלטן גאָר ביי אַן אַנדער מיינונג. צו יענער צייט האָט קאַזי געשפּילט זייער אַ גרויסע ראָלע אין פּעטערבורג. ער איז שוין דעמאָלט געווען אין דעמיסיע. גאָר אַמאָל, ווען נ. מ. טשיכאַטשאָוו איז נאָך געווען דירעקטאָר פון דער רוסישער געזעלשאַפט פאַר האַנדל און שיפבוי", איז קאַזי געווען זיינער אַ געהילף. דערנאָך איז ער זיך מיט אים פאַנאַנדערגעגאַנגען. קאַזי איז אָן שום ספק געווען אַ מענטש פון גרעסערע פעאיקייטן, ווי טשיכאַטשאָוו. וואָס איז שייך צו דער פראַגע וועגן דעם ליבאַווער האַפן, האָט קאַזי, ווי נאָך אַ סך אַנדערע ים-לייט, געהאַלטן, אַז אויסבויען אונזער האַפן אין ליבאַווע וואָלט געהייסן נאָר אומזיסט אַרויסוואַרפן געלט,—ווי דאָס האָט זיך טאַקע סוף כל סוף אַרויסגעוויזן אין דער ווירקלעכקייט. זיין געדאַנק איז געווען אַזאַ, אַז מיר דאַרפן זוכן אַ שטיצפונקט פאַר אונזערע ים-קרעפטן אין איינעם פון די אָפענע ימים, בכדי אין פאַל פון אַ מלחמה זאָלן מיר נישט קאָנען פאַרשפּאַרט ווערן אין דעמדאָזיקן האַפן. אגב אורחה איז דאָס זיין איינפאַל געווען אויסצובויען אונזער שטיצפונקט אויפן מורמאַן אין דעם יעקאַטערינען-האַפן.

אָבער ווי איך האָב שוין געזאָגט, האָט דער מזל אַנדערש איינגעאָרדנט די זאַך: קיסר ניקאָלאַי II האָט אונטערגעשריבן אַ באַפעל—קעגן זיין פערזענלעכער איבערצייגונג, קעגן זיין אייגענעם ווילן,—אויסצובויען אַ האַפן אין ליבאַווע און דעמדאָזיקן האַפן האָט ער געגעבן אַ נאָמען נאָך זיין פאַרשטאָרבענעם פאָטער אַלעקסאַנדער III, אין דער צייט ווען אַלעקסאַנדער III—ווי מיר איז דאָס גוט באַוואוסט געווען און ווי מען זעט דאָס אויך פון זיינע רעזאָלוציעס אויף מיין באַריכט איבערן מורמאַן, האָט נישט נאָר נישט מיטגעפילט דערדאָזיקער זאַך,—ער האָט עס אפילו געהאַלטן פאַר אַ שעדלעכע זאַך.

ווען קאַזי האָט מיר דערציילט, וויאַזוי דאָס אַלץ איז געשען, ווי דער קיסר ניקאָלאַי II האָט מיט טרערן אין די אויגן דערציילט דעם גרויספירשט קאָנסטאַנטין קאָנסטאַנטינאָוויטשן וועגן דעם, און ווי דער גרויספירשט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט אים, אַזוי צו זאָגן, פאַרגוואַלטיקט אין דערדאָזיקער פראַגע, האָב איך, קענענדיק דעם כאַראַקטער פונם יונגן קיסר, אַ טראַכט געטאָן, אַז ער וועט דידאָזיקע געשיכטע נישט פאַרגעסן און אַז סוף כל סוף וועט נ. מ. טשיכאַטשאָוו דערפאַר באַצאָלט ווערן. און עס איז טאַקע נישט אַוועק קיין יאָר צייט, ווי ניקאָלאַי II האָט אין מאָסקווע געמאַכט אַזוי, אַז נ. מ. טשיכאַטשאָוו זאָל באַזייטיקט ווערן פון זיין פאָסטן אין ים-מיניסטעריום. אויף זיין אָרט איז דעמאָלט באַשטימט געוואָרן אַדמיראַל טירטאָוו.

דאָס איז געווען, אַזוי צו זאָגן, אַ נקמה-אַקט. אויף דער עצם-זאַך האָט די באַזייטיקונג פון נ. מ. טשיכאַטשאָוון קיין שום ווירקונג נישט געהאַט. פאַר טירטאָווס צייט איז דאָס ים-מיניסטעריום געפירט געוואָרן מיטן זעלבן פאַלשן דרך, ווי פאַר טשיכאַטשאָוון. אין עטלעכע יאָר אַרום איז טירטאָוו געשטאָרבן און פאַרוואַלטער פון מיניסטעריום איז געוואָרן אַדמיראַל אַוועלאַן. אָבער דאָס מיניסטעריום איז זיך ווייטער געגאַנגען מיטן זעלבן דרך, הגם סיי טירטאָוו און סיי אַוועלאַן זיינען בײדע געווען גאַנץ קלוגע און זייער וואוילע מענטשן. לויט זייערע פעאיקייטן אָבער זיינען זיי געשטאַנען זייער נידעריק.

דערווייל האָט אָבער דער אומגליקלעכער באַשלוס זיך אָפּצוזאָגן פון אונזער שטיצפונקט אויפן מורמאַן און זיך באַזירן אין ליבאַווע, געבראַכט צו זייער טרויעריקע רעזולטאַטן. האָבנדיק פאַר די אויגן דידאָזיקע רעזולטאַטן, איז מיר שפּעטער אויסגעקומען צו באַדויערן, וואָס איך האָב דעמאָלט, ווען דער קיסר ניקאָלאַי האָט געוואָלט אַרויסגעבן דעם באַפעל וועגן אויסבויען אונזער שטיצפונקט אויפן מורמאַן, אים אָפּגערעדט דערפון. אמת, ווי איך האָב שוין פריער געזאָגט, האָב איך עס אים נישט געראַטן צו מאַכן אין די ערשטע וואָכן נאָכן פּאָטערס

טויט און אַרויסגעבן עס אין אַ מער רואיקערער פֿאָרם. ס׳לאָזט
זיך אָבער אויס, ווי כ׳האָב זיך שפּעטער איבערצייגט אין אַ סך
פֿאַלן, אַז אויב דו האָסט צו טאָן מיט מענטשן וואַקלדיקע, איז
זייער ווילטיק אונטערצוכאַפּן דעם מאָמענט, ווייל טאָמער וועסטו
דעם פּאַסיקן מאָמענט אַדורכלאָזן, ווערסטו נאָכדעם די זאַך גופא
אויך מוזן אַדורכלאָזן.

איך זאָג, אַז דער באַשלוס האָט געהאַט ווילטיקע פֿאָלגן
און אָט פֿאַרוואָס: ווען דער קיסר ניקאָלאַי II וואָלט דעמאָלט
אַרויסגעגעבן דעם באַפֿעל, אַז מען דאַרף בויען אונזער ים-
באַזיס אויפֿן מורמאַן, וואָלט ער זיך מסתמא שטאַרק אַריינגע-
טאָן דערין, ווי אַ זאַך, וואָס איז נאָך איבערגעבליבן בצוואה
פֿון זיין פֿאָטער. דעמאָלט וואָלטן מיר מסתמא נישט געזוכט קיין
אויסגאַנג אין אָפֿענעם ים אויפֿן ווייטן מזרח און ס׳וואָלט נישט
געמאַכט געוואָרן דערדאָזיקער אומגליקלעכער שריט—דאָס פֿאַר-
כאַפּן פּאָרט-אַרטור, און שפּעטער, בשעת מיר זיינען געקומען
צו אַזאַ ירידה און זיינען געגאַנגען פֿון שטאַפּל צו שטאַפּל
אַראָפּ, וואָלטן מיר דאָך נישט דערגאַנגען ביז צושימע.

מחמת דער קיסר ניקאָלאַי II איז בכלל אומגעריכט אַרויף
אויפֿן טראָן, איז ער, פֿאַרשטייט זיך, נישט געווען דערצו, ווי
געהעריק צוגעגרייט, און דערפֿאַר האָט ער זיך טאַקע שטענדיק
געפֿונען אונטער עמעצנס השפּעה. באַזונדערס שטאַרק האָבן
געווירקט אויף אים די גרויספֿירשטן.

אין די ערשטע יאָרן פֿון זיין ממשלה האָט די הויפּט-
ווירקונג געהאַט אויף אים די קייזערין-מוטער. אָבער דאָס האָט
געדויערט נישט לאַנג. נאָכדעם הויבט זיך אָן די השפּעה פֿון
די גרויספֿירשטן, וועלכע האַלט זיך נאָך ביזן היינטיקן טאָג, הגם
אין אַ קלענערער מאָס. ביי היינטיקן טאָג איז דער קיסר אי-
בערצייגט, אַז ער ווייס אַ סך מער און איך באַדייטנדיק מער
דערפֿאַרן פֿון די אַלע מיטגלידער פֿון דער קייזערלעכער פֿאַ-
מיליע, וואָס רינגלען אים אַרום. ער איז שוין קיסר פֿופֿצן יאָר,
האָט שוין אַ סך אין זיין לעבן דורכגעמאַכט, אַ סך געזען און
האָט, אַ דאַנק דעם, לפּחות דערוואָרבן אַ ריין מעכאַנישע גע-

ניטקייט אין דער אָנפֿירונג, וואָס קיינער פֿון זיינע פֿאַמיליען-מענטשן פֿאַרמאָגט עס נישט.

אין אָנפֿאַנג פֿון ניקאָלאַיס ממשלה איז די לאַגע, נאַטירלעך, געווען אַן אַנדערע. דעמאָלט האָט נאָך געלעבט דער גרויספירשט וולאַדימיר אַלעקסאַנדראָוויטש און די גרויספירשטן אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש און סערגיי אַלעקסאַנדראָוויטש—זיינע פֿעטערס. דאָס זיינען געווען מענטשן, וואָס האָבן פֿאַרנומען מער אָדער ווייניקער אָנגעזעענע מלוכה-פאָסטנס שוין דעמאָלט, ווען דער קיסר איז נאָך געווען גאָר אַ קינד. זיי האָבן בלי שום ספק געהאַט אַ גרעסערע דערפֿאַרנקייט און אָנזען און ס'איז אויך נאַטירלעך, אַז זיי האָבן דעריבער געהאַט אויף אים אַ שטאַרקע השפעה. היינט זיינען שוין די אַלע גרויספירשטן אויסגעשטאָרבן. דערביי מוז מען באַמערקן, אַז צווישן די גרויספירשטן איז וולאַדימיר אַלעקסאַנדראָוויטש געווען אַ מענטש פֿון גרויסער בילדונג און שטאַרקער קולטור. אין אַלגעמיין זיינען זיי אַלע געווען זעלטענע מענטשן און אויך גוטע גרויספירשטן. צום באַדויערן, מוז מען אָבער זאָגן, אַז בכלל שפילן אָפטמאָל די גרויספירשטן אַ געוויסע ראָל נאָר דערפֿאַר אַליין, ווייל זיי זיינען גרויספירשטן, בשעת דידאָזיקע ראָל איז נישט צוגעפאַסט נישט צו זייערע ידיעות, נישט צו זייער בילדונג און נישט צו זייערע פֿעאיקייטן.

ווען אָבער אַזוינע פירשטן הויבן אָן צו ווירקן אויפֿן קיסר, קומען דערפֿון דאָס רוב מער ווי אומגליקן נישט אַרויס. מען מוז זאָגן, אַז פֿאַר אַלעקסאַנדער III זיינען די גרויספירשטן געגאַנגען נאָכן שטריקעלע. דער פֿאַרשטאָרבענער קיסר האָט זיי געהאַלטן אין האַנט און פֿאַר זיין צייט האָבן זיי זיך נישט געקאָנט אַריינמישן אין אַזעלכע ענינים, וואָס האָבן צו זיי קיין שום שייכות נישט געהאַט. אַלעקסאַנדער III האָט אפילו אין זייערע פֿאַרוואַלטונגס-געביטן אויך פֿאַרשטאַנען, וויאַזוי זיי איינצוצוימען. ער איז געווען פֿאַר זיי אַ גרויסער אויטאָריטעט. אַלע גרויספירשטן האָבן ליב געהאַט אַלעקסאַנדער III, אָבער גלייכצייטיק אויך מורא געהאַט פֿאַר אים. זינט אָבער עס איז אַרויף

אויפן טראָן דער נייער קיסר, האָט זיך אַלץ געענדערט. דאָס
איז גאַנץ נאַטירלעך אין דערקלערט זיך קודם כּל מיט דער
אונטערשייד אין עלטער און אין לעבנסדערפאַרונג צווישן קיסר
און מאַנכע גרויספירשטן. דערצו האָט דאָ אויך געשפּילט אַ ראָ-
לע דאָס געפיל פון דרך ארץ, וואָס דער יונגער קיסר האָט
געשפּירט צו זיינע עלטערע קרובים און צולעצט אויך זיין ווייַ-
כער כאַראַקטער און טעמפּעראַמענט. דערדאָזיקער אומשטאַנד
איז אָבער געווען די סיבה פון אַ סך אומגינסטיקע דערשיינונ-
גען, בעסער געזאָגט—אומגליקן אין דער צייט פון ניקאָלאַי II
ממשלה. דערעיקרשט מוז דאָס געזאָגט ווערן וועגן די ערשטע
יאָרן פון זיין הערשאַפט, דעמאָלט, ווען ער האָט זיך נאָך, אַזוי
צו זאָגן, ווי אַ פּערזענלעכקייט נישט אַרויסגעוויזן.

פון די ווערטער פון געוועזענעם קריגסמיניסטער, שפּע-
טער בילדונגסמיניסטער, גענעראַל-אַדיוטאַנט וואַנאָווסקי, איז מיר
באַקאַנט אַזאַ מין מעשה: אין די ערשטע צייטן פון ניקאָלאַי II
ממשלה, ווען גענעראַל וואַנאָווסקי האָט באַמערקט, אַז עס פאַר-
שטאַרקט זיך די השפּעה פון די גרויספירשטן אויפן קיסר אין
אַלע ענינים, באַזונדערס אויפן מיליטערישן געביט, האָט ער
אַמאָל אַ זאָג געטאָן צום קיסר:

—„אייער מאַיעסטעט, פירט נישט איין צוריק די פּעאָדאַ-
לע אָרדנונג, וואָס אייער פאָטער האָט זי אויסגעוואָרצלט.“

דער קיסר האָט געפרעגט: „וועגן וואָס פאַר אַ פּעאָדאַ-
לער אָרדנונג רעדט איר?“

וואַנאָווסקי האָט געענטפערט:

—וועגן יענער פּעאָדאַלער אָרדנונג, ענלעך צו דער, וואָס
האָט געהערשט אינעם אַלטן רוסלאַנד, וואו יעדער גרויספירשט
האָט באַזונדער געוועלטיקט. דאָס איז געווען אין יענע צייטן,
ווען רוסלאַנד האָט זיך נאָך נישט באַהעפט אין איין מאָסקווער
מלוכה.

דידאָזיקע אָרדנונג, נאָר אַ ביסל אין אַן אַנדער פאָרם,
לאָזט זיך ווידער באַמערקן פאַר די צייטן פון אַלעקסאַנדער II,

ווען די גרויספירשטן האָבן זיך ווידער געגומען אַריינמישן אין יענע ענינים, וואָס האָבן צו זיי קיין שום שייכות נישט געהאַט. דער קיסר אַלעקסאַנדער III האָט צו דעם אַ סוף געמאַכט.

ניקאָלאַי II האָט אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט:

—נו, איך, פּיאָטר סעמיאָנאָוויטש, וועל זיי אויך אַ ביסל אונטערשניידן די פליגלען.

צום באַדויערן, איז דאָס אָבער געמאַכט געוואָרן נישט גענוג ענערגיש. מאַנכע גרויספירשטן האָבן די גאַנצע צייט געהאַט אַ שלעכטע ווירקונג אויפן קיסר. באַזונדערס דער גרויספירשט אַלעקסאַנדער מיכאַילאָוויטש, וואָס זיין ווייב איז געווען דעם קיסרס שוועסטער. איך רעכן, אַז ווען נישט דער גרויספירשט, וואָלטן אונז מסתמא אויסגעמיטן די אַלע אומגליקן, וואָס מיר האָבן געליטן אויפן וויטן מזרח.

ווען ניקאָלאַי II איז אַרויף אויפן טראָן, האָט פון אים, אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקן, העל אַרויסגעשיינט עפּעס אַ מין גוטסקייט צו אַלעמען. ער האָט באמת אויפריכטיק געוואונטשן רוסלאַנד, אינגאַנצן גענומען, אַלע נאַציאָנאַליטעטן, וואָס האָבן עס באַוואוינט און אַלע זיינע אונטערטאַנען, גליק און פרידן. דער קיסר האָט בלי שום ספק זייער אַ גוט הארץ, און אויב פּאַר די לעצטע יאָרן האָבן זיך אַרויסגעוויזן אַנדערע סימנים פון זיין כאַראַקטער, איז דאָס נאָר דערפאַר, ווייל דעם קיסר איז אויסגעקומען זייער פיל איבערצולעבן. מעגלעך, אַז אין מאַנכע איבערלעבונגען זיינע איז ער אַליין שולדיק געווען, ווייל ער האָט זיך אָנגעטרויט נישט קיין פּאַסיקע מענטשן, אָבער געטאָן האָט ער דאָס זיכער דערפאַר, ווייל ער האָט געמיינט, אַז דאָס איז גוט אַזוי.

ניקאָלאַי II איז לכל הדעות אַ מענטש זייער אַ גוטער און אַ זעלטן גוט דערצויגענער. כ'קאָן זאָגן, אַז איך האָב אין מיין לעבן נישט באַגעגנט אַ בעסער דערצויגענעם מענטשן, ווי דער קיסר ניקאָלאַי II.

באַלד אין די ערשטע חדשים פון זיין הערשאַפט האָט ער חתונה געהאַט. די חתונה איז פאָרגעקומען אין ווינטער-פּאַלאַץ,

און צוליב דער אבלות—אָן שום פייערלעכקייטן. גלייך נאָכדעם איז ער אָפּגעפאָרן קיין צאַרסקאָיע סעלאָ און דאָרט האָט ער פאַרבראַכט זיין האָניג-חודש.

ביז נאָך דער חתונה האָט ער געוואוינט אין אַניטשקאָ-ווער פּאַלאַץ. ווען ער האָט זיך פון צאַרסקאָיע סעלאָ אומגעקערט קיין פּעטערבורג, האָט ער זיך באַזעצט אין ווינטער-פּאַלאַץ. דאָרט האָט ער געוואוינט ביז אַפּריל 1904, דאָס הייסט ביז דער לעצטער צייט פון דער אומגליקלעכער מלחמה מיט יאַפּאָניע מיט די שפּעטערדיקע אומרוען.

פון יאָר 1905 וואוינט ער שוין מער נישט אין ווינטער-פּאַלאַץ. על פי רוב וואוינט ער אין צאַרסקאָיע סעלאָ. די זו-מערדיקע חדשים פאַרברייננגט ער אין פּעטערהאָף אָדער אין לי-וואַדיע.

דעם 2-טן נאָוועמבער האָט דער קיסר אויפגענומען אין אַניטשקאָווער פּאַלאַץ (דעמאָלט האָט ער נאָך דאָרט געוואוינט) אַלע מיטגלידער פון מלוכה-ראַט, מיט זיין פּאָרזיצער. און אַזוי ווי אַלע מיניסטאָרן גייען אַריין אין מלוכה-ראַט זיינען במילא אויך פּאָרגעשטעלט געווען אַלע מיניסטאָרן.

דער קיסר איז געווען זייער צעטראָגן. ער האָט געזאָגט עטלעכע גאַנץ וואַרעמע ווערטער צום אָנדיינק פון זיין פּאָטער און בכלל זייער האַרציק זיך באַצויגן צו די געסט.

איך האָב באַמערקט, אַז צווישן די מיטגלידער פון מלוכה-ראַט איז אויך געווען אַלעקסאַנדער אַגייעוויטש אַבאַזאַ.

הגם אַלעקסאַנדער אַגייעוויטש איז געווען אַ מיטגליד פון מלוכה-ראַט, אָבער נאָך דער געשיכטע, וואָס האָט מיט אים פּאַסירט נאָך פּאָרן לעבן פון אַלעקסאַנדער III*), האָט ער גע-וואוינט אין זיינעם אַ דאָרף, אין שפּאַלע, קיעווער גובערניע,

---

*) ס'האַנדלט זיך וועגן זיינע בערזע-שפּעקולאַציעס, וואָס זיינען דעמאָלט אויך באַדעקט געוואָרן.

אָדער אין מאָנטעקאַרלאָ, ווייל ער איז געווען אַ גרויסער שפּילער.

דאָס, וואָס אַלעקסאַנדער אַבּאַזאַ איז דאָ אויך געווען, האָט מיך אין פלוג נישט געוואונדערט. ווייל ס'איז געווען גאַנץ פאַרשטענדלעך פון זיין זייט צו קומען קיין פּעטערבורג, ווען אַלעקסאַנדער III איז געשטאָרבן און אויפן טראָן איז אַרויף אַ נייער קיסר. געוואונדערט האָט מיך אָבער, וואָס דער קיסר ניקאָלאַי האָט זיך באַצויגן צו אים באַזונדערס וואַרעם.

אַלעקסאַנדער אַגייעוויטש אַבּאַזאַ איז געשטאַנען אין גוטע באַציאונגען מיטן גרויספירשט מיכאַיל ניקאָלאַיעוויטש, מיטן פאָרזיצער פון מלוכה-ראַט. מיכאַיל ניקאָלאַיעוויטש איז געווען אַ וואוילער און אָנשטענדיקער מענטש, אָבער זייער אַ באַגרענצטער. דער מלוכה-סעקרעטאַר איז דעמאָלט געווען אַלעקסאַנדער אַלעקסאַנדראָוויטש פּאָלאָווצעוו—אַבּאַזאַס אַ גוטער פריינט, און איך האָב גלייך פאַרשטאַנען, אַז פּאָלאָווצעוו וויל רעאַבּיליטירן אַבּאַזאַן אין די אויגן פון יונגן קיסר.

איך, פּערזענלעך, האָב קעגן אַבּאַזאַן גאָרנישט געהאַט. אַ. אַ. אַבּאַזאַ איז געווען אַ מענטש מיט אַ געזונטן קאָפּ און זייער אַן אָנגעזעענער מלוכה־מאַן. אָבער איך האָב מורא געהאַט, אַז אַבּאַזאַס רעאַבּיליטירונג וועט פאָרקומען אויף דעם אופן, אַז אַלץ, וואָס האָט געפירט צו אַבּאַזאַס ירידה, איז געווען פאַלש, ס'זאָל ווידעראַמאָל נישט געשען דאָס, וואָס מען האָט געוואָלט מאַכן פאַר אַלעקסאַנדער III צייט, ווען אַלע מיטגלידער פון מלוכה-ראַט האָבן מיטאַמאָל געגומען ריידן, אַז דאָס האָב איך פאַרשפּרייט רכילות וועגן א. א. אַבּאַזאַן. דעמאָלט איז מיר אויסגעקומען צו פאָדערן, מען זאָל באַשטימען אַ קאָמיסיע אונטערן פאָרזיץ פון ניקאָלאַי כריסטיאַנאָוויטש בונגע. דידאָזיקע קאָמיסיע האט פעסטגעשטעלט, אַז אַלץ, וואָס איך האָב דעמאָלט מיטגעטיילט דעם קיסר און וואָס איך האָב נישט געקאָנט נישט מיטטיילן וועגן אַבּאַזאַס נישט אָנשטענדיקער בערזע-שפּיל—איז פולקום ריכטיק.

דערפאַר, ווען מיר איז נאָכדעם אויסגעקומען אויף איי-

נעם פון מײַנע נאָענטסטע באַריכטן זיך צו טרעפן מיטן קיסר, האָב איך אים אין קורצן דערציילט די גאַנצע זאַך און אויפגעקלערט, פאַרוואָס אַבאַזאַ האָט פאַרלאָרן דעם צוטרוי פון פאַרשטאָרבענעם קיסר און איז אַרויסגעפאָרן קיין אויסלאַנד. און אַזוי ווי דעמאָלט האָט נאָך געלעבט נ. כ. בונגע, האָב איך געבעטן דעם קיסר, אַז אויב ער וועט האָבן דעם קלענסטן ספק, זאָל ער זיך ווענדן צו בונגע, אַז יענער זאָל אים דערציילן די גאַנצע זאַך.

וועגן דעמדאָזיקן ענין געפינען זיך אַלע דאָקומענטן אין דער קרעדיט-קאַנצעלאַריע פון פינאַנצמיניסטעריום.

נאָך דעם אויפנאַם פון מלוכה-ראַט האָט דער קיסר אין די ווייטערדיקע טעג אויפגענומען אַלע גענעראַל-אַדיוטאַנטן, פליגל-אַדיוטאַנטן און פאַרשידענע דעפּוטאַציעס פון אַנדערע מלוכות, וועלכע זײַנען געקומען אויף אַלעקסאַנדער III לויה אָדער סתם צוליבן קיסרס טויט. צווישן זיי איז אויך געווען דער גענעראַל בואַדעפּר און דער אַדמיראַל זשערווע. דאָס איז דערזעלביקער גענעראַל בואַדעפּר, וועלכער האָט דער ערשטער געשלאָסן די מיליטערישע קאָנווענציע מיטן גענעראַל אָברוטשאָוו, וועלכע האָט אײַנגעשטעלט אונזער בונד מיט פראַנקרייך.

דעם 13-טן דעצעמבער איז גראַף שובאַלאָוו לגמרי אומגעריכט באַשטימט געוואָרן אַלס וואַרשעווער גענעראַל-גובערנאַטאָר אויפן אָרט פון גענעראַל גורקאָ.

דאָס, וואָס גענעראַל גורקאָ האָט פאַרלאָזט זײַן פּאָסטן, איז געווען זייער כאַראַקטעריסטיש. צו יענער צייט האָט אין זײַן קאַנצעלאַריע געדינט זײַן עלטסטער זון—דער שפּעטערדיקער געהילף פונם אינערנמיניסטער. און אָט האָט זיך גענעראַל-אַדיוטאַנט גורקאָ פאַרוואָלט, אַז זײַן זון זאָל באַשטימט ווערן אַלס פאַרוואַלטער פון זײַן קאַנצעלאַריע. אָבער אַזוי ווי דער זון גורקאָ האָט שוין צו יענער צייט געהאַט נישט קיין גוטן שם אין געלט-ענינים, האָט דער דעמאָלטיקער אינערנמיניסטער איוואַן ניקאָלאַיעוויטש דורנאָוואָ נישט געוואָלט אײַנגיין דערויף.

דעמאָלט איז גורקאָ געקומען קיין פּעטערבורג, האָט זיך גע־מעלדעט צום יונגן קיסר און האָט אים אין אַ גאַנץ שאַרפער פאָרם געשטעלט אַ מין אולטימאַטום, וועלכער איז באַשטאַנען דערין: אָדער זיין זון זאָל ווערן פאַרוואַלטער אין זיין קאַנ־צעלאַריע, אָדער ער, גורקאָ—דער פאָטער גייט אַוועק. דער קיסר איז מרוצה געוואָרן אויף דאָס לעצטע. אַזוי־אַרום איז דער באמת טיכטיקער מלוכה-מאַן אַראָפּ פון סצענע און האָט זיך באַזעצט ביי זיך אין טווערער גובערניע. שפּעטער איז ער, דוכט זיך, באַשטימט געוואָרן אַלס פעלדמאַרשאַל, אָבער ער האָט שוין קיין שום ראָלע נישט געשפּילט.

דאָס איז געשען דעם 13-טן דעצעמבער 1894, ד. ה. אין צוויי חדשים אַרום נאָכדעם, ווי ניקאָלאַי II איז אַרויף אויפן טראָן.

דער קיסר האָט געגעבן זיין הסכמה דערויף, אַז גורקאָ זאָל אַוועק, ערשטנס, דערפאַר, ווייל גורקאָ האָט צו שאַרף אַוועקגעשטעלט די פראַגע און, צווייטנס, דערפאַר, ווייל זיין מאַיעסטעט האָט סתם נישט ליב געהאַט און אָפטמאָל נישט גע־קאָנט פאַרטראָגן מענטשן מיט אַן אויסגעשפּראָכענער אינדיווידו־אַליטעט, ד. ה. פערזאָנען, וועלכע זיינען געווען פעסט אין זייערע איבערצייגונגען, אין זייערע ווערטער און מעשים. גור־קאָס אַוועקגיין—דאָס איז געוועזן דער ערשטער צופאַל, ווען זיין מאַיעסטעט האָט אַרויסגעוויזן זיין כאַראַקטער.

איך באַרעכטיק אפילו נישט אויף אַ האָר גורקאָן, און איך רעכן, אַז די אַלע, וואָס האָבן אַזוי שאַרף אַוועקגעשטעלט פראַגן, אָדער אַזוי פעסט דורכגעפירט זייערע מיינונגען, ווי גורקאָ, האָבן זיך געמוזט רעכענען מיטן קיסרס נאַטור. זיי האָבן געדאַרפט וויסן, אַז זיי האָבן פאָרט צו טאָן מיט זיין מאַיעסטעט.—אין דעם זין באַשולדיק איך מיך אַליין אויך זייער פיל—נאָר אַלס באַרעכטיגונג סיי פאַר גורקאָן, סיי פאַר אַנדע־רע פערזאָנען (און אויך פאַר מיר) מוז דינען דער אומשטאַנד, וואָס איידער מיר האָבן געדינט ניקאָלאַיען, האָבן מיר געדינט אַלעקסאַנדער III. דער פאַרשטאָרבענער קיסר האָט אויף דעם

שטייגער פון אויסדריקן אַ געדאַנק, אָדער אויף שאַרפערע ווערטער קיינמאָל קיין שום אַכט נישט געלייגט. פאַרקערט, ער האָט זייער געשעצט אין אַ מענטשן פעסטע איבערצייגונגען. מיט איין וואָרט, אַלעקסאַנדער III האָט געהאַט אַ גאַנץ אַנדערן כאַראַקטער, ווי ניקאָלאַי II.

אומגעפער צו יענער צייט, דעם 17-טן דעצעמבער, איז באַפרייט געוואָרן פון זיין פאָסטן דער מיניסטער פאַר אייזנבאַן קריוואָשעאין און אויף זיין אָרט איז באַשטימט געוואָרן פירשט כילקאָוו. פאַר קריוואָשעאינען—ער זאָל ווערן מיניסטער—האָט באַזונדערס געאַרבעט דער אינערנמיניסטער איוואַן ניקאָלאַיעוויטש דורנאָוואָ. קריוואָשעאין איז געווען אַ קלוגער און טיכטיקער מענטש, אָבער דעם אייזנבאַן-געביט האָט ער נישט געקענט. אַ מיניסטער פון אייזנבאַנען איז ער טיילווייז אויך געוואָרן אַדאַנק מיר, ווייל ווען איך וואָלט דעמאָלט (מען האָט מיך באַשטימט פאַרן פינאַנצמיניסטער), בשעת דער קיסר האָט מיך געפרעגט, וועמען צו באַשטימען אייף מיין אָרט אַלס מיניסטער פאַר אייזנבאַנען, אַרויסגעזאָגט זיך קעגן, וואָלט ער זיכער דעם פאָסטן נישט באַקומען. נאָר ווי דאָס געשיט געווינלעך און ווי איך האָב שוין פילמאָל איינגעזען אין מיין לעבן און אין מיין טעטיקייט—פאַרשטייט זיך, מיט קליינע אויסנאַמען—מאַכן די פערזאָנען, וועלכע האָבן זיך דערשלאָגן צו זייער שטעלונג,—און אָפטמאָל אַ גאַנץ חשובער,—אַדאַנק מיין שולע, מיין דערציאונג, מיין אויסוואַל, זיך גאָרנישט וויסנדיק דערפון. זיי ווילן נישט, אַז עמיצער זאָל זיך גאָר אָנשטויסן, אַז זיי האָבן דערגרייכט צו זייער שטעלונג אַ דאַנק מיר. און דערפאַר טאַקע רייסן זיי ביסלעכווייז איבער מיט מיר און ווען ס'קומט דער פאַסיקער מאָמענט, ווען ס'לוינט פאַר זיי, ווערן זיי נאָך מיינע שונאים. זיי באַמיען זיך דעמאָלט דורך פאַרשידענע אופנים אונטערצושטרייכן זייער אומאָפּהענגיקייט. דאָסזעלבע איז געשען מיט קריוואָשעאינען. ווען ער איז געוואָרן מיניסטער פאַר אייזנבאַנען, האָט ער זיך באמיט ווי ווייט מעגלעך

זיך אָפּצוגרענעצן פון מיר. אָבער אַזוי ווי קריוואָשעאין האָט דעם אייזנבאַן-געביט נישט געקענט און אַלס מלוכהמאַן האָט ער מיט זיך נישט פאָרגעשטעלט קיין שום אויטאָריטעט, האָט ער זיך פונדעסטוועגן, אָדער, ריכטיקער געזאָגט, זיין מיניסטעריום געפונען אונטער מיין השפעה אָדער אונטער דער השפעה פון מיין מיניסטעריום.

קריוואָשעאין האָט זיך אייגנטלעך מיט זיין מיניסטעריום נישט פאַרנומען. באַשעפטיקט מיט אים האָבן זיך דאָס רוב זיינע באַאַמטע, וועלכע האָבן פאַרשטאַנען דעם אייזנבאַן-געביט. ער האָט אויך געהאט דיזעלבע שוואַכקייט, וואָס אַנדערע מיניסטאָרן, מיט וועלכע ס'איז מיר אויסגעקומען זיך צו טרעפן אין מיין לעבן. ווי נאָר ער איז געוואָרן מיניסטער, האָט ער זיך גלייך גענומען צום פוצן און פאַרשענערן דעם בנין, וואָס האָט געהערט צו זיין מיניסטעריום. דער בנין פונם אייזנבאַן-מיניסטער איז געווען ממש אַ קייזערלעכער, אָבער קריוואָשעאין האָט זיך דערמיט נישט צופרידנגעשטעלט. ער האָט נאָך צוגענומען די שכנותדיקע דירה, וואָס האָט געהערט צו זיין געהילף און האָט זיך געמאַכט פון איר אַ הויזקלויסטער, האָט אָנגענומען גלחים און משרתים און אַלץ, פאַרשטייט זיך, אויפן חשבון פון דער מלוכה-קאַסע.

איך מוז זאָגן און אַזוי האָט מיר געזאָגט דער דעמאָלמיקער מלוכה-קאָנטראָליאַר טערטי איוואַנאָוויטש פיליפּאָוו, אַז ער איז נישט געווען גענוג „קאָרעקט” אין זיין מלוכה-טעטיקייט. כ'בין זיך מודה, אַז איך אַליין האָב דאָס נישט פעסטגעשטעלט. אָבער דער מלוכה-קאָנטראָליאַר טערטי איוואַנאָוויטש פיליפּאָוו האָט מיך פאַרזיכערט, אַז שפּעטער צו די אייזנבאַן-וועגן זאָלן האָבן צוגעשטעלט קריוואָשעאינס מאַיאָנטקעס, צו זייער גינסטיקע פּרייזן און אַז קריוואָשעאין זאָל האָבן דורכגעפירט דורכן מיניסטאָרנקאָמיטעט אַ באַשלוס וועגן אויסבויען אַ קליינע אייזנבאַנליניע פאַר דרוטרוסלאַנד און דערנאָך זאָל ער זי האָבן אַזוי פאַרקירעוועט, אַז זי האָט דורכגעשניטן זיין גאַנצן מאַיאָנטעק. דוכט זיך, אַז דער לעצטער פאַקט איז אַ ריכטיקער.

אין אַלגעמיין האָט קריוואָשעאין נישט געהאַט קיין שום פאַרמעגן. אָבער נאָך פריער, איידער ער איז געוואָרן מיניס-טער, האָט ער שוין געהאַט אָנגעלעבט אַ גרויס פאַרמעגן. ער איז געווען אַ געשעפטסמאַן מיט אַ ברייטן פאַרנעם. ער האָט תמיד געקויפט און פאַרקויפט מאַיאָנטקעס, פאַרקויפט פאַרשידע-נע פראָדוקטן און נאָך אַנדערע זאַכן—מיט איין וואָרט, דאָס איז געווען אַ טיפּ פון אַן אמתן שפעקולאַנט.

דידאָזיקע טעטיקייט האָט ער אויך אַרויסגעוויזן זייענדיק אַ מיניסטער פאַר אייזנבאַנען.

טערטי איוואַנאָוויטש פיליפּאָוו, האָט זיך, ווי ס'ווייזט אויס, נישט געפונען אין גוטע באַציאונגען מיט קריוואָשעאינען און ער האָט וועגן דעם גאַנצן ענין צוגעשטעלט אַ באַריכט דעם קיסר ניקאָלאַי .II עס פאַרשטייט זיך, אַז דערדאָזיקער באַריכט האָט געמאָלט דעם מיניסטער פאַר אייזנבאַנען נישט פון דער שיינער זייט. ווען מיר זאָלן אפילו אָננעמען, אַז פיליפּאָוו האָט מגזם געווען די פאַקטן אויף צען מאָל אַזויפיל, ווי דאָס איז געווען אין דער ווירקלעכקייט, האַלט איך אָבער, אַז ווען מען וואָלט די פאַקטן אפילו פאַרקלענערט אויף צען מאָל, וואָלט דאָס נאָך אַלץ פונדעסטוועגן גענוג געווען, אַז מען זאָל אָנער-קענען, אַז אַזאַ מענטש, ווי קריוואָשעאין, טאָר נישט פאַרנעמען קיין מיניסטאָרנשטעלע.

דאָס איז געווען דער ערשטער פאַל, ווען דעם יונגן קיסר, ערשט צוויי חדשים נאָכדעם ווי ער איז אַרויף אויפן טראָן, איז אויסגעקומען זיך צו טרעפן מיט פאַקטן פון דער אַזוי גערופענער מיניסטאָרישער נישט-ערלעכקייט. ס'איז גאַנץ נאַטירלעך, אַז דאָס האָט שטאַרק אויפגערעגט דעם יונגן קיסר, וועלכער איז אַליין בטבע אַ מענטש אַן ערלעכער. דעמאָלט איז ער נאָך געווען גאָר יונג און ס'איז אים נאָך נישט אויסגעקו-מען צו זען און זיך צוגעוויינען צו מענטשלעכער געפאַלנקייט, און ער האָט באַפרייט קריוואָשעאינען פון דינסט.

דאָס איז געווען דער ערשטער צופאַל פאַר דער צייט

פון ניקאָלאַי II הערשאַפט. דאָס האָט מסתמא געצוואונגען אַ סך מענטשן פון קריוואָשעאינס אַרט זיך צו פאַרטראַכטן.

איצט איז אַרויסגעשוואומען די פראַגע: ווען מען זאָל מען באַשטימען פאַר אַ מיניסטער פאר אייזנבאנען?

די מעשה מיט קריוואָשעאינען איז פאַר מיר געווען לגמרי אַן אומגעריכטע: איך האָב אין דער גאנצער זאך קיין שום אָנטייל נישט גענומען און דערוואוסט האָב איך מיך וועגן דעם פון דער רעגירונגס-צייטונג. נאָר פרייטיק, ווען איך בין געקומען, ווי געוויינלעך מיט מיין באַריכט צום קיסר, און בין אַריין צו אים אין קאַבינעט, האָט ער זיך אָנגערופן צו מיר: „איך בעט אייך, הערט אויס דעמדאָזיקן באַפעל.” און ער האָט מיר איבערגעלייענט אַ באַפעל וועגן דעם, אַז אויפן פּאָסטן פון מיניסטער פאר אייזנבאנען ווערט באשטימט דער געוועזענער לייטענאַנט קאַזי. מיך האָט די זאַך זייער פאַרחידושט, ווייל אויך קאַזי האָט קיינמאָל נישט געדינט אויף דער אייזנבאן.

קאַזי האָט זיך זיין גאנצן לעבן פארנומען מיט פלאָט-פראגן, אָדער מיט אזעלכע פראגן, וואָס האָבן אַ שייכות צום פלאָט. לויט זיין שכל און כאַראקטער, איז דאָס געווען אַ מענטש נישט קיין געוויינלעכער און מיט גרויסע פעאיקייטן, אָבער פון גריכישער אָפּשטאמונג. זיין שוואכע זייט איז געווען דאָס, וואָס ער האָט ליב געהאט אינטריגעס. קאַזי איז געווען אַן אמתער שונא פון דעם רעזשים, וואָס האָט געהערשט אין פלאָט-מיניסטעריום. אין דעם פּרט איז ער געווען פולקום גערעכט און איך האָב אים שטאַרק מיטגעפילט. דערפאר האָב איך טאקע מיטגענומען קאַזין, ווען איך האָב מיך געלאָזט אין מיין נסיעה אויפן מורמאַן. און אין מיין באריכט, וואָס איך האָב צוגעשטעלט וועגן מורמאַן, האָט אין אַ געוויסער מאָס אויך אָנטייל גענומען קאַזי.

קאַזין האָט שטאַרק פּראָטעזשירט דער גרויספירשט אַלעקסאַנדער מיכאַילאָוויטש. פּראָטעזשירט האָט ער קאַזין, ערשטנס, דערפאַר, ווייל ער איז טאַקע געווען אַ טיכטיקער מענטש און, צווייטנס, דערפאר, ווייל אים האָט זיך געוואָלט ווערן אַ גענעראַל-אַדמיראַל, ד. ה. פאַרנעמען אַלעקסיי אַלעקסאנדראָוויטשעס

אָרט. אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט ווייניק וואָס געהאַלטן פון אַלעקסאַנדער מיכאַילאָוויטשן.

אַזוי ווי אַלעקסאַנדער מיכאַילאָוויטש איז אַ מענטש אַ רכילותניק, מען קאָן זאָגן, אַז ער איז געווען אָנגעפּאַקט מיט אינטריגעס, האָט ער דאָס ספּעציעל אונטערגעהאַלטן קאַזין, ווי אַ געוועזענער קעגן דעם רעזשים פון דעם פלאָט-מיניסטעריום, אָדער, אַנדערש געזאָגט, קעגן גרויספירשט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן.

ווי איך האָב שוין פריער געזאָגט, האָט ניקאָלאַי II אויסגעפעלט כאַראַקטער, כדי צו ענדערן לגמרי די פירונג פון פלאָט-מיניסטעריום. צוליב דעם האָט ער אפילו נישט געקאָנט מקריב זיין דעם גרויספירשט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש. דאָס איז אפשר גראָד געווען צום גוטן, ווייל אויב דער קיסר וואָלט באַשטימט אויף זיין אָרט דעם גרויספירשט אַלעקסאַנדער מיכאַילאָוויטשן, וואָלט דאָס אָן שום ספק געווען אַ סך ערגער. ווי דאָס זאָל נישט זיין, איז דער גרויספירשט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש דאָך געווען אַ מענטש אָן ערלעכער, אַ נראַדליניקער, וואָס איך קאָן עס נישט זאָגן וועגן אַלעקסאַנדער מיכאַילאָוויטשן. ער וואָלט זיכער דאָס גאַנצע מיניסטעריום פאַרוואַנדלט אין אַ נעסט פון אינטריגעס.

איך האָב געזאָגט דעם קיסר, אַז זיין מאַיעסטעט ווייס, וואָס פאַר אַ גוטע מיינונג איך בין וועגן קאַזי. איך סימפּאַטיזיר אים שטאַרק, געפין זיך מיט אים אין העכסט פריינטלעכע באַציאונגען, פונדעסטוועגן האַלט איך פאַר אוממעגלעך, אַז ער זאָל באַשטימט ווערן אויפן פּאָסטן פון אַ מיניסטער פאַר אייזנבאַנען, ווייל ער איז לגמרי נישט קאָמפּעטענט אין דעמדאָזיקן ענין. דער ביישפּיל מיט קריוואָשעאינען, וואָס האָט אינגאַנצן צעשטערט נאָך מיר דאָס מיניסטעריום, באַווייזט אונז אַמבעסטן, אַז דאָס איז אַזוי. איך האָב געזאָגט דעם קיסר, אַז קאַזי דאַרף פאַרנעמען אַזאַ פּאָסטן, וואו ער איז אַ ספּעציאַליסט. מיט אַ מיניסטעריום פאַר אייזנבאַנען וועט ער זיך במילא נישט פאַרנעמען. ער וועט זיך גיכער פאַרנעמען מיט זאַכן, וואָס האָבן

צום מיניסטעריום קיין שום שייכות נישט—מיט פלאָט-ענינים. אויב שוין יאָ באַשטימען קאַזין פאַר אַ מיניסטער, איז שוין גלייכער פאַר אַ פלאָט-מיניסטער, ווייל דאָרט וועט ער זיין באַשעפטיקט מיט אַ זאַך, וואָס ער פאַרשטייט. אין אייזנבאַנען אָבער ווייס ער דאָך גאָרנישט. צוליב דעם אַלעם האָב איך זייער נישט געראַטן דעם קיסר דורכצופירן דידאָזיקע באַשטימונג.

מיין איינווענדונג קעגן קאַזיס באַשטימונג האָט אפילו נישט אויסגענומען ביים קיסר. דאָך האָט ער מיך געפרעגט: „וועמען זשע זאָל מען באַשטימען אויף קאַזיס אָרט?"—איך האָב אים געראַטן צו באַשטימען מיין געהילף אַנאַטאָלי פּאַוולאָוויטש איוואַשטשענקאָוון.

ווען איך בין געקומען קיין פּעטערבורג און געוואָרן די-רעקטאָר פון דעפּאַרטאַמענט, האָט א. פּ. איוואַשטשענקאָוו גע-דינט אין מלוכה-קאָנטראָל. ער איז דאָרט געווען די רעכטע האַנט פון מלוכה-קאָנטראָליאָר סאָלסקי. ווען איך בין באַשטימט געוואָרן אויף דעם פּאָסטן פון מיניסטער פאַר אייזנבאַנען, האָב איך גענומען איוואַשטשענקאָוון צו זיך, רעכענענדיק זיך מיט דער רעפּוטאַציע, וואָס ער האָט געהאַט. מען האָט אים געקענט פאַר זייער אַן אָנשטענדיקן מענטשן. איך האָב געוואוסט, אַז אין מיניסטעריום פאַר אייזנבאַנען ווערן געמאַכט זייער פיל שווינדלען אויפן געביט פון וואַסער-פאַרקער און שאָסיי, און האָב דעריבער געמאַכט איוואַשטשענקאָוון פאַר מיין געהילף.

ווען איך בין באַשטימט געוואָרן אויפן פּאָסטן פון פינאַנצ-מיניסטער, האָב איך איינגעלאַדן איוואַשטשענקאָוון אַלס געהילף-מיניסטער.

ער איז געווען אין העכסטן זין פון וואָרט אַן אָנשטענ-דיקער מענטש, אָבער נישט זייער טאַלענטפול אָדער קלוג. דאָס איז געווען אַ באַשיידענער באַאַמטער, וועלכער האָט פאַרמאָגט אַ סך קאַלטבלוטיקייט, אַרבעטס-פעאיקייט און פאַרשטענדעניש פאַר דער זאַך, מיט איין וואָרט אַ טיפּ פון אַן אויסגעצייכנטן ביוראָקראַט.

דער קיסר האָט מיר געזאָגט, וואָס ער קלערט וועגן אי-וואַשטשענקאָוון.

ביי מיין צווייטן באַריכט האָט מיר זיין מאַיעסטעט גע-זאָגט, אַז ער האָט געקלערט וועגן איוואַשטשענקאָוון. ער קאָן אים אָבער בשום אופן נישט באַשטימען פאַר אַ מיניסטער. דער קיסר האָט מיר גאַנץ פשוט געזאָגט, אַז די הויפּט-סיבה איז די, וואָס ער איז מיין געהילף, און אַז ער וועט ווערן מיניסטער פאַר אייזנבאַנען, וועלן אַלע זאָגן, אַז אַלץ, וואָס איוואַשטשענ-קאָוו טוט, טראָגט מיין השפעה אויף זיך. דער קיסר האָט אויך געזאָגט, אַז איוואַשטשענקאָוו געפעלט אים בכלל נישט, אַז ער וויל אים נישט באַשטימען און איז ווייטער געווען גענויגט צו באַשטימען קאַזין.

איך האָב אים זייער אָפּגערעדט דערפון. ווען ער האָט מיר אָבער געשטעלט די פראַגע: „וויבאַלד אַזוי, טאָ וועמען רעכנט איר זאָל מען באַשטימען?" איז מיר מיטאַמאָל אַריין אין קאָפּ אַ געדאַנק וועגן פירשט כילקאָוו און איך האָב געזאָגט: „דעם פירשט כילקאָוו".

דער קיסר האָט געזאָגט: „כ'קען אים גאָרנישט."

דעמאָלט האָב איך זיך אָנגערופן צו זיין מאַיעסטעט:

—אייער מאַיעסטעט, פרעגט אייער מוטער. איך בין זי-כער, אַז ווען איר וועט זאָגן אייער מוטער, אַז איך רעקאָ-מענדיר כילקאָוון, וועט זי מיך שטאַרק אונטערהאַלטן.

ווען מיר האָבן גערעדט וועגן איוואַשטשענקאָוון, האָט מיר דער קיסר געזאָגט, אַז זיין מוטער געפעלט נישט דערדאָ-זיקער אויסוואַל. דאָס באַווייזט, אַז דער קיסר האָט זיך באַראַטן מיט דער קייזערין-מוטער און דערפאַר איז מיר איינגעפאַלן אָנ-צורופן אַזאַ פערזאָן, צו וועלכער די קייזערין וועט זיך זיכער גוט באַציען.

דער קיסר האָט געענטפערט: „איך וועל פרעגן מיין מוטער."

איך בין אַוועק אהיים, וואָס האָט זיך געפונען אין מי-

ניסטעריום. דאָס איז געווען אַרום האַלב איינס און דריי אַ זייגער האָט מיך שוין באַזוכט דער פירשט ביטע. ער האָט מיר געזאָגט, אַז דער קיסר האָט אים געזען און גאַנץ אומגעריכט האָט ער אים פאָרגעלייגט צו פאַרנעמען דעם פאָסטן פון אַ מיניסטער פאר אייזנבאנען. ער האָט געזאָגט דעם קיסר, אַז ער האָט מורא צו פאַרנעמען דעמדאָזיקן פאָסטן, ווייל ער ווייס נישט ווי איך וואָלט מיך באַצויגן דערצו. אלס פינאנצמיניסטער קאָן איך, ראשית, האָבן א גרויסע ווירקונג און, צווייטנס, ווי אַ מענטש, וואָס האָט אַליין אָנגעפירט מיט דעמדאָזיקן מיניסטעריום, און וואָס האָט זיך גערעכנט פאַר אַ גרויסן בקי אין די אַלע פראַגן, וואָס זיינען נוגע די אייזנבאַנען.

אויף דעם האָט דער קיסר געענטפערט ביטען:

—אָבער סערגיי יוליעוויטש האָט אייך דער ערשטער רעקאָמענדירט. פאָרט צו אים און איר וועט זיך מיט אים צונויפרעדן.

דערפאַר איז דאָס ביטע געקומען צופאָרן צו מיר. ער איז געווען זייער צעטראָגן, ווייל דאָס איז פאַר אים געווען אַזוי אומגעריכט. ער האָט מיך געפרעגט, צי קאָן ער רעכענען אויף מיין הילף. איך האָב אים אין דעם זין באַרואיקט.

ביטע האָט, פאַרשטייט זיך, אָנגענומען דעם פאָסטן. אויף דעמדאָזיקן פאָסטן איז ער פאַרבליבן ביז דעם 17-טן אָקטאָבער 1905. ווען איך בין געוואָרן פאָרזיצער פון מיניסטאָרנראַט, האָב איך אים געבעטן, ער זאָל פאַרלאָזן דעם פאָסטן. שפעטער וועל איך וועגן דעם גענויער ריידן.

איצט וויל איך דערציילן, פאַרוואָס איך האָב רעקאָמענדירט ביטען.

פאַר דער צייט פון קיסר ניקאָלאַי II איז ביטעס מוטער זייער באַנט געווען צו דער קייזערין אַלעקסאַנדרע פיאָדאָראָוונע.

ביטע אַליין איז געווען אַ גוואַרדיע אָפיציר אין סעמיאָנאָווסקי פּאָלק. ער האָט געהאַט אַ מאַיאָנטעק אין טווערער גו-

בּערניע. אין די זעכציקסטע יאָרן, ווען עס איז אַנטשטאַנען די גרויסע ליבעראַלע שטרעמונג צו באַפרייען די פּויערים, האָט ער דעם גרעסטן טייל פון זיינע נחלות צעטיילט צווישן די פּויערים. נאָכדעם איז ער אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע כּמעט לגמרי אָן מיטלען.

אין אַמעריקע האָט ער אָנגעהויבן צו אַרבעטן. דעמאָלט האָבן זיך אומעטום אָנגעהויבן שטאַרק צו אַנטוויקלען די אייזנבאַנוועגן. תּחילת איז כילקאָוו אָנגעקומען ווי אַ געוויינלעכער באַנאַרבעטער, דערנאָך איז ער געוואָרן אַ געהילף ביים מיניסטער און צולעצט אַ מיניסטער.

ווען מען האָט ביי אונז אָנגעהויבן ענערגיש צו בויען די אייזנבאַנוועגן, איז כילקאָוו איבערגעפאָרן קיין רוסלאַנד.

צו יענער צייט האָט איך געענדיקט די אוניווערזיטעט און אָנגעקומען אויפן אייזנבאַן. דאָרט האָב איך זיך צו ערשטן מאָל באַגעגנט מיט כילקאָוון. דעמאָלט בין איך געווען אַ געהילפס-שעף ביי דעם אָדעסער אייזנבאַנוועג. כילקאָוו, ווידער, איז געווען דער שעף פון וואַגאָנען-דעפּאָ אין קאָנטאָטאָפּ אויף דעם קורסקי-קיעווער אייזנבאַנוועג.

שפּעטער פלעגט מיר אויסקומען עפּטער זיך צו טרעפן מיט כילקאָוון. און ווען טשיכאַטשאָוו איז געוואָרן דער דירעקטאָר פון דער אָדעסער אייזנבאַן און פון דער געזעלשאַפט פאַר שיפבוי און האַנדל און איך בין געווען זיין געהילף, האָב איך אים רעקאָמענדירט כילקאָוון. אָבער כילקאָוו איז נישט איבערגעגאַנגען אויף דער אָדעסער אייזנבאַן. תּחילת האָט ער אפילו יאָ געוואָלט איבערגיין, דערנאָך אָבער איז ער איבערגעפאָרן קיין מאָסקווע. ווען ביי אונז האָט זיך אָנגעהויבן די רוסיש-יאַפּאַנישע מלחמה, איז כילקאָוו איבערגעפאָרן קיין בולגאַריע. אין דער צייט פון דערדאָזיקער מלחמה האָט ער דאָרט געדינט אויף דער אייזנבאַן און איז, דוכט זיך, צייטווייליק געווען מיניסטער פאַר אייזנבאַנען אין בולגאַריע. שפּעטער, ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער כיווישער מאַרש אין מיטל-אַזיע און אַנענקאָוו האָט גענומען בויען דעם מיטל-אַזיאַטישן אייזנבאַנוועג איז

כילקאָוו אַוועק פאַר אַ געהילף צום גענעראַל אַנענקאָוו. פאַר דערדאָזיקער צייט פלעג איך מיך באַגעגענען מיט כילקאָוון.

ווען איך בין געוואָרן מיניסטער פאַר אייזנבאַנען, האָב איך פאַרגעלייגט כילקאָוון דעם פּאָסטן פון אַ פאַרוואַלטער ביי דעם אָריאָל-גראַזינער אייזנבאַנוועג, און ער האָט דעמדאָזיקן פּאָסטן אָנגענומען.

פון דעמדאָזיקן פּאָסטן איז כילקאָוו באַשטימט געוואָרן פאַר אַ מיניסטער.

ווען דערוויז איז געווען פאַרזיצער פון פאַרוואַלטונג, האָט ער באַקומען אַ גרויסן געהאַלט. אין דער צייט פון דער מלחמה האָט ער אויף זיין אייגענעם חשבון אויסגעבויט אַ סאַניטאַרצוג. דעמדאָזיקן צוג האָט גענומען אונטער איר שוץ די פּרינצעסין מאַריע — די שפּעטערדיקע קייזערין מאַריע פיאָדאָראָוונע. כילקאָוו איז געווען דער הויפּט-באַפולמעכטיקטער אויף דעמדאָזיקן צוג. דערפאַר פלעגט זיך די פּרינצעסין מאַריע פיאָדאָראָוונע אָפט באַגעגענען מיט כילקאָוון. זי פלעגט גאַנץ אָפט מיטפאָרן מיטן צוג, ווען ער פלעגט איבערפירן פאַרוואונדעטע פון דער באַל-קאַנער האַלבאינזל קיין פּעטערבורג.

כילקאָוו איז זייער געפעלן געוואָרן דער פּרינצעסין, און ווען די מלחמה האָט זיך שוין פאַרענדיקט, פלעגט כילקאָוו, זייענדיק אין פּעטערבורג, קומען צו דער קינפטיקער קייזערין. ווען מאַריע פיאָדאָראָוונע איז געוואָרן אַן אלמנה, פלעגט נאָך כילקאָוו אַלץ קומען צו איר. בכלל האָט זיך מאַריע פיאָדאָראָוו-נע באַצויגן צו כילקאָוון מיט אַ באַזונדערער סימפּאַטיע.

און כילקאָוו איז באמת געווען אַן אויסטערלישע פּערזענ-לעכקייט. אַ זעלטענער מענטש ביז גאָר. פון איין זייט אַ פאַר-שטייער פון דער העכערער געזעלשאַפט, פון דער אַנדער זייט אַ מענטש, וואָס האָט דורכגעמאַכט אַזאַ מין לעבן. ס'איז דערי-בער גאַנץ נאַטירלעך, אַז ווען דער קיסר האָט געזאָגט דער קייזערין, אַז איצט רעקאָמענדירט וויטע כילקאָוון, איז פּונקט ווי די קייזערין האָט זיך באַצויגן נעגאַטיוו צו מיין ערשטער רעקאָמענדאַציע, אַזוי האָט זי זיך מיט ביידע הענט אָנגעכאַפּט

פאַר דער צווייטער. זי האָט אַזוי ווייט געשטיצט מיין אויס-וואַל, אַז דערמאָנט האָב איך דעם קיסר וועגן כילקאָוון האַלב אײַנס און דריי אַ זייגער איז שוין כילקאָוו געווען בײַ מיר, כמעט אַ באַשטימטער מיניסטער.

וואָס איז שייך צו כילקאָוון, דאַרף איך זאָגן, אַז ער האָט אויסגעצייכנט גוט געקענט דעם אייזנבאַנוועג. ער האָט געוואוסט אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צו לאָקאָמאָטיוון און טראַק-ציעס און איז געווען זייער אַ גוטער אייזנבאַנער. אויסערדעם, איז ער סתם געווען אַ מענטש אַ פיין-דערצויגענער, אַ פּערזאָן פון דער העכערער געזעלשאַפט און דערצו נאָך אַ גוטער אויך. ער האָט אָבער געהאַט אַ קליינעם חסרון — אַ שוואַכקייט צו פרויען. צוליב דערדאָזיקער שוואַכקייט האָבן זיך געפונען שוואַר-צע פלעקן אין זיין קאַריערע.

כילקאָוו איז אויך נישט געווען קיין מלוכהמאַן. און זיין גאַנצן לעבן איז ער גיכער געווען אַן אויבערמאַשיניסט, איידער אַ מיניסטער.

איך האָב עס, פאַרשטייט זיך, נישט געוואוסט, ווייל אַרויסגעוויזן בולט האָט זיך עס ערשט דעמאָלט, ווען ער איז געוואָרן מיניסטער. דאָך האָב איך יאָ געהאַט אַזאַ פאָרגעפיל. מיר האָט זיך געדוכט, אַז ער איז נישט קיין מלוכהמאַן און דערפאַר האָב איך אים טאַקע רעקאָמענדירט, ווען דאָס איז שוין געווען די לעצטע ברירה.

אין עטלעכע חדשים אַרום, נאָכדעם, ווי ניקאָלאַי II איז אַרויף אויפן טראָן, איז געשטאָרבן דער אויסערנמיניסטער גירס און מען האָט באַדאַרפט באַשטימען אַ נייעם מיניסטער.

די צייטווייליקע פאַרוואַלטונג מיטן מיניסטעריום איז אָנ-פאַרטרויט געוואָרן זיין געהילף—שישקינען. אַ מענטש זייער אַ וואוילער, אַ בכבודיקער אָבער זייער נישט קיין ווייטזיכטיקער און לויטן אויסזען אויך נישט קיין פאַסיקער. דאָס איז געווען אַזאַ מענטש, אַז בײַ קיינעם האָט נישט געקאָנט זיין קיין ספק, אַז ער וועט פאַרוואַלטן מיטן מיניסטעריום אַ גאַנץ קורצע צייט,

און אַזוי איז דאָס טאַקע געווען. אין עטלעכע וואָכן אַרום איז פירשט לאָבאַנאָוו-ראָסטאָווסקי, אונזער געזאַנדטער אין ווין, באַשטימט געוואָרן פאַרן אויסערנמיניסטער. דאָס איז געווען איינע פון יענע באַשטימונגען, וואָס פיל האָבן שטאַרק געגאַפט דערויף. זי האָט באַוויזן, אַז קיסר ניקאָלאַי איז לגמרי נישט געווען אין קורס פון דער זאַך, אַז ער איז לחלוטין נישט באַקאַנט געווען מיטן פערזענלעכן צוזאַמענשטעל פון די מלוכה-טוער, וואָס האָבן זיך געפונען אויף פאַרשידענע העכערע שטעלעס פון דער ציוויל- אָדער מיליטער-פאַרוואַלטונג. אין געגנפאַל וואָלט דער קיסר נישט באַשטימט לאָבאַנאָוו-ראָסטאָווסקין און נישט דערפאַר, ווייל ער איז געווען גוט אָדער שלעכט, נאָר צוליב אַלעקסאַנדער III מיינונג איבער אים*). אין יענער צייט האָט ניקאָלאַי זיך ממש געבוקט פאַר זיין פאָטערס אָנדיינק און פלעגט זיך באַמיען בוכשטעבלעך צו דערפילן אַלע זיינע וואונטשן. אַזוי ווי ניקאָלאַי II איז דאָס רוב אָבער נישט געווען אַריינגעצויגן אין די אַלע ענינים און האָט עפּעס נישט געקאָנט וויסן נישט די מיינונג פון זיין פאַרשטאָרבענעם פאָטער און נישט זיין אָפּשאַצונג פון פאַרשידענע פערזאָנען, איז די איינציקע הילף פאַר אים געווען זיין מוטער.

פירשט לאָבאַנאָוו-ראָסטאָווסקי איז געווען אַן אָנגעזעענער מענטש. דאָס איז געווען אַ פערזענלעכקייט. אָבער דער אויסוואַל איז פונדעסטוועגן געווען נישט קיין געלונגענער, ווייל לויט מיין מיינונג האָט ער נישט געקאָנט זיין קיין ערנסטער מיניסטער פאַר אויסערלעכע ענינים.

---

*) אַלעקסאַנדער III האָט געהאַט אַ טבע נישט צו שטערן זיך אין זיינע אויס־דרוקן און רעזאָלוציעס. אַזוי האָט ער אויף לאָבאַנאָוו־ראָסטאָווסקיס אַ באַריכט אָנגע־שריבן, אַז ער איז זייער אַ לייכטזיניקער מענטש. אָנגעשריבן איז דאָס אָבער געווען אין אַזאַ שאַרפער פאָרם, אַז ווען לאָבאַנאָוו־ראָסטאָווסקי איז געוואָרן מיניסטער, האָט מען נישט געוואוסט, וואָס צו טאָן מיט דעם דאָזיקן פּאַפּיר. ס'איז געווען אַ קלער אָדער צו פאַרניכטן דאָס פּאַפּיר אָדער באַהאַלטן עס אַזוי אין אַרכיוו, אַז ס'זאָל נישט קענען אַרייפאַלן צו לאָבאַנאָוו־ראָסטאָווסקין אין די הענט.

נאָך אין מיינע יונגע יאָרן האָב איך שוין געהערט וועגן לאָבאַנאָוו־ראָסטאָווסקין. ווען איך בין נאָך געווען גאָר אַ יונגל, איז ער שוין געווען אַ יונגערמאַן, אַ געזאַנדטער אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. איך געדיינק, ווי עמיצער פון אונזער משפחה איז געפאָרן קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. ווען ער איז פון דאָרט צוריקגעקומען, האָט ער דערציילט, אַז אונזער געזאַנדטער האָט זיך באַוויזן אין צערקווע פון דער געזאַנדטשאַפט, אָנגעטאָן אין אַ מין כאַלאַט. איך געדיינק, אַז מען האָט עטלעכע מאָל געשמועסט איבער דעם און יעדעס מאָל מיט גרויס אויפרעגונג. אויסערדעם, האָט מען אויך געשמועסט, אַז לאָבאַנאָוו־ראָסטאָווסקי אַפּישירט זיך בכלל גאַנץ שטאַרק אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל מיט פאַרשידענע דאַמען פון נישט קיין גאַנץ ערנסטער אויפפירונג.

ווען פירשט לאָבאַנאָוו־ראָסטאָווסקי איז געווען מיניסטער, איז מיר אויסגעקומען נענטער מיט אים זיך צו טרעפן געשעפטלעך. איך וועל נאָך שפּעטער האָבן אַ מעגלעכקייט צו דערציילן אַ סך עפּיזאָדן פון אונזערע פאַרשידענע באַגעגענישן. איצט אָבער וויל איך נאָר זאָגן מיין אַלגעמיינע מיינונג וועגן אים.

לאָבאַנאָוו־ראָסטאָווסקי איז געווען אַ מענטש אַ גאַנץ געבילדעטער, זייער אַ וועלטלעכער. ער האָט זייער גוט געקענט שפּראַכן, געקענט שרייבן און האָט זעלטן גוט געקענט די אויסערלעכע זייט פון דיפּלאָמאַטישן לעבן. ער איז געווען זייער גענייגט צו אַ געוויסער ערנסטער אַרבעט,—למשל, צו היסטאָרישע פאָרשונגען אויפן געביט פון גענעראַלאָגיע. אויף דעמדאָזיקן געביט האָט ער זיך אפילו דערוואָרבן אַ געוויסן אויטאָריטעט און האָט אָנגעשריבן אייניקע ביכער. אויסערדעם, איז ער נאָך געווען זייער שאַרפזיניק.

מיר איז נישט אויסגעקומען זיך צו טרעפן מיט לאָבאַנאָוו־ראָסטאָווסקין אין אַ געזעלשאַפט פון דאַמען, אָבער איך שטעל זיך פאָר, אַז ער האָט געמוזט האָבן אַ גרויסן ערפאָלג ביי פרויען, ווייל ער איז געווען פיין דערצויגן און זייער שאַרפזיניק.

פון דער אַנדער זייט אָבער מוז מען זאָגן, אַז לאָבאַנאָוו-

ראָסטאָווסקי האָט זיך אין משך פון זיין גאַנצן לעבן נישט פאַרנומען מיט קיין שום ערנסטער זאַך. ער איז נישט מסוגל געווען זיך אָפּצוגעבן מיט אַן אַרבעט אַ לייַנגערע צייט. אין אַלגעמיין האָט ער געהאַט מער גלאַנץ, ווי ערנסט.

נישט געקוקט אויף זיין סאָלידער עלטער,—ווען ער איז געוואָרן אַ מיניסטער, איז ער שוין געווען ווייט איבער זעכ־ציק—איז ער דאָך געבליבן דערזעלבער לייכטזיניקער מענטש. אַזאַ מין אייגנשאַפט האָט אפשר געקאָנט זיין גאַנץ סימפּאַטיש אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, אָבער זי האָט נישט געקאָנט ברייַנגען קיין שום גינסטיקע רעזולטאַטן אין אַ מלוכה-טעטיקייט.

וויאַזוי פּאָרט איז פירשט לאָבאַנאָוו־ראָסטאָווסקי באַשטימט געוואָרן פאַר אַ מיניסטער?

אויף דעמדאָזיקן פּאָסטן האָט אים רעקאָמענדירט דער גרויספירשט מיכאַיל ניקאָלאַיעוויטש, דער פאָרזיצער פון מלוכה־ראַט. דערדאָזיקער גרויספירשט האָט, ווי דער עלטסטער אין דער קייזערלעכער פאַמיליע, געהאַט אַ ווירקונג אויפן קיסר אין די ערשטע צייטן פון זיין הערשאַפט. ער איז געווען אַ מענטש אַ גאַנץ אָנשטענדיקער, נאָר זייער אַ באַגרענצטער.

אויפן גרויספירשט מיכאַיל ניקאָלאַיעוויטשן האָט אין דעמ־דאָזיקן ענין געווירקט דער מלוכה-סעקרעטאַר אַלעקסאַנדער אַלעק־סאַנדראָוויטש פּאָלאָווצעוו. צוליב זיין אַמט איז ער תמיד געווען נאָנט צום גרויספירשט. א. א. פּאָלאָווצעוו, ווידער, איז געווען זייער באַפרייַנדעט מיט לאָבאַנאָוו-ראָסטאָווסקין. זיי זייַנען זייער נאָנט געוואָרן צווישן זיך אין דער צייט פון זייערע געמייַנזאַמע נסיעות קיין אויסלאַנד.

פירשט לאָבאַנאָוו-ראָסטאָווסקי און א. א. פּאָלאָווצעוו האָבן זייער פיל געמייַנזאַמעס געהאַט צווישן זיך. ביידע זייַנען זיי געווען מענטשן קולטורעלע, געבילדעטע און וועלטלעכע. ביידע האָבן זיי געהאַט אַ נייגונג צו היסטאָרישע פאָרשונגען און בייַ־דע האָבן זיי געוואָלט אָרייַנגערעכנט ווערן צווישן די רוסישע היסטאָריאָגראַפן. ביידע זייַנען זיי געווען לעביונגען און האָבן ליב געהאַט צו געניסן פון לעבן. פאָרנדיק קיין אויסלאַנד, האָט

א. א. פּאָלאָווצעוו געקאָנט שיטן זאַמד אין די אויגן אַ דאַנק זיין עשירות, און לאָבאַנאָוו־ראָסטאָווסקי—אַ דאַנק זיין לאַגע, אין וועלכער ער האָט זיך געפונען, אַלס אויסעראָרדנטלעכער געזאַנדטער ביים רוסישן קיסר.

דער אונטערשיד צווישן זיי איז באַשטאַנען דערין, וואָס לאבאנאָוו־ראָסטאָווסקי איז געווען אַ סך מער שררה, ווי פּאָלאָווצעוו, וועלכער איז, לויט זיין נאַטור, בלויז זייער ענלעך געווען צו אַ פּריץ.

ביי א. א. פּאָלאָווצעוון איז זייער אָנגעלייגט געווען די פריינטשאַפט מיט לאָבאנאָוו־ראָסטאָווסקין, ווי מיט אַ מענטשן פון דער גרויסער וועלט און לאבאַנאָוו־ראָסטאָווסקי האָט ביז אַ געוויסן גראַד זייער פיל אַכט געלייגט אויף דער פריינטשאַפט מיט א. א. פּאָלאָווצעוון, ווי מיט אַ מענטשן זייער אַ רייכן.

און אָט האָט טאַקע א. א. פּאָלאָווצעוו איבערצייגט דעם גרויספירשט מיכאַיל ניקאָלאַיעוויטש, אַז לאָבאַנאָוו־ראָסטאָווסקי איז די סאַמע פּאַסיקע פּערזאָן אויפן פּאָסטן פון אַן אויסערנמיניסטער.

לויט זיין דיפּלאָמאַטישער קאַריערע איז לאבאַנאָוו־ראָסטאָווסקי אייגנטלעך געווען איינער פון אונזערע עלטסטע געזאַנדטע און פון דער אויסערלעכער זייט איז ער דאָך באמת געווען אַ גלאַנצפולער מענטש.

אַזוי איז לאָבאַנאָוו־ראָסטאָווסקי רעקאָמענדירט געוואָרן דורכן גרויספירשט מיכאַיל ניקאָלאַיעוויטשן און ניקאָלאַי II האָט אים באַשטימט, נישט קענענדיק אים און נישט וויסנדיק, וויאַזוי האָט אַלעקסאַנדער III געהאַלטן פון אים. ער האָט אים אָבער באַשטימט נישט פאַר אַ מיניסטער, נאָר פאַר אַ פאַרוואַלטער פון מיניסטעריום. לאָבאַנאָוו־ראָסטאָווסקי האָט זיך דערמיט געפונען זייער באַליידיקט. ווען איך האָב מיך באַגעגנט מיט אים, בשעת ער איז צום ערשטן מאָל געקומען צופאָרן קיין פּעטערבורג, האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער חידושט זיך זייער, וואָס ער, אַ מענטש אין זיין לאַגע—ער איז שוין דעמאָלט געווען ווירקלעכער געהיימראַט—זאָל באַשטימט ווערן אַלס פאַרוואַלטער פון

אַ מיניסטעריום און נישט אַלס מיניסטער.—אָבער גאָר אין אַ קורצער צייט, אין עטלעכע וואָכן אַרום, איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ באַפעל, אַז לאָבאַנאָוו-ראָסטאָווסקי ווערט באַשטימט אַלס מיניסטער און דאָס איז אויך געמאַכט געוואָרן מיט פּאָלאָווצעווס מיטהילף.

ווי איך האָב שוין פריער געזאָגט, האָט לאָבאַנאָוו-ראָסטאָווסקי זיין גאַנצע קאַריערע געמאַכט אויפן דיפּלאָמאַטישן געביט. איין צייט נאָר האָט ער געדינט אין אינערנמיניסטעריום און אַ קורצע צייט איז ער אפילו געווען אַ געהילף פונם אינערנמיניסטער. איך געדיינק אָבער נישט ביי וועמען: ביי וואַלויעוון, צי ביי טימאַשאָוון.

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט דערמאָנט זיך מיר אַזאַ מין זאַך: איינמאָל, ווען איך בין נאָך געווען גאָר אַ יונגערמאַן (כ׳האָב דעמאָלט געדינט ביי דער אָדעסער אייזנבאַן), בין איך געקומען צופאָרן קיין פּעטערבורג און האָב באַזוכט מיין פעטער דעם גענעראַל פאַדייעוו. ער האָט געוואוינט אין האָטעל „פראַנקרייך". אין אָוונט האָבן זיך ביי מיין פעטער פאַרזאַמלט זיינע גוטע פריינט. ס׳זיינען געווען: טשערניעוו, גראַף וואָראָנצאָוו-דאַשקאָוו (דער שפּעטערדיקער הויפמיניסטער), פירשט לאָבאַנאָוו-ראָסטאָווסקי, אַ ברודער פון דעם שפּעטערדיקן אויסערנמיניסטער. דערדאָזיקער לאָבאַנאָוו-ראָסטאָווסקי פלעגט שטענדיק וואוינען אין אויסלאַנד. קיין רוסלאַנד פלעגט ער קומען גאַנץ זעלטן און פאַרבלייבן נאָר אַ געוויסע צייט.

און אָט האָט איינער אין מיין אָנוועזנהייט געפרעגט ביי אים, צי האָט ער בדעה לאַנג צו פאַרברענגען אין רוסלאַנד? ער האָט געענטפערט, אַז נישט לאַנג. ער וויל וואָס גיכער אַוועקפאָרן קיין אויסלאַנד. דאַן האָט עמיצער געזאָגט: „וואָס איילט איר זיך אַזוי צו פאָרן אין אויסלאַנד? פריער, ווען איר פלעגט קומען, פלעגט איר גאַנץ לאַנג פאַרברענגען אין רוסלאַנד". דערויף האָט לאָבאַנאָוו-ראָסטאָווסקי געענטפערט:

—ווי קאָן איך בלייבן אין רוסלאַנד, ווען עס איז דער-

באַנגעז צו אַזאַ מדרגה, אַז אפילו מיין ברודער קאָן ווערן אַ בעהילפסמיניסטער?

פירשט לאָבאנאָוו-ראָסטאָווסקי איז, פאַרשטייט זיך, זייער געפעלן געוואָרן דעם קיסר און דער קייזערין. ער האָט נישט געקאָנט נישט געפעלן ווערן, ווייל אין זין פון וועלטלעכקייט איז ער געווען אַ פיינער מענטש ביז גאָר.

דעם 22-טן אַפּריל 1895 איז גאָרעמיקין באַשטימט גע-וואָרן אַלס געהילף פונם אינערנמיניסטער, לויט פּאָביעדאָנאָס-צעווס רעקאָמענדאַציע. ביז דערדאָזיקער באַשטימונג איז ער געווען געהילף פונם יוסטיצמיניסטער.

גאָרעמיקין איז באַשטימט געוואָרן פאַר אַ געהילפמיניסטער נישט מיט דורנאָוואָס הסכם. איוואַן ניקאָלאַיעוויטש דורנאָוואָ האָט צוגעשטעלט אַנדערע קאַנדידאַטן און צווישן זיי דעם גראַף ספּעראַנסקי. אָבער צו יענער צייט האָט שוין דער קיסר זיך באַצויגן צו דורנאָוואָן מיט אומצוטרוי. וואָס איז געווען די סיבה דערפון, קאָן איך אויף זיכער נישט זאָגן, אָבער איוואַן ניקאָ-לאַיעוויטש האָט מיר דעמאָלט באַמערקט, אַז דאָס מוז זיין די ווירקונג פון דער קייזערין-מוטער. די קייזערין-מוטער איז מיט אים נישט צופרידן. זי איז אים חושד, אַז ער, דורנאָוואָ, זאָל האָבן געלייענט די בריוו, וואָס זי פלעגט באַקומען. זי האָט עס אפילו געזאָגט דעם קיסר.

איוואַן ניקאָלאַיעוויטש דורנאָוואָ האָט מיר אפילו געזאָגט, אַז ער פאַרנעמט זיך נישט מיט פּערלוסטראַציע פון די בריוו. אָבער דאָס איז געווען נישט אמת סיי בנוגע צו אים, און סיי בנוגע די אַלע איבעריקע אינערנמיניסטאָרן. דער נישט-לאַנג אומגעקומענער אינערנמיניסטער סטאָליפּין איז אויך געווען איפּ-געבראַכט און צערייצט דערפאַר, וואָס מען שמועסט, אַז אין אינערנמיניסטעריום ווערן פערלוסטרירט פּריוואַטע בריוו. און דאָך ווייס איך גאַנץ באַשטימט, אַז דידאָזיקע בריוו פלעגן יאָ פערלוסטרירט ווערן און אַז סטאָליפּין פלעגט זייער פיל צייט פאַרברייגגען ביים לייענען פרעמדע בריוו. דאָס האָט מיר פער-

זענלעך אויך שאָדן געבראַכט. ווען איך בין געווען פאַרזיצער פון מיניסטאָרנראַט, פלעגט מען מיר אויך אונטערטראָגן אַזוינע בריוו און איך ווייס נאָך זיך, ווי ווייט דידאָזיקע בריוו ווירקן אויף די נערוון און דערוועקן פאַרשידענע געפילן.

נאָך דער דעמיסיע פון א. נ. דורנאָוואָ האָט דער קיסר ניקאָלאַי II נישט באַשטימט אויף זיין אָרט סיפּיאַגינען, ווי זיין פאָטער אַלעקסאַנדער III האָט גערעכנט צו טאָן, נאָר גאָרעמיקינען. געשען איז דאָס אויף אַזאַ אופן:

ווען איוואַן ניקאָלאַיעוויטש דורנאָוואָ איז אַוועקגעגאַנגען האָט זיך אויפגעהויבן די פראַגע: וועמען זאָל מען באַשטימען אויף זיין אָרט? איינמאָל, ווען איך בין געקומען צום קיסר, האָט ער געפרעגט וועגן דעם מיין מיינונג.

—ווי קלערט איר, וועמען וואָלט איר מיר געראַטן צו באַשטימען פאַר אַן אינערנמיניסטער?—דאַן האָב איך פון מיין זייט געפרעגט דעם קיסר, וועמען האָט ער אויפן אויג—ווייל מיר וואָלט זיך נישט וועלן אָנווייזן פערזאָנען. איך וואָלט אָבער געקאָנט געבן אַ כאַראַקטעריסטיק פון דער אָדער יענער פערזאָן, וואָס וועט אָנגעוויזן ווערן דורכן קיסר.

דערויף האָט מיר דער קיסר געענטפערט, אַז מען רעקאָמענדירט אים צוויי פערזאָנען: פלעווען און סיפּיאַגינען. ווער עס רעקאָמענדירט אים, האָט דער קיסר, פאַרשטייט זיך, נישט געזאָגט, אָבער איך האָב פאַרשטאַנען.

וואָס איז שייך צו פלעווען, האָט אים רעקאָמענדירט דורנאָוואָ, פונקט אַזוי ווי ער האָט אים נאָך רעקאָמענדירט אַלעקסאַנדער III, און וועגן סיפּיאַגינען האָט דער קיסר מסתמא געוואוסט נאָך פון פריער, ווייל ער איז נאָך פאַר זיין פאָטערס צייט געווען אַ קאַנדידאַט אויף אַ מיניסטער.

וועגן די ביידע קאַנדידאַטורן האָב איך געזאָגט דעם קיסר, אַז איך קען זיי ביידן זייער גוט. פלעווע האָט געמאַכט זיין קאַריערע אַלס יוריסט. ער האָט זיך דערדינט ביז אַ פּראָקוראָר פון געריכטס-פּאַלאַטע. פאַר די צייטן פון לאָריס-מעליקאָוו איז ער פון אַ פּראָקוראָר באַשטימט געוואָרן פאַר אַ די-

רעקטאָר פון פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט. פון דאָרטן איז ער באַשטימט געוואָרן אַלס געהילף פונם אינערנמיניסטער און צולעצט אַלס מלוכה-סעקרעטאַר. איך האָב געזאָגט, אַז ער איז אַ מענטש אָן שום ספק אַ קלוגער, אַ געניטער יוריסט און בכלל אַ מענטש אַ טיכטיקער, אַ פּעאיקער און האָט געקאָנט אַ סך אַרבעטן. עס פרעגט זיך אָבער, ווי ווייט מען קאָן זיך פאַרלאָזן אויף אים אין צוזאַמענהאַנג מיט זיינע איבערצייגונגען. צי זיינען דאָס באמת זיינע איבערצייגונגען, אויף וויפיל זיי זיינען אויפריכטיק, טיף, צי זיינען עס נישט בלויז קאַריערע-זאַכן—דאָס האָט מען קיינמאָל נישט געקאָנט וויסן.

ווען פּלעווע איז געווען פּראָקוראָר פון געריכטס-פּאַלאַטע, איז ער געווען גאַנץ ליבעראַל געשטימט. צוליב דעם האָט אים גראַף לאָריס-מעליקאָוו, דער דעמאָלטיקער שעף פון דער אויבערפאַרוואַלטונג און דער שפּעטערדיקער אינערנמיניסטער, גענומען פאַר אַ דירעקטאָר פון פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט. אין יענער צייט האָט פּלעווע שטאַרק געהאַלטן פון לאָריס מעליקאָווס פּאָליטיק (לאָריס מעליקאָוון האָט מען דעמאָלט גערופן אַלעקסאַנדער II האַרץ-דיקטאַטאָר), האָט מיטגעפילט זיינע מער אָדער וויניקער קאָנסטיטוציאָנעלע אידייען.

דערנאָך האָט לאָריס מעליקאָווס אָרט פאַרנומען גראַף איגנאַטיעוו. פּלעווע איז געווען איגנאַטיעווס רעכטע האַנט, האָט זיך געבוקט פאַר אים, הגם ווי ס'איז באַוואוסט, זיינען איגנאַטיעווס מיינונגען געווען פונקט דער היפוך פון די מיינונגען, ביי וועלכע ס'האָט זיך געהאַלטן לאָריס-מעליקאָוו.

לאָריס מעליקאָוו איז געווען אַ קאָנסטיטוציאָנאַליסט אין גייסט פון מערב-אייראָפּע און גראַף איגנאַטיעוו איז געווען אַ פּראַקטישער סלאַוויאַנאָפיל, וועלכער האָט געזען די ישועה אין אַ „זעמסקי סאָבאָר" מיט באַראַטונגס-רעכט.

נאָך גראַף איגנאַטיעוון האָט דעם פּאָסטן פון אינערנמיניסטער פאַרנומען טאָלסטאָי. טאָלסטאָי איז געווען אַ פּאַרשטייער, אין פולן זין פון וואָרט, פון דער אַליינהערשנדיקער ביוראָקראַטיע און פּלעווע איז געוואָרן דער שטאַרקסטער אָנ-

הייגער פון זיין סיסטעם. ער פלעגט דורכפירן זיינע געדאַנ־קען. און טאָלסטאָיס פאָרמולן זיינען פאַר אים געווען אַזוי הייליק, כמעט ווי דער עוואַנגעליום־טעקסט.

צו דעם אַלעם האָב איך מוסף געווען זיין מאַיעסטעט:

—וועגן דעם ווי עס זיינען אינדערהאמתן פלעווס מיינונ־גען און איבערצייגונגען, דאָס, מיין איך, ווייס קיינער נישט און איך רעכן, אַז פלעווע אַליין ווייס דאָס אויך נישט. ער וועט זיך האַלטן ביי יענע מיינונגען, וועלכע וועלן אים זיין נוצלעך אין דעם מאָמענט, אין דער צייט, וואָס ער געפינט זיך ביי דער מאַכט.

איך האָב נישט געזאָגט דעם קיסר, אַז פלעווע איז אַ רענעגאַט צוליב זיין קאַריערע. ווייל איך מיין, אַז ס׳קאָן נישט זיין קיין ערלעכער מענטש, וועלכער בייט זיין גלויבן צוליב ערדישע באַקוועמלעכקייטן. איך האָב אויך נישט געזאָגט דעם קיסר, אַז פלעווע איז פון נאַטור אַ כאַם און אַז אַ הייסער פאַרטיידיקער פון אַלע פריציש־עגאָאיסטישע טענדענצן איז ער געוואָרן נישט לויט זיינע איבערצייגונגען און אויך נישט צו־ליב דער טראַדיציע (זיין פאָטער אפילו איז נאָך קיין דוואָריאַ־נין נישט געווען. ער איז געווען אַן אָרגאַניסט ביי עפעס אַ פוילישן פריץ), נאָר דערפאַר, ווייל מיט דער מיטהילף פון דער פריציש־אַדעליקער קליקע האָט ער געמאַכט זיין קאַריערע. ער איז אַ רענעגאַט און נישט קיין רוס, און כדי צו באַווייזן ווי ווייט „עכט־רוסיש און פראַוואָסלאַוונע״ ער איז, איז ער גרייט געווען אויף אַלע אונטערדריקונגס־מיטלען בנוגע אַלע נישט־פראַוואָסלאַוונע אונטערטאַנען פון זיין מאַיעסטעט. אָט פאַרוואָס פאָבעדאָנאָסצעוו האָט אים פאַרהאַסט, ווייל פאָבעדאָנאָסצעוו אַליין האָט דאָס געטאָן לויט זיין איבערצייגונג.

וואָס איז שייך צו סיפּיאַגינען, האָב איך געזאָגט, אַז סיפּיאַגין איז אַ סך ווייניקער געבילדעט און נישט אַזוי פעאיק, ווי פלעווע. ער האָט אפילו געענדיקט דעם יורידישן פאַקולטעט,

אָבער ער האָט געהאַט גאַנץ קנאַפּע יורידישע ידיעות און בכלל זייער שוואַכע וויסנשאַפטלעכע ידיעות. אַזוי ווי ער איז געווען אַן אָנפירער פון אַדל און אַ וויצע-גובערנאַטאָר און דערנאָך אַ גובערנאַטאָר, האָט ער נישט שלעכט פאַרשטאַנען די אַדמיני-סטראַטיווע ענינים. בכלל איז דאָס געווען אַ מענטש מיט אַ גאַנץ געזונטן פאַרשטאַנד, נאָר וואָס איז שייך צו בילדונג, טאַלענט און דערפאַרונג, איז ער געשטאַנען אַ סך נידעריקער פון פּלעווען. אָבער דערפאַר איז סיפּיאַגין געווען אַ מענטש פון איבערצייגונגען. זיינע איבערצייגונגען זיינען אפילו געווען זייער שמאָלע, ריין פּריצישע, ער האָט זיך געהאַלטן ביים פּרינציפּ פון אַליינהערשונג און פון אַ פּאַטריאַרכאַלער אָנפירונג אויף די ערטער. דאָס זיינען געווען זיינע איבערצייגונגען—און פעסטע. בכלל האָט סיפּיאַגין נישט געביטן זיינע איבערצייגונגען. ער איז געווען אַ מענטש מיט אַ פיינער נשמה, אַ גאַנץ הומאַניטאַ-רער און פעסטגעשטעלטער מענטש—באמת אַ מוסטער פון אַ רו-סישן איידלמאַן.

נאָך דערדאָזיקער כאַראַקטעריסטיק פון די צוויי מענטשן, האָב איך מיך צעשיידט מיט זיין מאַיעסטעט און אין אַ קורצע, צייט אַרום בין איך אָפּגעפאָרן קיין ווישי (איך בין אָבער גע-ווען אַזוי נישט פאָרזיכטיק, אַז איך האָב דעמדאָזיקן געשפּרעך מיינעם מיטן קיסר איבערגעגעבן דורנאָוואָן. ווי איך האָב זין שפּעטער דערוואוסט, האָט ער דאָס איבערדערציילט פּלעווען).

ווען איך האָב מיך אין אָנדערטאַלבן חדשים אַרום אומ-געקערט פון ווישי—איז נאָך קיין אינערנמיניסטער נישט באַ-שטימט געווען און דער פריערדיקער אינערנמיניסטער איז באַ-שטימט געווען פאַר אַ פאָרזיצער פון מיניסטאָרנקאַבינעט.

ווען איך האָב איבערגענומען דאָס פינאַנצמיניסטעריום האָב איך גלייך דערפילט די גרויסע אומבאַקוועמלעכקייט דער-פון, וואָס ס'איז נישטאָ קיין אינערנמיניסטער. דעם מיניסטער האָט צייטווייליק פאַרביטן זיין געהילף גאָרעמיקין. נאָר אַזוי ווי יעדן טאָג האָט געקאָנט באַשטימט ווערן אַ נייער מיניסטער,

האָט ער גאָרנישט געוואָלט נעמען אויף זיך און ער האָט בלויז אָנגעפירט מיט די לויפנדיקע ענינים.

ביי מיין ערשטן באַריכט ביים קיסר, האָב איך אים געפרעגט, וועמען פאַרט קלערט זיין מאַיעסטעט צו באַשטימען. דערביי האָב איך אָנגעוויזן, אַז כ׳האָב געפונען אַ סך פּאַפּירן און ענינים, וואָס רירן זיך נישט פון אָרט, ווייל ס׳איז נישטאָ קיין אינערנמיניסטער.

דערויף האָט מיר דער קיסר ניקאָלאַי II געענטפערט:

—נאָך דעם שמועס, וואָס איך האָב געהאַט מיט אייך וועגן פלעווען און סיפּיאַגינען, האָב איך נאָכגעפרעגט פּאָבעדאָנאָסצעווס מיינונג. ער האָט זיין מיינונג אַרויסגעזאָגט, אָבער איך האָב מיך פונדעסטוועגן נישט געקאָנט באַשליסן, וועמען צו באַשטימען. כ׳האָב אַלץ געוואַרט אויף אייער קומען.

דעמאָלט האָב איך געפרעגט דעם קיסר:

—ווי איז פּאָבעדאָנאָסצעווס מיינונג, אויב אייער מאַיעסטעט דערלויבט מיר דאָס צו פרעגן?

—יאָ, ער האָט מיר גאַנץ איינפאַך געזאָגט, אַז פלעווע איז אַ—פּאַדלעץ און סיפּיאַגין איז אַ נאַר.

און דערפאַר האָט טאַקע דער קיסר געטראַכט, אַז ער קאָן נישט באַשטימען, נישט דעם ערשטן און נישט דעם צווייטן.

דעמאָלט האָב איך געפרעגט דעם קיסר:

—נו, און ער אַליין האָט עמיצן רעקאָמענדירט?

דער קיסר האָט אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט:

—יאָ, ער האָט מיר רעקאָמענדירט... ער האָט אויך וועגן אייך גערעדט.

ווי ס׳ווייזט אויס, האָט מיר דער קיסר נישט געוואָלט איבערגעבן, וואָס ער האָט וועגן מיר גערעדט, אָבער איך האָב גלייך פאַרשטאַנען און זיך אָנגערופן צום קיסר:

—אייער מאַיעסטעט, הגם איך ווייס נישט, וואָס פּאָבעדאָנאָסצעוו האָט וועגן מיר גערעדט, אָבער איך בין כמעט ווי זיכער, אַז איך קאָן טרעפן, וואָס ער האָט געזאָגט וועגן מיר.

דער קיסר האָט געפרעגט:

—נו, ווי מיינט איר, וואָס?

—יאָ, ער האָט זיכער געזאָגט אַזוי: ס'איז דאָ איין מענטש, וואָס קאָן זיין אַ מיניסטער, דאָס איז וויטע, אָבער אויך ער... און דאָ האָט ער געזאָגט עפּעס אַ זידלוואָרט, עפּ-וואָס ענלעך צו דער באַוואוסטער פראַזע, וועלכע סאָבאַקעוויטש זאָגט אין די „טויטע נפשות": „בלויז איין מענטש איז דאָרט דאָ אַן אָנשטענדיקער—דער פּראָקוראָר, אָבער אויך דער איי-נער, אויב מען זאָל זאָגן דעם אמת, איז אַ חזיר".—דער קיסר האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט.

—איך האָב אים,—זאָגט ער,—געענטפערט, אַז אויב איך וואָלט אפילו באַשלאָסן איינ צו באַשטימען, וואָלט דאָס אויך נישט פאַרלייכטערט מיין עובדה, ווייל מיר וואָלט אויסגעקומען צו זוכן אַ פאַרטרעטער פאַר איינ.

דערנאָך האָט מיר דער קיסר געזאָגט, אַז ווען ער האָט פאָבעדאָנאָסצעוון געפרעגט, וועמען לייגט ער סוף כל סוף פאַר צו באַשטימען, האָט פּאָבעדאָנאָסצעוו געענטפערט, אַז לויט זיין מיינונג דאַרף מען באַשטימען דעם איצטיקן געהילפמיניסטער, ד. ה. גאָרעמיקינען.

—נו, און וואָס קלערט איר וועגן גאָרעמיקינען?—האָט מיך דער קיסר געפרעגט.

איך האָב געענטפערט דעם קיסר, אַז גאָרעמיקינען קען איך לפי ערך ווייניק, קיין שום באַשטימטעס קאָן איך וועגן אים נישט זאָגן, אָבער אין אַלגעמיין מאַכט ער אויף מיר אַן איינדרוק פון אַן אָנשטענדיקן מענטשן. דערצו האָב איך צוגע-געבן, אַז פאָבעדאָנאָסצעוו רעקאָמענדירט מסתמא גאָרעמיקינען דערפאַר, ווייל יענער איז אַ יוריסט. פאָבעדאָנאָסצעוו איז אויך אַ יוריסט און ס'איז שוין באַוואוסט, אַז די יוריסטן און די לי-צייאיסטן האַלטן זיך איינע אין די אַנדערע, ווי יידן אין זייער קהל.

און איך האָב געזאָגט: אויב אייער מאַיעסטעט האָט מער קיינעם נישט אויפן אויג, וועט איר אפשר באַשליסן צו באַ-שטימען גאָרעמיקינען.

דער קיסר האָט געענטפערט:

—יאָ, איך וועל באַשטימען גאָרעמיקינען.

ווען איך בין אַרויס פון קיסרס קאַבינעט, איז אַהין אַריין סטאָנייעוו. און ווען איך בין געפאָרן מיט אים צוזאַמען פון צאַרסקאָיע סעלאָ קיין פעטערבורג, האָט סטאָנייעוו צו מיר געזאָגט:

—ווי צופרידן איך בין, וואָס איר האָט זיך שוין ענדלעך אומגעקערט פון אויסלאַנד. דער קיסר האָט זיך די גאַנצע צייט נישט געקאָנט באַשליסן, וועמען צו באַשטימען פאַר אַן אינערן-מיניסטער, און ערשט היינט האָט ער מיך געבעטן צוצושטעלן אים אַ באַפעל וועגן דעם, אַז גאָרעמיקין ווערט באַשטימט פאַר אַן אינערנמיניסטער.

גלייך פון וואָקזאַל בין איך אַוועקגעפאָרן אינם אינערן-מיניסטעריום, צו גאָרעמיקינען, און אים געזאָגט, אַז לויט ווי מיר איז באַקאַנט, האָט זיין מאַיעסטעט באַשלאָסן צו באַשטימען אים פאַר אַן אינערנמיניסטער. גאָרעמיקין איז דייער צופרידן געווען מיט דערדאָזיקער ידיעה.

זינט מען האָט פאַראייניקט דאָס אינערנמיניסטעריום מיט דער 3-טער אָפטיילונג, איז דער אינערנמיניסטער, לויט זיין שטעלע, געווען גלייכצייטיק אויך דער זשאַנדאַרמען־שעף. אַזוי־אַרום פלעגן די אינערנמיניסטאָרן, אויסער זייער באַשטימטן געהאַלט, דירה, באַהייצונג און דעסגלייכן, באַקומען אויך פון דער זשאַנדאַרמען-פאַרוואַלטונג פופציק טויזנט רובל אַ יאָר אויף ספּעציעלע אויסגאַבן. אונטער דערדאָזיקער רובריק האָט מען פאַרשטאַנען די געהיימע אויסגאַבן, וואָס פלעגן געמאַכט ווערן דורכן אינערנמיניסטער און דעם פּאָליציי-שעף און וואָס וועגן דעם האָט מען נישט געקאָנט אָפּגעבן קיין שום באַריכט, סיידן פערזענלעך דעם קיסר.

ביסלעכווייז אָבער האָבן די מיניסטאָרן דידאָזיקע פופציק טויזנט רובל פאַרטאָן אויף זייערע פערזענלעכע צוועקן, וואָס ס'איז, פאַרשטייט זיך, נישט געווען זייער קאָרעקט.

---



ס. י. וויטע.

און אָט האָט מיר גאָרעמיקין געזאָגט, אַז ער איז צו-פרידן, וואָס ער באַקומט אַ זעלבשטענדיקן אָרט, וואָס ער איז שוין נישט מער דער צייטווייליקער פאַרוואַלטער, נישט קיין „קאַליף אויף אַ שעה". די ערשט זאַך, וואָס ער איז זיך מכוין צו טאָן, איז אַרויסצוגעבן אַ פאַראָרדנונג, אַז דידאָזיקע פופציק טויזנט רובל, וואָס די פריערדיקע מיניסטאָרן פלעגן באַקומען, זאָל מען אים נישט געבן. זאָל זיי דער פאָליציי-דעפאַרטאַמענט אַליין פאַרברויכן אויף זיינע געהיימע הצטרחותן.

נאָר דערדאָזיקער גוטער וואונטש איז טאַקע מער נישט פאַרבליבן ווי אַ „גוטער וואונטש". גאָרעמיקין האָט זיך ווייטער גענומען די פופציק טויזנט רובל און פלעגט זיי אויסגעבן אויף זיינע פערזענלעכע הצטרחותן, פונקט אַזוי ווי דאָס האָבן געטאָן זיינע פאָרגייער. די נפקא מינה צווישן זיי און דעם פאַר-שטאָרבענעם סטאָליפינען, דעם פאָרזיצער פון מיניסטאָרנראַט און אינערנמיניסטער, איז באַשטאַנען בלויז אין דעם, וואָס זיי האָבן גענומען נאָר די פופציק טויזנט רובל און ער האָט זיך שוין דערמיט נישט באַנוגנט. ווי מיר איז באַוואוסט פון דעם, וואָס מיר האָט געזאָגט דער געוועזענער פינאַנצמיניסטער און דער היינטיקער פאָרזיצער פון מיניסטאָרנראַט, פלעגט סטאָליפין צו-זאַמען מיט זיין געהילף קורלאָוון פאַרטאָן אויף זייערע פער-זענלעכע ענינים הונדערטער טויזנטער. דאָס איז געווען אַ פועל יוצא פון דער אַזוי גערופענער קאָנסטיטוציאָנעלער אָרדנונג, וואָס איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן דורך סטאָליפינען.

איידער גאָרעמיקין איז באַשטימט געוואָרן פאַר אַן אי-נערנמיניסטער איז ער געווען גאַנץ ליבעראַל געשטימט, אָבער באַלד ווי ער איז געוואָרן מיניסטער, האָט ער אונטערן דרוק פון אויבן און מורא האָבנדיק זיך צו קאָמפּראָמעטירן, אָנגע-הויבן צו פירן אַ רעאַקציאָנערע פאָליטיק*)

*) אַ וואַריאַנט. גאָרעמיקין האָט אין דער צייט פון זיין פאַרהאַלטונג גאָרניש-געטאָן, ער האָט נישט געוואוסט, וואו אַהין צו גיין, —רעכטס, צי לינקס. פאַר אַ געהילף

אין מערץ 1896 איז אַלס הויפקאָמענדאַנט באַשטימט גע־וואָרן דער גענעראַל העססע.

ווען אַלעקסאַנדער III איז אַרויף אויפן טראָן, איז זיין פּערזענלעכער פריינט, גראַף וואָראָנצאָוו-דאַשקאָוו, געווען אַ קורצע צייט דער שעף פון דער הויפוואַך. גאָר אינגיכן איז ער געוואָרן הויפמיניסטער און איז פאַרבליבן אַלס אַזעלכער אין משך פון דער גאַנצער צייט פון אַלעקסאַנדער III ממשלה.

דער שעף פון דער וואַך איז געווען גענעראַל-אַדיוטאַנט טשערעווין.

סיי גראַף וואָראָנצאָוו-דאַשקאָוו און סיי טשערעווין זיינען ביידע געווען מענטשן מיט אַ באַשטימטן „איך".

דער יונגער קיסר איז, אַזוי צו זאָגן, אויסגעוואַקסן אויף זייערע אויגן און ביידע זיינען געווען באַפריינדעט מיטן קיסר אַלעקסאַנדער III, ווען יענער איז נאָך געווען טראָניורש.

טשערעווין האָט געהאַט אַ געוויסן פעלער: ער פלעגט זיך

---

האָט ער זיך גענומען דעם פירשט אַלעקסיי דמיטריעוויטש אָבאָלענסקי, אַ מענטש ווייט נישט קיין נאַרישער, אַ וואוילגעבילדעטער, אַ שטאַרקער רעדנער און אַן ערלעכער, אָבער זייער אַ לייכטזיניקער און אַ פילבאַרער.

ער האָט מיר אויך נענוג צרות פאַרשאַפט. ווען ער רעדט, רעדט ער לויט זיין איבערצייגונג און ער ווירקט. אָבער זיינע איבערצייגונגען בייטן זיך אַזוי אָפט, ווי ציבלטיקע מענטשן בייטן וועש. אויסערדעם, האָט ער זייער אַן אומרואיקן כאַראַקטער. תמיד און אומעטום מישט ער זיך אַריין אין אַלע פאַרטייען, ווייל אַלץ וויסן, וואָס עס טוט זיך און געבן „עצות". ער איז געווען זייער אָנגענומען ביי יונגע דאַמען פון דער העכערער געזעלשאַפט—מען פלעגט אים טאַקע אויך רופן „דער פרויען־אָראַקול". הגם ער איז אין פלוג אַ גאַנץ וואוילער און ערלעכער מענטש, אָבער אַ געפערלעכער בעל־רעך. אָבאָלענסקי האָט געשלעפט גאָרעמיקינען לינקס און אַנדערע מיטאַרבעטער זיינע—רעכטס. עס פאַרשטייט זיך, אַז גאָרעמיקין האָט קיינעם נישט צופרידנגעשטעלט. און דער פאָרזיצער פון מיניסטאָרראַט דורנאָוואָ, וועלכער האָט שוין דעמאָלט געלעבט מיט פלעוועס קאָפּ (דער דעמאָלטיקער מלוכה־סעקרעטאַר, וועלכן ס'האָט זיך געוואָלט ווערן אַ אינערנמיניסטער) האָט שטאַרק אינטריגירט קעגן גאָרעמיקינען.

גאַנץ אָפּט, מען קאָן זאָגן טאָג-איין, טאָג-אויס, געפינען אין נישט קיין נאָרמאַלן צושטאַנד, און דעמאָלט פלעגט ער זיך דערלויבן אַ ביסל צופיל און פלעגט באַנוצן אַ ביסל צו-שאַרפע אויסדרוקן. דאָס האָט, נאַטירלעך, נישט געקאָנט געפעלן דער יונגער קייזערין, וואָס איז דערצויגן געוואָרן אין דייטש-ענגלישן גייסט. טשערעווין פלעגט זיך אויך נישט גוט פילן מיטן יונגן קיסר.

הגם טשערעווין איז פאַרן קיסר ניקאָלאַי II אויך פאַרבליבן אויף זיין פריערדיקן פּאָסטן און לויט זיין דינסט האָט ער זיך געפונען נאָנט צום קיסר, דאָך אָבער זיינען קיין שום אינטימע באַציאונגען נישט געווען צווישן אים און דעם נייעם מאַיעסטעטישן פּאָרפאָלק. טשערעווין פלעגט שוין נישט זען אַלע טאָג דעם קיסר מיט דער קייזערין, ווי דאָס איז פריער געווען. פריער פלעגט ער אַלעמאָל איינגעלאַדן ווערן צום קייזערלעכן טיש—צום מיטאָק, צום פרישטיק,—איצט אָבער האָט זיך אַלץ געענדיקט. טשערעווין איז בכלל דערווייטערט געוואָרן פונם קיסרס פריוואַטן לעבן.

ווען דער קיסר איז איבערגעפאָרן אין ווינטער-פּאַלאַץ—דאָס איז געווען גלייך נאָך די האָניג-חדשים אין צאַרסקאָיע סעלאָ, האָט טשערעווין אפילו נישט באַקומען דאָרט קיין דירה. נישט דאָרט און נישט אין די אַניטשקאָווער פּאַלאַצן. ער האָט געוואוינט אין אַ פריוואַטער דירה.

בלויז די באַציאונג פון דער קייזערין-אלמנה האָט זיך נישט געענדערט צו טשערעווינען. זי איז, ווי פריער, געווען גוט געשטימט צו אים, האָט אים, זייער ליב געהאַט און שטאַרק געשעצט.

טשערעווינס נאָנטער מענטש איז געווען גענעראַל העססע. גענעראַל העססע האָט פריער געדינט אין פּרעאָבראַזשענסקין פּאָלק. דערנאָך איז ער געווען ביי טשערעווינס האַנט, שוין אַלס פּאָלקאָווניק (פאַר אַלעקסאַנדער III געדיינק איך אויך העססען פאַר אַ פּאָלקאָווניק).

דער יונגער קיסר האָט געקענט העססען. ער האָט אַמאָל אַליין געדינט אין פּרעאָבראַזשענסקין פּאָלק. אויסערדעם, האָט העססע געלערנט שיסן ניקאָלאַי II, ווען יענער איז נאָך געווען אַ טראָניורש. אויסערדעם, האָט העססע, ווי טשערעווינס אַ נאָנ־טער מענטש, זייער גוט געוואוסט אַלץ, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו דער הויפוואַך.

ס׳איז דעריבער גאַנץ פאַרשטענדלעך, וואָס נאָך טשערע־ווינס טויט האָט מען באַשטימט העססען.

טשערעווין איז געשטאָרבן פון אַ לונגען־אָנצינדונג. פאַר אַזעלכע פּערזאָנען, ווי ער איז געווען—פאַר אַלקאָהאָליקער—ענדיקט זיך געוויינלעך אַ לונגען־אָנצינדונג מיטן טויט.

העססע איז געווען נישט קיין שלעכטער מענטש. אַ גאַנץ קאָרעקטער, אָבער אַזוי—אַ גאַנץ פּשוטער מענטש. מען קאָן אים באַין אופן נישט פאַרגלייכן מיט טשערעווינען, וועלכער איז געווען אַ מענטש זייער אַ קלוגער און אַן אינטערעסאַנטער. ער האָט פאָרגעשטעלט מיט זיך אַ באַשטימטע פּערזענלעכקייט.

העססע האָט געמאַכט אַ מיליטערישע קאַריערע, אגב אורחא אויך דערפאַר, ווייל ער האָט חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פונם געוועזענעם קיעווער מיליטער־קאָמאַנדיר קאָזליאַניקאָוו. זיין פרויס אַ שוועסטער איז געווען אַ הויפפריילן ביי יעליזאַוועטע פיאָדאָראָוונע. אין העססעס קאַריערע האָט דידאָזיקע קרובשאַפט געשפילט אַ גרויסע ראָלע.

די העססעס אַליין שטאַמען פון יידן. זיי טראָגן אין זיך אַ היבש ביסל יידיש בלוט. אויפן גענעראַל העססע איז דאָס נישט אַזוי צו באַמערקן, דערפאַר אָבער ביי זיין ברודער, דעם קיעווער גובערנאַטאָר, זעט זיך גאַנץ בולט אַרויס דער יידישער טיפ. דאָס האָט זיי אָבער ביידן נישט געשטערט צו זיין גאַנץ אָנשטענדיקע מענטשן.

גענעראַל העססעס פרוי איז אויך געווען אַ גאַנץ אָנ־שטענדיקע דאַמע, אָבער, „זי האָט זייער גוט געוואוסט, וואָס זי האָט צו טאָן". זי האָט געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויפן מאַן און האָט פאַרשטאַנען צו ווירקן באַזונדערס דעמאָלט, ווען מען

האָט באַדאַרפט איינאָרדנען פאַרשידענע היימישע ענינים. זי האָט אויך גוט געוואוסט ווי איינצואָרדנען איר פערזענלעכע לאַגע, הגם זי איז געווען פון ריין-רוסישער אָפּשטאַמונג, פון עכט-רוסיש בלוט.

אַ סך מיינען, אַז אויב עמעץ שטאַמט נאָר פון יידן, האָט ער שוין אומבאַדינגט אַלע חסרונות פון דערדאָזיקער אומה, אָבער דאָס איז נישט אינגאַנצן ריכטיק. אָט, למשל, העססע, ביי אים האָט זיך מיט קיין שום זאַך נישט אַרויסגעוויזן זיין יידישע אָפּשטאַמונג, בשעת ביי זיין ווייב, וועלכע איז געווען אַן עכט-רוסישע, האָבן זיך שטאַרק אַרויסגעוויזן עכט-יידישע חסרונות.

ס'איז כאַראַקטעריסטיש, אַז בשעת העססע איז באַשטימט געוואָרן אויף טשערעווינס אָרט, איז אין אַלערהעכסטן באַפעל געזאָגט געוואָרן, אַז היות ווי דער קיסר נויטיקט זיך נישט אין קיין ספּעציעלער וואַך, איז אויך נישט נויטיק קיין וואַכשעף, און דעריבער ווערט העססע באַשטימט אַלס הויף-קאָמענדאַנט.

אָט וויאַזוי מען האָט דעמאָלט, אין יאָר 1896, געוואָלט ווייזן די אָכראַנע פאַר דער געזעלשאַפט, אויב נישט אינערלעך אויפריכטיק, איז כאָטש אויסערלעך אָנשטענדיק. ווען מען גיט אָבער אַ קלער וועגן דעם, ווי די זאַך שטייט איצט, וועגן דער גרויסער באַדייטונג פון דער אָכראַנע, וועגן דעם, ווי זי איז אַרויסגערוקט געוואָרן פון סטאָליפּינען, מיט די אַלע געשיכטעס פון די אַזעפס, דובראָווינס און די אַלע אויסוואורפן פון סע-נאַ-פּלאַץ, מיטן פאַראיין פון רוסישן פאָלק, און ווען מען דער-מאָנט זיך אין באַגראָוון, קאַזאַנצעוון און די פאַרשידענע פּאָלי-טישע „אָכראַנניקעס” מיט די כל-ערליי נעמען און פרצופים, קאָן מען זאָגן: די דעמאָלטיקע עפנטלעכע דערקלערונג, אַז די הויפ-אָכראַנע ווערט אָפּגעשאַפט און פאַרביטן מיט אַ הויף-קאָמענדאַנט, האָט זיך נישט אינגאַנצן באַרעכטיקט.

## קאַפּיטל II.

# די אונטערהאַנדלונג מיט לי־כון־טשאַן און דער אָפּמאַך מיט כינע.

ביים סוף פון אַלעקסאַנדער III ממשלה האָבן זיך זייער פאַרשאַרפט די באַציאונגען צווישן יאַפּאָניע און כינע און לסוף איז צווישן דידאָזיקע צוויי מלוכות אויסגעבראָכן אַ מלחמה. מיר האָבן דעמאָלט אויפן ווייטן מזרח און אין וולאַדיוואָסטאָק גע־האַט זייער ווייניק מיליטער. אונזער מיליטער פון וולאַדיוואָסטאָק האָבן מיר איבערגעשיקט קיין גירין. געטאָן האָבן מיר דאָס אויף דעם פאַל, ווען די מיליטערישע אָפּעראַציעס צווישן די־דאָזיקע צוויי מלוכות זאָלן זיך אַ רוק טאָן קיין מזרח און קו־מען אין באַרירונג מיט דער רוסישער טעריטאָריע אין דער אָדער אין יענער ריכטונג. דאָס איז אַלץ, וואָס מיר האָבן געטאָן.

צו יענער צייט איז אַלעקסאַנדער III געשטאָרבן. די מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט מיטן פולשטענדיקן נצחון פון די יאַפּאָניער. ביים אָנהויב פון ניקאָלאַי II הערשאַפט האָבן די יאַפּאָניער איינגענומען די גאַנצע ליאַאָדונער האַלבאינזל. ביים שלום שליסן מיט כינע האָבן זיי זיך אויסגערעדט אַ סך ווי־

טיקע פרטים, אָבער דער עיקר איז דאָס, וואָס די ליאַאָדונער־האַלבאינזל איז איבערגעגאַנגען צו זיי.

ביי דערדאָזיקער לאַגע איז פירשט לאָבאַנאָוו-ראָסטאָווסקי געוואָרן אויסערנמיניסטער. דעמאָלט האָט זיך אויך געהאַלטן אין בויען די גרויסע סיבירער אייזנבאַן, וואָס האָט זיך געצויגן כמעט ביז זאַבייקאַל. ס'איז אַנטשטאַנען די פראַגע: אין וואָסער ריכטונג זאָל מען ווייטער פירן דעמדאָזיקן אייזנבאַנוועג—דורך אונזער טעריטאָריע, דרייענדיק זיך אַרום אַמור, אָדער אויף אַ געוויסן דרך אויסנוצן די כינעזישע טעריטאָריע, ד. ה. דעם צפונטייל פון מאַנדזשוריע.

דידאָזיקע פראַגע איז נישט געלעזן געוואָרן. ס'איז קיינעם קיינמאָל נישט איינגעפאַלן, אַז ס'זאָל זיך אונז איינגעבן צו באַקומען פון כינע אַ הסכמה דורכצופירן אַ וועג דורך צפון-מאַנדזשוריע.

אָבער אַזוי ווי די גאַנצע אַרבעט פון אויפבויען דעם גרויסן סיבירער וועג, ד. ה. די פאַראייניגונג פון וולאַדיוואָסטאָק מיטן אייראָפּעאישן רוסלאַנד איז נאָך לויט אַלעקסאַנדער III צוואה איבערגעגעבן געוואָרן צו מיר, בין איך צווישן אַלע מלוכה-טוער געווען דער איינציקער מענטש, וואָס האָט זיך דערמיט באַשעפטיקט. און אַזוי ווי איך האָב מער פון אַלע אַנדערע געשפּילט אַ ראָלע אין דערדאָזיקער זאַך, האָב איך זי אויך מער פאַר אַלעמען גוט דורכגעשטודירט און געוואוסט. ווייל אין עצם גענומען זיינען דעמאָלט געווען זייער ווייניק מענטשן, וועלכע זאָלן בכלל וויסן, וואָס איז אַזוינס כינע, קאָרייע און יאַפּאָניע און האָבן אַ קלאָרן באַגריף וועגן די געגנזייטיקע באַציאונגען פון דידאָזיקע מלוכות. וואָס איז שייך צו כינע, האָט אונזער געזעלשאַפט בכלל גאָרנישט געוואוסט, אפילו די מלוכה-טוער זיינען געווען פולשטענדיקע עם-הארצים.

דער נייער מיניסטער, פירשט לאָבאַנאָוו-ראָסטאָווסקי האָט אויך נישט געהאַט קיין שום אַנונג וועגן די ענינים פון ווייטן מזרח. ווען עמיצער וואָלט אים דעמאָלט געפרעגט, וואָס איז אַזוינס מאַנדזשוריע? וואו איז מוקדען? וואו איז גירין?—וואָלט

זיך אויסגעוויזן, אַז זיינע ידיעות שטייגן נישט איבער די ידיעות פון אַ גימנאַזיסט פון צווייטן קלאַס.

פירשט לאָבאַנאָוו-ראָסטאָווסקי איז געווען, ווי איך האָב שוין פריער געזאָגט, זייער אַ געבילדעטער מענטש. וואָס איז שייך צו מערב האָט ער אַלץ געוואוסט. דער ווייטער מזרח אָבער האָט אים ווייניק אינטערעסירט.

ער האָט נאָך נישט באַוויזן איבערצונעמען זיין פּאָסטן, ווי די מלחמה צווישן יאַפּאָניע און כינע האָט זיך פאַרענדיקט מיטן באַרימטן סימאָנאָסעקסישן אָפּמאַך. דערדאָזיקער אָפּמאַך איז, לויט מיין מיינונג, געווען זייער נישט קיין גינסטיקער פאַר רוסלאַנד. יאַפּאָניע האָט באַקומען טעריטאָריע אויף דער כי-נעזישער יבשה און איז דערמיט נענטער געוואָרן צו אונז. פריער איז צווישן אונז און יאַפּאָניע געלעגן דער ים און אונזערע ים-שטחים זיינען געווען אָפּגעטיילט. אָבער זינט יאַפּאָניע איז אַריבערגעגאַנגען אויף דער יבשה און אָנגעקניפּט באַציאונגען אויף יענע ערטער, וואו מיר האָבן געהאַט אונזערע ממשותדיקע אינטערעסן, האָט זיך געמוזט שטעלן די פראַגע, וויאַזוי זאָל מען אין דעמדאָזיקן פאַל האַנדלען?

צו יענער צייט האָב איך איינער זיך פאַרנומען מיט די פראַגן פון ווייטן מזרח. דער קיסר האָט בכלל געוואָלט פאַר-שפרייטן רוסלאַנדס השפעה אויפן ווייטן מזרח. ער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט דערדאָזיקער אידייע דערפאַר, ווייל די נסיעה אויפן ווייטן מזרח איז געווען, אַזוי צו זאָגן, דער ערשטער פרייער אַרויסטריט זיינער. ער האָט נאָך אָבער דעמאָלט קיין שום באַשטימטן פּראָגראַם נישט געהאַט. ס'איז געווען ביי אים בלויז אַ סטיכישער ווילן צו גיין אויפן ווייטן מזרח און פאַר-כאַפּן די דאָרטיקע לענדער. צוליב דעם איז מיר דעמאָלט אויס-געקומען אַלזייטיק צו באַטראַכטן די געשאַפענע לאַגע. און דע-מאָלט טאַקע בין איך געקומען צו דעם אויספיר, ביי וועלכן איך האָב זיך שוין נאָכדעם געהאַלטן די גאַנצע צייט. דאָס איז געווען דער געדאַנק, אַז רוסלאַנד לוינט באַזונדערס צו האָבן

נעבן זיך פאַר אַ שכנה די שטאַרקע, אָבער נישט באַוועגלעכע כינע, ווייל דעמאָלט וואָלט רוסלאַנד זיין רואיק, ס'וואָלט איר נישט געדראָט קיין שום געפאַר פונם מזרח. און אין דעם האָב איך געזען אַ גאַראַנטיע פאַר רוסלאַנדס וואוילשטאַנד. פאַר מיר איז דעריבער געווען קלאָר, אַז מען טאָר נישט דערלאָזן יאַ-פּאָניע זאָל זיך איינבירגערן האַרט נעבן פעקין און זאָל באַקו-מען אַזאַ ווילכטיקן געביט, ווי די ליאַאָדונער האַלבאינזל, וואָס האָט אין אַ געוויסן מין פאָרגעשטעלט מיט זיך אַ דאָמינירנדיקע פּאָזיציע. און איך האָב אויפגעהויבן די פראַגע וועגן דעם, אַז ס'איז אומבאַדינגט נויטיק נישט צו דערלאָזן, אַז דער אָפּמאַך צווישן יאַפּאָניע און כינע זאָל פאַרווירקלעכט ווערן.

צוליב דעם האָט זיין מאַיעסטעט באַוויליקט צונויפצורופן אַ באַראַטונג, וועלכע איז פאָרגעקומען אין דער צייטווייליקער דירה ביים נייעם אויסערנמיניסטער פירשט לאָבאַנאָוו-ראָסטאָווקי.

די דאָזיקע באַראַטונג איז געפירט געוואָרן אונטערן פאָר-זיץ פון גענעראַל-אַדמיראַל גרויספירשט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָ-וויטש און אין איר האָבן זיך באַטייליקט פאָלגנדיקע פּערזאָנען: קריגסמיניסטער גענעראַל-אַדיוטאַנט וואַנאָווסקי, שעף פון הויפּט-שטאַב גענעראַל-אַדיוטאַנט אָברוטשעוו, פאַרוואַלטער פון הויפּ-מיניסטעריום ניקאָלאַי מאַטווייעוויטש טשיכאַטשאָוו, אויסערנ-מיניסטער און איך.

אויף דער דאָזיקער באַראַטונג האָב איך אַרויסגעזאָגט און דורכגעפירט דעם פּרינציפּ, אַז דער הויפּטאינטערעס פון רוס-לאַנד אויף לאַנגע, לאַנגע יאָרן באַשטייט אין דעם, אַז כינע זאָל בלייבן דאָס, וואָס זי איז. און צוליב דעם איז נויטיק מיט אַלע קרעפטן אונטערצוהאַלטן דעם פּרינציפּ פון גאַנצקייט און אומבאַרירלעכקייט פון דער כינעזישער מלוכה.

דעם דאָזיקן פּרינציפּ האָב איך דורכגעפירט פעסט און אַנטשידן. אונטערגעהאַלטן מיך האָט בלויז איין וואַנאָווסקי. אָב-רוטשעוו האָט זיך באַצויגן גאַנץ גלייכגילטיק צו דער דאָזיקער פראַגע, ווייל ער האָט זיך תמיד אַרומגעטראָגן מיט די געדאַנ-קען וועגן כלערליי צוזאַמענשטויסן אויפן מערב און נאָר די

אידייע האָט אים באַשעפּטיקט. די אַלע איבעריקע אָנטיילנעמער האָבן קיין שום באַשטימטע מיינונג נישט אַרויסגעזאָגט.

דער פאָרזיצער האָט דידאָזיקע פראַגע נישט געשטעלט צו דער אָפּשטימונג, און האָט אַוועקגעשטעלט אַן אַנדער פראַ-גע: וויאַזוי אַרום זאָל מען האַנדלען, כדי מיין פאַרלאַנג זאָל קאָנען פאַרווירקלעכט ווערן?

דעמאָלט האָב איך געזאָגט, אַז ס'איז אומבאַדינגט נויטיק צו שיקן יאַפּאָניע אַן אולטימאַטום, אַז מיר קאָנען נישט דער-לאָזן, עס זאָל אָנגערירט ווערן דער פּרינציפּ פון גאַנצקייט און אומבאַרירלעכקייט פון כינע, און דערפאַר קאָנען מיר נישט מסכים זיין מיט דעם אָפּמאַך, וואָס איז געשלאָסן געוואָרן צווישן יאַפּאָניע און כינע, אַרויסגייענדיק פון דעם כלל, אַז כינע, ווי אַ צד אַ באַזיגטער, איז געצוואונגען געווען דעמדאָ-זיקן אָפּמאַך אונטערצושרייבן. דערנאָך האָב איך צוגעגעבן, אַז יאַפּאָניע, אַלס זיגערין, דאַרף געגעבן ווערן אַ מעגלעכקייט צו קאָמפּענסירן אירע הוצאות דורך אַ באַדייטנדיקער קאָנטריבוציע, געדעקט פון כינע. ווען יאַפּאָניע וועט אָבער אויף דעם נישט מסכים זיין, בלייבט אונז נישט קיין אַנדער ברירה, ווי צוצו-טרעטן צו אַקטיווע מעשים. אין וואָס דידאָזיקע מעשים זאָלן זיך אויסדריקן, איז נאָך צו פרי צו באַשטימען, אָבער איך האַלט זיך ביי דער מיינונג, אַז מען קאָן דערגיין אויך ביז באָמבאַרדירן אייניקע יאַפּאָנישע האַפנס.

אַזויאַרום איז אויף דערדאָזיקער באַראַטונג קלאָר פאָרמו-לירט געוואָרן מיין מיינונג און די מיטלען, וועלכע זיינען דורך מיר אָנגעמערקט געוואָרן אויף דורכצופירן זי אין לעבן.

נאָר די זיצונג האָט זיך פונדעסטוועגן נישט פאַרענדיקט מיט קיין שום באַשטימטן באַשלוס, ווייל הגם קיינער פון די אָנטיילנעמער איז נישט אַרויסגעטראָטן אָפן קעגן מיר, האָט אָבער די מערהייט נישט געזאָגט, אַז זי איז מסכים מיט מיין מיינונג. פירשט לאָבאַנאָוו-ראָסטאָווסקי האָט די גאַנצע צייט גע-שוויגן.

וועגן דערדאָזיקער באַראַטונג האָט דער גרויס מיט-

געטיילט דעם קיסר. דעמאָלט האָט דער קיסר צונויפגערופן אַ זיצונג ביי זיך, אָבער שוין נישט אין דעם פריערדיקן פולן צו-זאַמענשטעל. עס זיינען בלויז געווען: איך, גענעראַל וואַנאָווסקי, פירשט לאָבאַנאָוו-ראָסטאָווסקי און גרויספירשט אַלעקסיי אַלעק-סאַנדראָוויטש.

אין דער אָנוועזנהייט פון זיין מאַיעסטעט האָב איך ווי-דער איבערגעחזרט מיינע מיינונגען. די איבעריקע האָבן אָדער גאָרנישט אַרויסגעטראָטן קעגן זיי אָדער זייער שוואַך אַרויסגע-טראָטן, ביז דער קיסר איז סוף כל סוף מסכים געווען אָנצונע-מען מיין פאָרשלאָג און פירשט לאָבאַנאָוו-ראָסטאָווסקי האָט אים באַדאַרפט רעאַליזירן. מען מוז מודה זיין, אַז ער האָט דאָס אויסגעפירט זייער געשיקט. ער איז באַלד אַריינגעגאַנגען אין אַ פאַרבינדונג מיט דייטשלאַנד און פראַנקרייך, וועלכע האָבן תיכף ומיד געגעבן זייער הסכמה אונטערצוהאַלטן רוסלאַנדס פאָדערונג און גלייך נאָכדעם איז מצד רוסלאַנד אַרויסגעשיקט געוואָרן דער אולטימאַטום צו יאַפּאָניע. יאַפּאָניע איז געצוואונ-גען געווען אָנצונעמען אים און אָנשטאָט דער ליאַאָדונער האַלב-אינזל האָט זי געפאָדערט אַ באַדייטנדיקע געלט-קאָנטריבוציע.

מיר, ד. ה. רוסלאַנד, האָבן זיך נישט אַריינגעמישט דערין, ווי גרויס, אַ שטייגער, זאָל זיין די קאָנטריבוציע, ווי אויך אין אַנדערע ענינים. מיר האָבן נאָר אַרויסגעשטעלט די איין איינציקע פאָדערונג, אַז מיר קאָנען נישט דערלאָזן, עס זאָל אויף אַ וואָסער נישט איז אופן אָנגערירט ווערן די גאַנצ-קייט פון כינע.

אַזויאַרום איז צושטאַנד געקומען דער סימאָנאָסעקסישער אָפּמאַך, אין וועלכן דער טעריטאָריאַלער געווינס איז פאַרביטן געוואָרן דורך אַ געלט-קאָנטריבוציע.

גלייכצייטיק בין איך אַריין אין באַציאונגען מיט כינע און פאָרגעלייגט איר רוסלאַנדס מיטהילף צו באַקומען אַ הלואה. אַזאַ הלואה האָט, נאַטירלעך, נישט געקאָנט געמאַכט ווערן בלויז אויפן גרונט פון כינעס קרעדיט און דערפאַר האָט רוסלאַנד

געדאַרפט געבן איר גאַראַנטיע, אַז די הלואה ווערט געזיכערט דורך אַ גרענעצאָפּצאָל, און בכלל דורכן גאַנצן פאַרמעגן פון כינע. אין פאַל אָבער, אויב כינע זאָל נישט זיין פּינקטלעך, האָט רוסלאַנד גענומען אויף זיך די אחריות פון דערדאָזיקער הלואה.

אויסער דעם אַלעם, האָב איך אייגנטלעך אויך דורכגעפירט דידאָזיקע הלואה פאַר כינע ביי די פאַריזער באַנקירן. אין דער הלואה האָבן זיך באַטייליקט די באַנק De Paris et Paus bas, דאָס באַנקהויז Credit Lyonnais און געטינגער. וועגן דעמדאָזיקן ענין זיינען צוויי פאָרשטייער פון דידאָזיקע הייזער, נעסטלע און געטינגער געקומען צופאָרן אַהער און געבעטן, איך זאָל פאַר דערדאָזיקער טובה, וואָס זיי טוען מיר מיטן דורכפירן די הלואה, צוהעלפן זיי צו פאַרברייטערן די פראַנצויזישע באַנק-טעטיקייט אין כינע.

צוליב דעם איז, לויט מיין איניציאַטיוו און לויט דער בקשה פון די אויבנדערמאָנטע באַנקירן, געגרינדעט געוואָרן די רוסיש-כינעזישע באַנק, מיט דעם הויפּטאָנטייל פון די פראַנצויזן. לכתחילה איז אונזער מלוכה-קאַסע געווען אַן אָנגעזעענע אַקציאָנערין אין דערדאָזיקער באַנק, אין דער לעצטער צייט אָבער באַטייליקט זי זיך כמעט נישט אין איר. נאָך דער אומגליקלעכער רוסיש-יאַפּאַנישער מלחמה האָבן מיר שטאַרק פאַרלאָרן אונזער אָנזעען אין כינע, און אַזאַ מין באַנק, אין וועלכער ס'האָבן זיך צוזאַמען באַטייליקט פראַנצויזישע באַנקירן, רוסלאַנד און די כינעזישע מלוכה, וועלכע האָט דאָרטן געהאַט אַ גרויסן חלק, האָט נאָכדעם, ווי איך בין אַוועק פון פינאַנצמיניסטעריום און נאָך דער מלחמה, פאַרלאָרן דעם באָדן אונטער זיך. און היינט צו טאָג איז זי פאַראייניקט מיט דער צפונבאַנק. דערנאָך איז אויסגעוואַקסן אַ נייע באַנק, וואָס הייסט „רוסיש-אַזיאַטישער באַנק“.

נאָכדעם ווי מיר האָבן געגעבן כינע אַזאַ אָנגעזעענע הילף, איז אַהין אַוועקגעפאָרן פירשט אוכטאָמסקי, וואָס איז צו יענער צייט געווען זייער אַ נאָענטער מענטש ביים קיסר. דער

ס. י. וויטע.

האָט זיך געדאַרפֿט באַקענען מיט כינע און מיט אירע מלוכה-טוער.

ווען ס'איז אונטערגעקומען די קרוינונגס-צייט, האָבן אַלע מלוכות, ווי ס'איז אָנגענומען אין אַזעלכע פֿאַלן, געשיקט קיין רוסלאַנד זייערע פֿאָרשטייער. געווען זיינען דאָס רוב אָדער הויפּלייט, אָדער די אָנגעזעענסטע מלוכה-לייט. פֿון כינע איז געשיקט געוואָרן לי-כון-טשאַן.—אַ מענטש, וועלכער האָט פֿאַרנומען דעם העכסטן אַמט אין דער מלוכה. דערמיט, וואָס עס איז אַרויסגעשיקט געוואָרן אַזאַ חשובער פֿאָרשטייער האָט כינע באַזונדערס אונטערגעשטראָכן די דאַנקבאַרקייט, וואָס זי פֿילט צו אונזער יונגן מאָנאַרך.

אונטער דער צייט איז אונזער סיבירער וועג צוגעפֿירט געוואָרן ביז זאַבאַיקאַליע און ס'איז געקומען די צייט צו באַשליסן די פֿראַגע, וויאַזוי צו פֿירן אים ווייטער. ס'איז גאַנץ באַטירלעך, וואָס מיר איז דעמאָלט איינגעפֿאַלן, אַז דער וועג דאַרף געפֿירט ווערן ווייטער, דירעקט קיין וולאַדיוואָסטאָק, דורכשניידנדיק מאָנגאָליע און די צפֿון-זייט פֿון מאַנדזשוריע. אויסערדעם, וואָס דערמיט איז באַדייטנדיק פֿאַרגרינגערט געוואָרן די אַרבעט, איז דערזאָיקער וועג דורך דעם געוואָרן אַן אמתער טראַנזיט-וועג, וועלכער פֿאַראייניקט יאַפּאָניע און דעם גאַנצן ווייטן מזרח מיט רוסלאַנד און אייראָפּע.

די פֿראַגע איז נאָר באַשטאַנען דערין, וויאַזוי צו דערגרייכן דעמדאָזיקן ציל אויפֿן פֿרידלעכן וועג, אַז די זאַך זאָל זיך שטיצן אויף געגנזייטיקע קאָמערציעלע נוצן. דערדאָזיקער ענין האָט מיך זייער באַשעפֿטיקט און איך האָב גערעדט וועגן דעם מיט פֿירשט אוכטאָמסקי, און ביי אַ געלעגנהייט האָב איך אויך מיטגעטיילט וועגן דעם גאַנצן ענין דעם קיסר.

ס'איז אויך געווען אַ געדאַנק, וואָס איז אונטערגעהאַלטן געוואָרן דורכן דאָקטאָר באַדמאַיעוו (אַ בוריאַט, אוכטאָמסקי האָט זיך מיט אים באַקענט אויף איינער פֿון זיינע נסיעות אין כינע), אַז מען זאָל פֿירן דעם וועג דורך קיאַכטע קיין פּעקין. איך האָב, פֿאַרשטייט זיך, נישט געקאָנט אונטערהאַלטן דעמדאָזיקן געדאַנק, ערשטנס דערפֿאַר, ווייל איך האָב געהאַלטן, אַז מיר מוזן זיין פֿאַראייניקט מיט וולאַדיוואָסטאָק, און, צווייטנס, און דאָס איז דאָס וויכטיקסטע, האָב איך געהאַלטן, אַז אַזאַ וועג

קיין פעקין וועט אָן שום ספק אויפהויבן קעגן אונז גאַנץ איירָאָפּע.

בשעת אַלעקסאַנדער III האָט געוואָלט דורכפירן דעם גרויסן סיבירער וועג, האָט ער גאָרנישט געטראַכט פון מיליטע־ריש־פּאָליטישע ענינים. מיט דעמדאָזיקן וועג האָט ער בלויז געוואָלט דערגרייכן אַ נענטערע קאָמוניקאַציע מיט איינעם פון אונזערע ראַנד־לענדער ביים ים. דער ציל איז, אַלזאָ, געווען אַ ריין עקאָנאָמישער, וועלכער באַרירט נאָר די אינערלעכע פּאָ־ליטיק, און האָט אין זיך נישט קיין שום פאַרכאַפּונגס־טענדענצן.

ווען לי־כון־טשאַן איז אַרויסגעפאָרן פון כינע (און דאָס איז געווען זיין ערשטער אַרויספאָר) און ער האָט געהאַלטן ביים צופאָרן צום סועצער קאַנאַל, האָב איך געזאָגט דעם קיסר, אַז ס'וואָלט געווען זייער גוט, ווען פירשט אוכטאָמסקי פאָרט אַרויס צום סועצער קאַנאַל—באַגעגענען לי־כון־טשאַנען. פירשט אוכ־טאָמסקי האָט זיך שוין פון פריער געקאָנט מיט לי־כון־טשאַנען און איז געווען מיט אים אין גוטע באַציאונגען. איך האָב דאָס געהאַלטן נישט בלויז פאַר באַקוועם, נאָר אויך פאַר נוצלעך, ווייל צו מיר איז דערגאַנגען, אַז אויך אַנדערע לענדער, ווי איינגלאַנד, דייטשלאַנד און עסטרייך האָבן זיך אויך באַמיט ווי נישט איז אַריינצוהאַרן צו זיך לי־כון־טשאַנען. זיי האָבן גע־וואָלט, אַז לי־כון־טשאַן זאָל קומען קיין פּעטערבורג דורך איי־ראָפּע. איך האָב אָבער געוואָלט, אַז לי־כון־טשאַן זאָל אין ערגעץ נישט פאָרן ביז ער וועט נישט זיין ביי אונז, ווייל איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ווען ער וועט פריער קומען קיין איירָאָ־פּע, וועט ער זיך געפינען אונטער דער השפּעה פון פאַרשידע־נע אינטריגעס פון די איירָאָפּעאישע מלוכה־לייט.

זיין מאַיעסטעט האָט אונטערגעהאַלטן מיינע געדאַנקען און באַפולמעכטיקט דעם פירשט אוכטאָמסקי צו באַגעגענען לי־כון־טשאַנען. פאַרן פאָרן האָט זיך אוכטאָמסקי מיט מיר געזען און אויספירלעך אַרומגערעדט דעם ענין. דער קיסר האָט אָבער געוואָלט, אַז די זאַך זאָל געמאַכט ווערן אומבאַמערקט, און דערפאַר איז פירשט אוכטאָמסקי אַרויסגעפאָרן אין איירָאָפּע און

פון דאָרטן (דאַכט זיך, אין מאַרסעל) האָט ער זיך געזעצט אויף אַ שיף און איז אַרויהגעפאָרן צו באַגעגענען לי-כון-טשאַנען. ער האָט יענעם געטראָפן, אַרויספאָרנדיק פון סועצער קאַנאַל. נאָכדעם האָט לי-כון-טשאַן, נישט קוקנדיק אויף די פאַרשידענע איינלאַדונגען, וואָס ער האָט באַקומען פון די אייראָפּעאישע האַפּנס, זיך געזעצט אויף אונזערער אַ שיף, וועלכע איך האָב ספּעציעל צוגעגרייט צו דערדאָזיקער באַגעגעניש, און דירעקט מיט זיין גאַנצער סוויטע, צוזאַמען מיטן פירשט אוכטאָמסקי, געקומען קיין אָדעס.

אַזוי ווי אָדעס איז געווען די ערשטע רוסישע שטאָט, אין וועלכער לי-כון-טשאַן איז אַריינגעפאָרן, האָט זיך מיר געוואָלט, אַז ער זאָל דאָרטן אויפגענומען ווערן מיט גרויס כבוד. מיטטיילנדיק וועגן דעם דעם קיסר, האָב איך אַרויסגעזאָגט דעם געדאַנק, אַז ס׳וואָלט געווען גוט, ער זאָל דאָרט באַגעגנט ווערן דורך אַן ערנוואַך פון אונזער מיליטער. ס׳איז אויך נויטיק, אַז לי-כון-טשאַן, וועלכער זעט אונזער מיליטער דאָס ערשטע מאָל, זאָל עס זען אין דעמדאָזיקן צושטאַנד.

דער קיסר איז מסכים געווען מיט דערדאָזיקער מיינונג און האָט אָנגעשריבן וועגן דעם דעם מיליטער-מיניסטער וואַנאָווסקי.

אָבער דאָ איז מיר אויסגעקומען אָנצושטויסן זיך אויף אַ געפיל פון ביוראָקראַטישער אייפערזוכט, ווי פון וואַנאָווסקיס זייט, אַזוי אויך מצד לאָבאַנאָוו-ראָסטאָווסקין.

גענעראַל-אַדיוטאַנט וואַנאָווסקי האָט, באַקומענדיג מיין מיטטיילונג, מיר געענטפערט מיט אַ בריוו, אין וועלכן ער האָט געשריבן, אַז הגם ער האָט געמאַכט די פאַראָרדנונג, אָבער ער האָט געוואָלט וויסן, פון ווען אָן בין איך דאָס געוואָרן אַ באַריכט-אָפּגעבער ביים קיסר וועגן מיליטערישע ענינים, ווייל אַ מיליטערישע וואַך געהערט צו דער קאָמפּעטענץ פונם קריגס-מיניסטער און נישט צום פינאַנץ-מיניסטער.

פירשט לאָבאַנאָוו-ראָסטאָווסקי, ווידער, האָט געוואָלט, אַז לי-כון-טשאַן זאָל אין אָדעס וואַרטן ביז דער קרוינונג, אָדער

ער זאָל פאָרן קיין מאָסקווע און דאָרטן וואַרטן, אָבער ער זאָל בשום אופן נישט קומען קיין פּעטערבורג, ווייל ביז דער קרוי-נונג האָט ער דאָרטן נישט וואָס צו טאָן.

לי-כון-טשאַן איז דאָך אָבער געקומען קיין רוסלאַנד פאַר דער קרוינונג נאָך דערפאַר, ווייל מיר האָבן דאָס געוואָלט און האָבן אַרויסגעשיקט נאָך אים פּירשט אוכטאָמסקין, און ער האָט זיך דעריבער אָפּגעזאָגט צו באַזוכן אַנדערע אייראָפּייאישע מלוכות. האָט מען עס דאָך שוין איצט נישט געקאָנט ענדערן. ווייל מען, ווידער, פירן געוויסע אונטערהאַנדלונגען, מוז מען דאָס מאַכן פאַר דער קרוינונג, ווייל אין דער צייט פון דער קרוי-נונג וועלן אַלע טעג זיין פאַרנומען מיט פאַרשידענע פייער-לעכקייטן.

צוליב דעם אַלעם איז מיר אויסגעקומען ווידעראַמאָל זיך צו ווענדן צום קיסר און בעטן אים, אַז לי-כון-טשאַן זאָל קו-מען גלייך קיין פּעטערבורג.

נישט געקוקט דערויף, וואָס פּירשט לאָבאַנאָוו-ראָסטאָווסקי האָט זיך געהאַלטן ביי אַ געגנזעצלעכער מיינונג, האָט דער קיסר דאָך דערלויבט לי-כון-טשאַנען צו קומען קיין פּעטערבורג. לויט מיין פאַראָרדנונג האָט מען פאַרמירט אַ ספּעציעלן צוג צו ברענגען לי-כון-טשאַנען.

איך האָב באַקומען אַ באַפולמעכטיקונג פון קיסר, צו פירן אונטערהאַנדלונגען מיט לי-כון-טשאַנען. פּירשט לאָבאַנאָוו-ראָס-טאָווסקי איז דעריבער געשטאַנען פון ווייטן און האָט זיך אינ-גאַנצן נישט געמישט. ער וואָלט ממילא גאָרנישט געקאָנט העלפן, ווייל צו יענער צייט האָט ער נאָך נישט געוואוסט און זיך לחלוטין נישט אינטערעסירט מיט אונזער פּאָליטיק אויפן ווייטן מזרח.

דעם ערשטן אָפיציעלן וויזיט האָט לי-כון-טשאַן מיר גע-מאַכט אין הויז פון פינאַנצמיניסטעריום. דערנאָך האָב איך אים אָפּגעגעבן אַ וויזיט און נאָכדעם האָבן מיר זיך עטלעכע מאָל געזען און געפירט פּאָליטישע שמועסן וועגן רעגולירן די געגנ-זייטיקע באַציאונגען צווישן רוסלאַנד און כינע.

שוין ביי מיין ערשטן וויזיט האָט מען מיר מתרה געווען, אַז ביים אונטערהאַנדלען מיט כינעזישע מלוכה-לייט דאַרף מען זיך קיינמאָל נישט איילן, ווייל זיי האַלטן עס פאַר אַ שלעכטן טאָן. ס'דאַרף אַלץ געמאַכט ווערן זייער פּאַוואָליע און מיט אַלע כינעזישע צערעמאָניעס.

און אָט, ווען לי-כון-טשאַן איז אַריין צו מיר אין אויפ-נאַמצימער, בין איך אַרויסגעגאַנגען אים באַגעגענען, אָנגעטאָן אין אַ וויצמונדיר. מיר האָבן זיך זייער לאַנג באַגריסט און זייער טיף געבויגט פאַר איינאַנדער. נאָכדעם האָב איך אים אַוועקגעפירט אין צווייטן אויפנאַמצימער און געהייסן דערלאַנגען טיי. איך און לי-כון-טשאַן זיינען געזעסן, און די אַלע לייט פון זיין סוויטע, ווי אויך מיינע באַאַמטע, זיינען געשטאַנען. דערנאָך האָב איך אים געפרעגט, צי וויל ער פאַררויכערן? דע-מאָלט האָט די-כון-טשאַן געגומען אַרויסלאָזן פון זיך עפּעס אַ מין קלאַנג, ענלעך צום הירזשען פון אַ יונגן פערד. באַלד דע-רויף זיינען פון צווייטן צימער אַריינגעלאָפן צוויי כינעזער, איינער פון זיי האָט געבראַכט דעם קאַליאַן און דער צווייטער טאַבאַק. דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן די צערעמאָניע פון רוי-כערן. זי איז באַשטאַנען דערין, וואָס לי-כון-טשאַן איז געזעסן פולשטענדיק רואיק. ער האָט נאָר אַריינגעצויגן און אַרויסגע-לאָזן פון זיין מויל דעם רויך. אָנצינדן דעם קאַליאַן, צוהאַלטן, אַרויסנעמען און צוריק אַריינלייגן אין מויל אַריין די ליולקע— דאָס אַלץ האָבן מיט גרויס יראת הכבוד געטאָן די דערבייאיקע כינעזער.

מען האָט געזען באַשיינפּערלעך, אַז לי-כון-טשאַן וויל מיט דידאָזיקע צערעמאָניעס ווירקן אויף מיר, צוציען מיין אויפ-מערקזאַמקייט. איך האָב מיך, נאַטירלעך, זייער רואיק באַצויגן דערצו און זיך געמאַכט, אַזוי ווי איך באַמערק דאָס גאָרנישט.

עס פאַרשטייט זיך, אַז ביים ערשטן וויזיט האָב איך קיין איין וואָרט נישט אַרויסגעזאָגט וועגן אונזערע ענינים. מיר האָבן נאָר איינאַנדער צענדליקער מאָל אויסגעפרעגט, ער—וועגן דעם, וואָס מאַכט דער קיסר אין געזונט, וואָס מאַכט די קייזערין און

זי איז דער געזונט-צושטאַנד פון יעדן קינד באַזונדער. און איך האָב אים געפרעגט, וואָס מאַכט דער באַגדיכאַן און דעם באַגדיכאַנס אַלע נאָנטע און קרובים. און דאָס איז געווען אַלץ, וואָס מיר האָבן געטאָן אין דער צייט פון אונזער ערשטן וויזיט.

דערנאָך, ביי אונזער צווייטער זעאונג, האָט שוין לי-כון-טשאַן קענטיק, זיך נענטער באַקענט מיט מיר. ער האָט שוין פאַרשטאַנען, אַז די אַלע צערעמאָניעס ווירקן ווייניק אויף מיר און ער האָט אָנגעהויבן צו ריידן מיט מיר אָפן און פשוט. אָבער איינגאַנצן דערנענט מיט אים האָבן מיר זיך ערשט אין מאָסקווע. דאָרטן פלעגן מיר זיך שוין טרעפן איינע מיט די אַנדערע אויף אַ גאַנץ געוויינלעכן אופן.

וואָס איז שייך צו לי-כון-טשאַנען, מוז איך זאָגן, אַז מיר איז פאַר דער צייט פון מיין מלוכה-טעטיקייט אויסגעקומען צו זען אַ סך מלוכה-טוער, וואָס זייערע נעמען וועלן אויף אייביק בלייבן אין דער געשיכטע. צווישן זיי שטעל איך לי-כון-טשאַנען אויף זייער אַ בכבודיקן אָרט. ער איז באמת געווען אַן אויסגעצייכנטער מלוכה-טוער. דאָס איז אפילו געווען אַ כינע-זער, אָן שום אייראָפּייאישער בילדונג, אָבער ער איז באַזעסן אַ סך כינעזישע בילדונג און האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַן אויסערגעוויינלעך געזונטן פאַרשטאַנד און געזונטן חוש.

ניישט אומזיסט האָט ער געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָלע אין כינע. אייגנטלעך איז לי-כון-טשאַן געווען דער גאַנצער פירער פון דער כינעזישער מלוכה.

און אָט האָב איך אָנגעהויבן צו ריידן מיט לי-כון-טשאַנען וועגן דעם, וואָס פאַר אַ גרויסע טובה מיר האָבן געטאָן כינע, אַז אַ דאַנק אונז איז דאָס לאַנד געבליבן גאַנץ, אַז מיר האָבן די ערשטע פּראָקלאַמירט דעם פּרינציפּ פון כינעס גאַנצקייט און אַז פּראָקלאַמירנדיק איינמאָל דעמדאָזיקן פּרינציפּ, וועלן מיר זיך שוין אָן אים תמיד האַלטן. נאָר כדי מיר זאָלן באמת קאָנען געבן אַ ממשותדיקע הילף אין פאַל פון אַ נויט, מוזן מיר קודם כל אַוועקגעשטעלט ווערן אין די געהעריקע באַדינ-

גונגען. און אַזוי לאַנג ווי מיר וועלן נישט האָבן קיין אייזנבאַן, וועלן מיר דידאָזיקע הילף נישט קאָנען געבן, ווייל אונזערע מיליטערישע כּוחות וועלן זיך אַלעמאָל געפֿינען אין אייראָפּײאישן רוסלאַנד. ס'מוזן געשאַפֿן ווערן מעגלעכקייטן, אַז מיר זאָלן קאָנען שיקן חיל סיי פֿון אייראָפּײאישן רוסלאַנד און סיי פֿון וולאַדיוואָסטאָק. און אויב מיר האָבן בײַ די איצטיקע באַדינגונגען אַרויסגעשיקט מאַנכע מיליטערטיילן פֿון וולאַדיוואָסטאָק אין דער ריכטונג צו גירין, איז דאָסדאָזיקע מיליטער, צוליבן מאַנגל אין קאָמוניקאַציע, נישט דערגאַנגען בּיז גירין. אַפֿילו דעמאָלט, ווען די מלחמה צווישן יאַפּאָניע און כינע האָט זיך שוין פֿאַרענדיקט.

דעם אייזנבאַנוועג דאַרפֿן מיר אויך צוליב דעם, כּדי צו קאָמפּלעטירן אונזער מיליטער פֿונם פּריאַמורער ראַיאָן. מיר מוזן דאָך איבערפֿירן די דאָרטיקע סאָלדאַטן אַהין און צוריק.

ווײַבאַלד אַזוי, איז קלאָר, אַז כּדי אונטערצוהאַלטן די גאַנצקייט פֿון כינע, איז קודם כּל נויטיק אַן אייזנבאַן, וואָס זאָל אויפֿן קירצסטן וועג פֿירן קיין וולאַדיוואָסטאָק, און צוליב דעם מוז זי דורכגיין די צפֿונזייט פֿון מאָנגאָליע און מאַנדזשוריע. דער וועג איז אויך נויטיק פֿון עקאָנאָמישן שטאַנדפּונקט, ווייל ער וועט אויפֿהייבן די פּראָדוקציע סיי פֿון די רוסישע און סיי פֿון די כינעזישע געביטן, וועלכע ער וועט דורכשנײַדן. צולעצט האָב איך נאָך געזאָגט, אַז דער וועג וועט מסתּמא קיין שום טענות נישט דערוועקן אין יאַפּאָניע (שפּעטער האָט זיך עס טאַקע אַזוי אַרויסגעוויזן), ווייל דאָס וועט אייגנטלעך פֿאַראייניקן יאַפּאָניע מיט גאַנץ מערב-אייראָפּע. און יאַפּאָניע, ווי ס'איז באַוואוסט, האָט זיך שוין פֿון לאַנג אָנגעשלאָסן אָן דער אייראָפּײאישער קולטור, אַלנפֿאַלס אָן איר אויסערלעכער, טעכנישער זײַט, און דעריבער דאַרף דערדאָזיקער וועג גוט אויפֿגענומען ווערן אין יאַפּאָניע.

לי-כון-טשאַן האָט, פֿאַרשטייט זיך, געשטעלט פֿאַרשידענע מניעות, אָבער פֿון זײַנע רייד האָב איך פֿונדעסטוועגן פֿאַרשטאַנען, אַז ער וועט מסכּים זײַן, אויב ער וועט וויסן, אַז

דאָס וויל אונזער קיסר. דערפאַר האָב איך געזאָגט דעם קיסר, אַז די לאַגע פאָדערט, ער זאָל זיך זען מיט לי-כון-טשאַנען.

דער קיסר האָט אויפגענומען לי-כון-טשאַנען, אָבער כמעט אויף אַ פּריוואַטן אופן, ווייל וועגן דעמדאָזיקן אויפנאַם איז צו יענער צייט גאָרנישט געדעדט געוואָרן אין די אָפיציעלע אָרגאַנען. דער גאַנצער אויפנאַם איז אַריבער אומבאַמערקט.

איך געדיינק זייער גוט, אַז פאַר דער קרוינונג איז ביים קיסר געווען עפּעס אַ פייערלעכער אויפנאַם. מען האָט אים באַגריסט אינם פּאַלאַץ אין צאַרסקאָיע סעלאָ (דאָס איז געווען נאָך פריער, איידער דער קיסר איז אַרויסגעפאָרן קיין מאָסקווע). געוויינלעך ביי אַ פייער, עבער באַגריסונג גייען אַלע אָנטיילנעמער צום קיסר הינטער איינאַנדער, לויט דער ריי. ווען איך בין צוגעגאַנגען צום קיסר און ער האָט מיר דערלאַנגט די האַנט, האָט זיין פּנים געלויכטן און ער האָט מיר כמעט פליסטערנדיק אַ זאָג געטאָן:—„לי-כון-טשאַן איז ביי מיר געווען און איך האָב אים געזאָגט“.

שפּעטער האָב איך זיך געזען מיט לי-כון-טשאַנען און מיר האָבן זיך וועגן אַלץ געגוי דורכגערעדט און אויסגעאַרבעט די גרונט-יסודות פון געהיימען אָפּמאַך מיט כינע.

ערשטנס: די כינעזישע מלוכה דערלויבט אונז דורכצופירן אַן אייזנבאַנוועג דירעקט פון טשיטע קיין וולאַדיוואָסטאָק, אָבער מיט דעם תנאי, אַז דאָס בויען דעמדאָזיקן וועג באַדאַרף איבערגעגעבן ווערן אַ פּריוואַטער געזעלשאַפט. לי-כון-טשאַן האָט באַין אופן נישט געוואָלט איינגיין אויף דעם פאָרשלאָג, אַז דער וועג זאָל געבויט ווערן דורך דער מלוכה און ער זאָל צו איר געהערן. צוליב דעם איז אויסגעקומען צו גרינדן „די געזעלשאַפט פון דער צפון-כינעזישער אייזנבאַן“. דידאָזיקע געזעלשאַפט האָט זיך, נאַטירלעך, לגמרי געפונען אין רשות פון דער רעגירונג.

צווייטנס: רוסלאַנד באַקומט אַן אָפּגעזונדערטן פּאַס ערד, וואָס איז איר נויטיק פאַר דעם אייזנבאַנוועג. אויף דעמדאָזיקן פּאַס וועלן מיר זיין פולשטענדיקע באַלעבאַטים: אַזוי ווי דער

פאַס ערד געהערט צו אונז, קאָנען מיר דאָרט זאָגן אַ דעה, האָבן אונזער פּאָליציי און אונזער וואַך, ד. ה. דאָס, וואָס ס'האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט די אַזויגערופענע שוצוואַך פון דער צפון-כינעזישער אייזנבאַן. ערד באַקומען מיר נאָר אַזויפיל, וויפיל ס'פאָדערט זיך, כדי צו עקספּלואַטירן דעם אייזנבאַנוועג און דער באַלעבאָס איבער דערדאָזיקער ערד, ד. ה. איבער דער צפון-כינעזישער אייזנבאַן, איז רוסלאַנד. כינע טראָגט נישט קיין שום אחריות פאַרן בויען און עקספּלואַטירן דעמדאָזיקן וועג.

מיר אָבער נעמען אויף זיך די אחריות צו פאַרטיידיקן די כינעזישע טעריטאָריע פון אַלע אַגרעסיווע פּראָבעס מצד יאַ-פּאָניע. אַנדערש געזאָגט, מיר טרעטן אַריין אין אַ פאַרטיידי-קונגס-פאַרבאַנד מיט כינע קעגן יאַפּאָניע.

דאָס איז דער תוך פון די גרונט-יסודות, אויף וועלכע מיר זיינען זיך צונויפגעגאַנגען מיט לי-כון-טשאַנען.

דערווייל איז אונטערגעקומען די צייט, ווען מען האָט געדאַרפט פאָרן קיין מאָסקווע אויף דער קרוינונג.

לי-כון-טשאַן איז אַרויסגעפאָרן קיין מאָסקווע צוזאַמען מיט זיין סוויטע און מיט די באַאַמטע, וואָס זיינען געשטעלט גע-וואָרן אין זיין רשות.

איך האָב מיטגעטיילט דעם קיסר וועגן די רעזולטאַטן פון מיינע אונטערהאַנדלונגען. דער קיסר האָט מיך באַפולמעכ-טיקט איבערצורעדן וועגן דעם מיטן אויסערנמיניסטער.

איך בין אַוועק צום פירשט לאָבאַנאָוו-ראָסטאָווסקי, האָב אים דערציילט וועגן דער באַפולמעכטיגונג, וואָס איך האָב באַ-קומען, אַז מיר האָבן זיך פאַרשטענדיקט מיט לי-כון-טשאַנען און אַז מיר האָבן שוין געשלאָסן אַן אָפּמאַך און איצט האַנדלט זיך בלויז וועגן דעם, אַז דער אָפּמאַך זאָל באַקומען די געהע-ריקע אָפיציעלע פאָרם.

און דאָ האָב איך געהאַט אַ געלעגנהייט צו באַוואונדערן די אָנגעבאָרענע פעאיקייטן פונם פירשט. ער האָט מיך גע-פרעגט:

— איר קאָנט מיר איבערגעבן אויספירלעך, אויף וואָס איר האָט זיך אָפּגעשטעלט?

איך האָב אים סיסטעמאַטיש און אויספירלעך איבערגעגעבן די פּונקטן פון אונזער אָפּמאַך.

פירשט לאָבאַנאָוו-ראָסטאָווסקי האָט מיך אויסגעהערט, גענומען די פעדער און פאַרצייכנט דעם אָפּמאַך לויט אַלע פּונקטן. ווען איך האָב איבערגעלייענט, האָב איך מיך נישט געקאָנט אָפּחדושן, מיט וואָס פאַר אַ גענויאיקייט ס'איז אַלץ איבערגעגעבן געוואָרן. איך האָב אים אפילו געזאָגט, אַז ער האָט אַלץ איבערגעגעבן אין אַזאַ זעלטענער פאָרם, פּונקט ווי ער וואָלט אַליין געפירט די אונטערהאַנדלונגען מיט לי-כון-טשאַנגען. און איך האָב מוסיף געווען, אַז ווען איך אַליין, אַ שטייגער, וואָלט עס באַדאַרפט אָנשרייבן, וואָלט איך געפּטרט דערויף אַ סך מער צייט און איך וואָלט מסתמא פאָרט נישט אָנגעשריבן אַזוי גוט ווי ער.

דאַן האָט מיר פירשט לאָבאַנאָוו-ראָסטאָווסקי געזאָגט, אַז מאָרגן וועט ער זיין ביים קיסר, וועט אים צושטעלן דעם פּראָיעקט, און אויב יענער וועט גאָרנישט האָבן קעגן אים, וועט ער עס מיר מודיע זיין.

אויף מאָרגן האָב איך פון לאָבאַנאָוו-ראָסטאָווסקי באַקומען צוריק דעם פּראָיעקט, אָבער צו מיין גרויסער פאַרוואונדערונג איז דער פּונקט וועגן דעם,— אַז מיר שליסן אַ פאַרטיידיקונגס-אָפּמאַך מיט כינע קעגן יאַפּאָניע און ווען יאַפּאָניע פאַלט אָן אויף כינע אָדער אויף אונזער טעריטאָריע, דאַרפן מיר זיך איינאַנדער קומען צו-הילף,— געענדערט געוואָרן אין דעם זין, אַז נישט בלויז יאַפּאָניע, נאָר ווען וועלכער עס זאָל נישט אָנפאַלן אויף כינע אָדער אויף אונזער פּריאַמורער ראַיאָן, איז כינע מחויב אונז צו פאַרטיידיקן און מיר זיינען מחויב צו פאַרטיידיקן כינע.

אַזאַ מין רעדאַקציע פון דעמדאָזיקן פּונקט האָט מיך פּשוט דערשראָקן, ווייל ס'איז אַ גרויסע נפקא-מינה, צי מען שליסט אַן אָפּמאַך מיט כינע בלויז קעגן יאַפּאָניע, אָדער קעגן

אַלע איבעריקע מלוכֿות צוזאַמען גענומען. כֿינע איז דאָך נישט אַליין: איינגלאַנד, למשל, געפינט זיך אין שכֿנות מיט כֿינע און צווישן זיי קומען תמיד פאַר פאַרשידענע רייבונגען, אַזעלכֿע אייביקע פראַגן, ווי, אַ שטייגער, דער ענין טיבעט. דערנאָך גייט פראַנקרייך, אונזער פאַ רבינדעטע, וואָס באַזיצט אין אינדאָ-כֿינע טאָנקין. דערנאָך האָבן נאָך אַנדערע אייראָפּייאישע מלוכֿות געוויסע קאָלאָניעס, פאַרשידענע קאָנצעסיעס און דעסגלייכֿן. נעמען אויף זיך אין אַזאַ פאַל די פאַרטיידיקונג פון כֿינע קעגן אַלע מלוכֿות, ווער עס זאָל נישט אָנפאַלן אויף איר, איז נישט נאָר אַ זאַך אַן אוממעגלעכע, נאָר מיר וואָלטן קעגן זיך געהאַט אַ סך אייראָפּייאישע מלוכֿות. ווען אַזאַ מין אָפּמאַך וואָלט געשלאָסן געוואָרן.

דערפאַר בין איך תיכף ומיד אַוועק צום קיסר, האָב אים מיטגעטיילט וועגן דעם גאַנצן ענין און האָב אים באַוויזן, ווי ווייט דער פונקט איז געענדערט אויף אַ געפערלעכֿן אופן.

דער קיסר האָט דאָס פאַרשטאַנען און האָט געזאָגט:

—פאָרט צו לאָבאַנאָוו-ראָסטאָווסקין און זאָגט אים דאָס אַלץ און רעדט אים צו, ער זאָל אָנשרייבן, אַזוי ווי ס'איז פריער געווען.

איך האָב געזאָגט זיין מאַיעסטעט, אַז דאָס איז מיר שרעקלעך שווער אויסצופירן, ווייל פירשט לאָבאַנאָוו-ראָסטאָווסקי איז אַ סך עלטער פון מיר. לויט די יאָרן וואָלט ער מיר געקאָנט זיין אַ טאַטע און לויט זיין דינסט-שטעלונג שטייט ער אַ סך העכֿער פון מיר. אויסערדעם, האָב איך נאָך געפירט די אַלע אונטערהאַנדלונגען און איצט קומט אויס, אַז איך זאָל נאָך גיין פאַרריכֿטן, וואָס ער האָט אָנגעשריבן. דאָס וואָלט אָן שום ספק אים זייער באַליידיקט און אויפגעבראַכֿט קעגן מיר. נאַטירלעך, איך האָב מיך נישט וואָס צו שרעקן פאַר אים, אָבער ס'איז מיר דאָך נישט באַקוועם און ס'וואָלט געווען אַ סך גלייכֿער, ווען זיין מאַיעסטעט זאָל עס אַליין זאָגן לאָבאַנאָוו-ראָסטאָווסקין.

דער קיסר האָט מיר געענטפערט:

—גוט, כ'וועל אים דאָס אַליין זאָגן.

באַלד נאָכדעם זיינען מיר אַוועקגעפאָרן קיין מאָסקווע צו דער קרוינונג.

קיין מאָסקווע בין איך געקומען פריער פאַרן קיסר און נאָך פריער פאַר מיר איז געקומען לי-כון-טשאַן. די גאַנצע צייט בין איך געווען באַשעפטיקט מיט די אָפיציעלע פייערלעכקייטן און מיט לי-כון-טשאַנען. איך האָב עס געהאַלטן פאַר דער גרעסטער מלוכה-וויכטיקייט צו דערפירן די אָנגעהויבענע אונטערהאַנדלונגען ביזן סוף. ערשטנס, צוליבן אייזנבאַנוועג און-צווייטנס, כדי איינצושטעלן פעסטע באַציאונגען מיט אַזאַ גרויס, קאָלאָס, ווי כינע.

גלייך נאָכן קיסרס פייערלעכן אריינפאָר קיין מאָסקווע, וואו ער האָט זיך, לויטן אָנגענומענעם מנהג, באַזעצט מיט זיין פאַמיליע אין „נעסקוטשני פּאַלאַץ", בין איך אַוועק צו אים מיט אַ באַריכט.

באַלד ווי איך בין אַריינגעגאַנגען, האָט דער קיסר צו מיר געזאָגט:

—כ'האָב גערעדט מיטן פירשט לאָבאַנאָוו-ראָסטאָווסקי. כ'האָב אים אָנגעוויזן, ווי ווייט אומבאַקוועם ס'איז צו נעמען אויף זיך די אחריות צו פאַרטיידיקן כינע נישט נאָר קעגן יאַפּאָניע, נאָר אויך קעגן אַלע איבעריקע מלוכות. ער האָט אינגאַנצן איינגעשטימט מיט מיר אַזוי, אַז ער וועט ענדערן דעם פּונקט אין אָפּמאַך. ער וועט אים צוריק איבערשרייבן אין דער רעדאַקציע, ווי ער איז דורך אייך לכתחילה אויסגעאַרבעט געוואָרן.

דער קיסר האָט דאָס מיר געזאָגט אין אַזאַ פעסטן טאָן, אַז ביי מיר זיינען נישט פאַרבליבן קיין שום ספקות. איך בין געווען פולקום זיכער, אַז דאָס וועט אַזוי זיין. נאָך דעמדאָזיקן שמועס מיטן קיסר האָב איך זיך עטלעכע מאָל געטראָפן מיטן פירשט לאָבאַנאָוו-ראָסטאָווסקי, אָבער נישט איך און נישט ער האָבן נישט באַרירט דידאָזיקע פראַגע.

אויסער דעם וויכטיקן פאָליטישן אָפּמאַך, וועלכן מיר האָבן געשלאָסן, האָב איך נאָך מיט לי-כון-טשאַנען געפירט אונטערהאַנדלונגען וועגן נאָך אַן ענין: לויטן אָפּמאַך האָט כינע בעדאַרפט געבן אַ קאָנצעסיע צו בויען די אייזנבאַן אַ פּריוואַטער געזעלשאַפט. אַזאַ געזעלשאַפט האָט אָבער נישט געקאָנט געגרינדעט ווערן, כל זמן דער כינעזישער באָגדיכאַן האָט נאָך נישט אונטערגעשריבן דידאָזיקע קאָנצעסיע. די קאָנצעסיע, ווידער, האָט נאָך נישט געקאָנט אונטערגעשריבן ווערן, ווייל מען האָט נאָך באַדאַרפט פאַרענטפערן אַ סך פּראַקטישע פראַגן. ליכון-טשאַן האָט דאָך אָבער נישט געקאָנט אָפּגעבן אַן אייזנבאַןקאָנצעסיע אַ נישט-עקזיסטירנדיקער געזעלשאַפט. איך האָב געוואָלט, אַז די קאָנצעסיע זאָל געגעבן ווערן דער רוסיש-כינעזישער באַנק, וואָס האָט שוין צו יענער צייט פונקציאָנירט. דידאָזיקע באַנק, ווידער, זאָל שפּעטער פון איר זייט איבערגעבן דער ניי-געגרינדעטער געזעלשאַפט די צפון-כינעזישע אייזנבאַן. מיר האָט זיך אָבער געוואָלט האָבן אין די הענט צוויי דאָקומענטן: ערשטנס, דעם געהיימען אָפּמאַך מיט כינע צו בויען די אייזנבאַן און, צווייטנס, אַן אָפּמאַך צווישן דער כינעזישער רעגירונג און איינע פון די רוסישע געזעלשאַפטן וועגן בויען דידאָזיקע אייזנבאַן. אין דעם פאַל האָט זיך זייער געפּאַסט די רוסיש-כינעזישע באַנק. ס'איז אָבער נויטיק געווען זיך צו פאַרזיכערן, אַז די באַנק זאָל זיך אַמאָל נישט וועלן באַנוצן מיט דערדאָזיקן רעכט, וואָס איז איר בלויז פאָרמעל געגעבן געוואָרן. און דערפאַר האָב איך באַשלאָסן צו מאַכן מיט דער באַנק אַן אָפיציעלן אָפּמאַך וועגן דעם ענין. אין אָפּמאַך האָב איך געוואָלט, אַז ס'זאָ'ן זיך באַטייליקן פאָרשטייער פוןביידע צדדים. לי-כון-טשאַן פון כינע און לאָבאַנאָוו-ראָסטאָווסקי פון אונז.

פריער ווי אַלץ, הייסט עס, איז אויסגעקומען צו שליסן דעם אָפּמאַך מיט דער באַנק. ס'איז באַשטימט געוואָרן אַ טאָג, ווען אַלע האָבן זיך געדאַרפט צונויפפאָרן ביים אויסערנמיניסטער מיט דעם גאַנצן איינגעשטעלטן עטיקעט אין אַזעלכע פאַלן און מיט אַלע פאָרמאַליטעטן אונטערצושרייבן דעם אָפּמאַך.

אַזעלכע אָפּמאַכן ווערן געוויינלעך געשריבן אויף אַ ספּעציעלן סאָרט פּאַפּיר, זייער גענוי און שיין און ווערן אונטערגעשריבן דורך די באַפּולמעכטיקטע פון ביידע צדדים. ביי יעדער אונטערשריפט ווערט צוגעלייגט דער שטעמפּל פונם באַפּולמעכטיקטן.

און אָט זיינען מיר זיך אין דעם באַשטימטן טאָג צונויפגעפאָרן אין מאָסקווע אין דער ציטווייליקער דירה פון אויסערנמיניסטער (דאָס הויז איז פאַר אים געדונגען געוואָרן נאָר אויף דער צייט איבער דער קרוינונג). פון איין זייט זיינען געזעסן די רוסישע באַפּולמעכטיקטע מיט זייערע באַאַמטע און פון דער צווייטער זייט—לי-כון-טשאַן מיט זיין סוויטע.

ווען מיר האָבן זיך אַנידערגעזעצט ביים טיש, האָט לאָבאַנאָוו-ראָסטאָווסקי גענומען אַ וואָרט און געזאָגט:

—דער אָפּמאַך, וואָס מיר דאַרפן איצט אונטערשרייבן איז די באַפּולמעכטיקטע גוט באַקאַנט. עס האָבן אים שוין אויך געזען די מיטאַרבעטער פון לי-כון-טשאַן. זיי, פון זייער זייט, האָבן זיכער באַקענט מיט אים לי-כון-טשאַנען. דער אָפּמאַך איז אויך גענוי איבערגעשריבן געוואָרן, די סעקרעטאַרן האָבן אים איבערגעקוקט און דעריבער באַדאַרף מען אים נישט לייענען נאָכאַמאָל, מען דאַרף אים בלויז אונטערשרייבן. אויב אָבער לי-כון-טשאַנס מיטאַרבעטער פאַרלאַנגען, קאָנען זיי נאָכאַמאָל איבערלייענען דעם אָפּמאַך.

אין אַזעלכע פאַלן ווערן געוויינלעך צוגעגרייט צוויי עקזעמפּליאַרן פאַר ביידע צדדים. איין עקזעמפּליאַר האָבן זיך גענומען לי-כון-טשאַנס מיטאַרבעטער, דעם צווייטן האָב איך גענומען. מיר האָט זיך געוואָלט נאָכאַמאָל אַ קוק טאָן דעם פּונקט, וואו עס רעדט זיך וועגן אונזערע התחיבותן בנוגע כינע.

און שטעלט אייך פאַר מיין לאַגע, ווען איך האָב דערזען, אַז דער פּונקט איז אַריינגעשריבן געוואָרן נישט לויט מיין ערשטער רעדאַקציע, נאָר אַזוי ווי פּירשט לאָבאַנאָוו-ראָסטאָווסקי האָט אים שפּעטער אויסגעבעסערט.

דאָס האָט מיך געצוואונגען, איך זאָל צוגיין צו לאָבאַנאָוו-ראָסטאָווסקין, אָפּרופן אים אָן אַ זייט און זאָגן אים שטיל אויפן אויער:

—פירשט, דער און דער פונקט איז דאָך נישט געענדערט אַזוי, ווי דאָס האָט געוואָלט דער קיסר.

איך האָב געמיינט, אַז דער פירשט האָט דאָס בכיון אַזוי געמאַכט, ווייל ער האָט געהאַלטן, אַז אַזוי איז בעסער, אָבער צו מיין גרויסער פאַרוואונדערונג זע איך, ווי ער גיט זיך אַ קלאַפּ אין שטערן און זאָגט:

—אַך, גאָט מיינער, כ'האָב טאַקע פאַרגעסן צו זאָגן די סעקרעטאַרן, זיי זאָלן איבערשרייבן דעם פונקט לויט דער ערשטער רעדאַקציע.

אָבער ער איז זיך געבליבן גאַנץ קאַלט, גאָרנישט נתפעל געוואָרן פון דער גאַנצער מעשה און האָט נאָר אַ קוק געטאָן אויפן זייגער. ס'איז שוין געווען אַ פערטל אויף איינס און לאָ-באַנאָוו-ראָסטאָווסקי האָט אַ פּאָר מאָל אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט. דעמאָלט זיינען אַריין זיינע דינער און ער האָט זיך אָנגערופן צו זיי:

—דערלאַנגט דעם פרישטיק.—נאָכן אונטערשרייבן דעם אָפּ-מאַך האָט מען געזאָלט עסן ביי אים פרישטיק.

לאָבאַנאָוו-ראָסטאָווסקי האָט זיך געווענדט צו לי-כון-טשאַ-נען און צו די אַלע דערביייאיקע און געזאָגט:

—ס'איז שוין נאָך צוועלף, קומט עסן פרישטיק, ווייל דאָס עסן קאָן קאַליע ווערן. אונטערשרייבן וועלן מיר שוין נאָכן פרישטיק.

מיר אַלע זיינען געגאַנגען עסן פרישטיק, די צוויי סע-קרעטאַרן זיינען פאַרבליבן און האָבן פון דאָסניי איבערגעשריבן דעם אָפּמאַך לויט זיין ערשטער רעדאַקציע, אַזוי, אַז נאָכן פרישטיק זיינען שוין אויפן טיש געלעגן די נייע פּאַפּירן, און דעם אָפּמאַך האָט פון איין זייט אונטערגעשריבן לי-כון-טשאַן און פון דער צווייטער—פירשט לאָבאַנאָוו-ראָסטאָווסקי.

דערדאָזיקער אָפּמאַך איז געווען אַ העכסט וויכטיקער פּאָליטישער אַקט און ווען מיר וואָלטן זיך ביי אים געהאַלטן, וואָלט רוסלאַנד זיכער נישט אויסגעקומען איבערצולעבן דעם בזיון פון דער יאַפּאַנישער מלחמה און מיר וואָלטן געשטאַנען אויף אַ פעסטן פוס אין ווייטן מזרח.

וויאַזוי—וועט מיר שפּעטער אויסקומען צו דערציילן. מיר אַליין האָבן ביזווילִיק, אָדער צוליב אונזער לייכטזין, עובר געווען אויפן אָפּמאַך און זיינען געקומען אויפן ווייטן מזרח צו דער לאַגע, אין וועלכער מיר געפינען זיך ביז היינטיקן טאָג.

נאָכן אונטערשרייבן דעם אָפּמאַך איז לי-כון-טשאַן פאַרבליבן אין מאָסקווע ביז איבער דעם קיסרס אָפּפאָר. מיר איז אויסגעקומען עפּטער זיך צו טרעפן מיט לי-כון-טשאַנען: אָדער ער פלעגט קומען צו מיר, אָדער איך פלעג פאָרן צו אים. לי-כון-טשאַן האָט געוואוינט אין אַ פּריוואַטער דירה, וועלכע מען האָט געדונגען און איבערגעגעבן אין זיין רשות, ווי פאַר אַן אויסעראָרדנטלעכן באַפולמעכטיקטן פון דעם כינעזישן באָגדיכאַן.

לי-כון-טשאַן האָט זיך צוגעוויינט צו מיר, און פלעגט שוין מער נישט מאַכן אין מיין געזעלשאַפט די פריערדיקע צערעמאָניעס. ער האָט געהאַט אַרום זיך עטלעכע לייבהיטער, אָבער אין כינע שטעלן דידאָזיקע לייבהיטער פאָר מיט זיך גאָר עפּעס אַנדערש, וואָס ביי אונז. ביי אונז איז דאָס אַ וואַך, סאָלדאַטן אָדער אַגענטן, וועלכע פאַרהיטן דאָס געזונט און דאָס לעבן פון אַ זייטיקן אַטענטאַט. אין כינע זיינען דאָס בוכשטעבלעכע היטער פונם לייב פון יענעם מענטשן, וואָס זיי געפינען זיך אין זיין רשות. זיי געפינען זיך תמיד נעבן אים: אינדערפרי טוען זיי אים אָן, אין אָוונט טוען זיי אים אויס, אין משך פון טאָג מאַכן זיי אים מאַסאַזש, רייבן אים מיט שמעקעדיקע זאַלבן, מיט איין וואָרט, פאַרנעמען זיך אויסשליסלעך מיט זיין לייב. אַ סך פון דידאָזיקע זאַכן האָט זיך לי-כון-טשאַן געלאָזט מאַכן פון זיינע היטער אין מיין געזעלשאַפט.

איינמאָל, ווען איך בין געווען ביי לי-כון-טשאַנגען, האָט מען פּלוצלונג געמאָלדן, אַז ס'איז געקומען צופאָרן מיט אַ וויזיט דער עמיר פון בוכאַרע. לי-כון-טשאַן האָט זיך גלייך געבראַכט אין אָרדנונג, האָט זיך אַזוי האַפּערדיק אַוועקגעזעצט אויף זיין שטול און געוואַרט. ווען דער עמיר פון בוכאַרע איז אַריין צו אים אין גאַסטצימער, איז לי-כון-טשאַן אויפגעשטאַנען, געמאַכט צו אים עטלעכע טריט און זיך באַגריסט מיט אים.

אַזוי ווי איך האָב ביידן גוט געקענט, בין איך נישט אַוועקגעגאַנגען און געזעסן צוזאַמען מיט זיי. דער עמיר פון בוכאַרע איז, קענטיק, געווען אַ ביסל שאָקירט פון לי-כון-טשאַנס האַלטונג און דערפאַר האָט ער אים קודם כל געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ער איז אייגנטלעך אַ מלך און אַז דעם בעזוך צו לי-כון-טשאַנגען מאַכט ער בלויז אויס אַכטונג צו זיין הערשער, דעם באָגדיכאַן. די גאַנצע צייט האָט ער געפרעגט לי-כון-טשאַנגען וועגן דעם געזונט פונם באָגדיכאַן און וועגן דעם געזונט-צושטאַנד פון זיין מוטער און האָט זיך לגמרי נישט אינטערעסירט מיט לי-כון-טשאַנס געזונט און זיך בכלל נישט אינטערעסירט מיט אים, ווי מיט אַ פּערזאָן. און דאָס איז פאַר אַ כינעזער אַ גרויסע באַליידיקונג.

לי-כון-טשאַן, פון זיין זייט, האָט זיך אַלץ נאָכגעפרעגט ביים עמיר, צו וואָס פאַר אַ רעליגיע ער און זיינע אונטערטאַנער געהערן. דערביי האָט ער אים דערקלערט, אַז די כינעזער האַלטן זיך נאָך אָן די רעליגיעזע יסודות, וואָס זיינען איינגעשטעלט געוואָרן דורך קאָנפוציין.

דער עמיר פון בוכאַרע האָט דערקלערט לי-כון-טשאַנגען, אַז ער איז אַ מוסולמענער און האַלט זיך ביי דער רעליגיע, וואָס איז איינגעשטעלט געוואָרן דורך מאַכמעדן, און ער האָט אויפגעקלערט דעם תוך פון דער דאָזיקער רעליגיע.

נאָך די דאָזיקע ערקלערונגען איז דער עמיר פון בוכאַרע אויפגעשטאַנען און לי-כון-טשאַן איז, לויט זיין אייגענער איניציאַטיוו, אָדער עמיצער האָט אים אויפמערקזאַם געמאַכט, געגאַנגען באַגלייטן דעם גאַסט ביז זיין קאַרעט. דערביי האָט לי-

כּון-טשאַן אין פֿאַרגלייך מיטן עמיר שוין נישט געהאַט דעם פֿריערדיקן שטאָלצן אויסזען.

איך האָב זיך געטראַכט: אָט ווי יענער האָט דאָס גע-ווירקט אויף אים מיט זיין רמז אויף זיין קעניגלעכער אָפּ-שטאַמונג.

נאָר ווען דער עמיר האָט זיך שוין געהאַט אַריינגעזעצט אין קאַרעט און זי האָט זיך גערירט פֿון אָרט, האָט לי-כּון-טשאַן פּלוצלונג עפּעס אַ געשריי געטאָן. די קאַרעט האָט זיך אָפּגעשטעלט, און דער רוסישער אָפֿיציר, וואָס איז געפֿאָרן אַלס איבערזעצער האָט אים געפֿרעגט, וואָס ער וויל.

דאַן האָט לי-כּון-טשאַן געזאָגט:

—גיט, זייט אַזוי גוט, איבער דעם עמיר, אַז איך האָב אים פֿאַרגעסן צו זאָגן,—איצט האָב איך זיך דערמאָנט,—אַז דערזעלבער מאַכמעד, וועלכער האָט געשאַפֿן זיין רעליגיע, איז פֿריער געווען אין כינע, אָבער דאָרטן האָט ער זיך אַרויסגע-וויזן פֿאַר אַ קאַטאָרזשניק, האָט מען אים פֿון כינע אַרויסגעטריבן, איז ער דאָס מסתמא אַריינגעפֿאַלן צו זיי און דאָרטן האָט ער געשאַפֿן זיין רעליגיע.

דאָס איז געווען אַזוי אומגעריכט, אַז דער עמיר האָט דאָ, קענטיק, גאָרנישט פֿאַרשטאַנען. פֿאַר מיר איז אָבער געווען קלאָר, אַז דאָס איז געווען אַ נקמה-אַקט מצד לי-כּון-טשאַנגען קעגן דעם עמיר פֿאַר זיין קעניגלעכער גדלות.

נאָכדעם האָט זיך לי-כּון-טשאַן, זייער אַ צופֿרידענער, אומגעקערט אין זיין גאַסטצימער. אַזוי ווי ס'איז שוין געווען שפּעט, בין איך אַוועק צו זיך אַהיים.

ווען מען זאָל נעמען די אָפֿיציעלע ידיעות פֿון די צייטונגען פֿון יענער צייט, וועט מען זען, אַז וועגן אַלע פּרטים פֿון דער קרוינונג, וועגן אַלע טריט, וואָס דאָס קייזערלעכע פּאָר-פּאָלק און די הויכגעשטעלטע לייט האָבן געמאַכט, זיינען געווען רעגירונגס-מעלדונגען אין דער אָפֿיציעלער פּרעסע. ס'איז אָבער כמעט אינגאַנצן נישט געווען קיין ידיעות וועגן לי-כּון-טשאַנען. ס'איז קיין איין וואָרט נישט דערמאָנט געוואָרן וועגן

דעם, אַז ער איז אויפגענומען געוואָרן אין פּעטערבורג און אין מאָסקווע.

קיין איין וואָרט איז נישט געזאָגט געוואָרן וועגן דעם געהיימען העכסט וויכטיקן אָפּמאַך, וואָס איז געשלאָסן געוואָרן צווישן רוסלאַנד און כינע.

בלויז אַ קליינער טייל פון דעמדאָזיקן אָפּמאַך האָט גע- מעגט באַקאַנט ווערן אין איראָפּע, און בלויז אין דעם זין, אַז כינע האָט געגעבן אַ קאָנצעסיע דער רוסיש-כינעזישער באַנק, אויסצובויען אַ צפון-כינעזישע אייזנבאַן, וועלכע האָט געדאַרפט דינען אַלס המשך פון דעם גרויסן סיבירער וועג. דערדאָזיקער טייל פונם אָפּמאַך האָט שוין געמוזט באַקאַנט ווערן. מען האָט עס שוין נישט געקאָנט אויסמיידן, ווייל די קאָנצעסיע האָט דאָך געמוזט דורכגעפירט ווערן אין לעבן און דעריבער נישט גע- קאָנט בלייבן בסוד. וויאַזוי דאָס דורכצופירן, אין וואָס פאַר אַ גייסט באַדאַרף אויסגעאַרבעט ווערן דער פּראָיעקט פון דער קאָנצעסיע, און וואָס פאַר אַ צילן מיר פאַרפאָלגן דערביי,— וועגן דעם אַלעם האָב איך געגעבן די נויטיקע אָנווייזונגען מיין געהילף-מיניסטער פּיאָטר מיכאַילאָוויטש ראָמאַנאָוו (אַ סאָלי- דער און ערנסטער מלוכה-טוער, וועלכער איז מיט עטלעכע חדשים צוריק געשטאָרבן, שוין זייענדיק אַ מיטגליד פון סענאַט). כינע פון איר זייט האָט באַפולמעכטיקט דערצו איר אַמבאַסאַ- דאָר פאַר רוסלאַנד, וועלכער איז גלייכצייטיק אויך געווען אַמ- באַסאַדאָר פאַר דייטשלאַנד. איין טייל פון יאָר, געוויינלעך ווינ- טער און פרילינג, פלעגט ער פאַרברייגען אין פּעטערבורג און דעם זומער און הערבסט—אין בערלין. און אַזוי ווי די קאָנ- צעסיע האָט מען געדאַרפט פאַרטיק מאַכן זומער, איז פּ. מ. ראָמאַנאָוו אַוועקגעפאָרן קיין בערלין. דאָרטן האָבן זיי צוזאַמען, אין הסכם מיט מיינע אָנווייזונגען, צונויפגעשטעלט דעם פּראָ- יעקט פון דער קאָנצעסיע, וועלכער איז נאָכדעם באַשטעטיקט געוואָרן דורך ביידע רעגירונגען.

איך פערזענלעך האָב זיך מיט דערדאָזיקער אַרבעט נישט געקאָנט פאַרנעמען, ווייל נאָך דער קרוינונג האָב איך געמוזט

אַוועקפאָרן אויף דער אויסשטעלונג אין ניזשני-נאָווגאָראָד, און דערנאָך אין דער וואָלגע-געגנט, ווייל אין יענע גובערניעס איז אָקאָרשט איינגעפירט געוואָרן דער בראָנפן-מאָנאָפּאָל. ווען איך בין געווען פינאַנצמיניסטער, פלעג איך באַזוכן יענע אַלע ערטער, וואו ס'איז איינגעפירט געוואָרן דער מאָנאָפּאָל, כדי צו זען, וויאַזוי עס ווערט דורכגעפירט די רעפאָרם און צו געבן די נויטיקע אָנווייזונגען.

## קאַפּיטל III.

# די קרוינונג. כאָדינקע. דער אָפּמאַך מיט יאַפּאָניע וועגן קאָרייע. די אויסשטעלונג אין ניזשני־נאָווגאָראָד. דעם קיסרס נסיעה קיין מערב־אייראָפּע.

איך וויל נישט דערציילן וועגן די פייערלעכקייטן, וועלכע זיינען פאָרגעקומען אין מאָסקווע פאַר דער צייט פון דער קרוינונג. דאָס זיינען פאַר אַלעמען גוט באַקאַנטע זאַכן, וועלכע ווערן איינגעאָרדנט דורך אַ באַשטימטן צערעמאָניאַל און חזרן זיך תמיד איבער אויף איין און דעמזעלבן שטייגער. איך וועל מיר נאָר אָפּשטעלן אויף אַ העכסט טרויעריקער געשעעניש, וואָס האָט זיך דעמאָלט אָפּגעשפּילט און וועלכע איז, פאַרשטייט זיך, אין צערעמאָניאַל נישט אַריין. איך רייד וועגן דער אַזוי־גערופענער „כאָדינקע".

געוויינלעך ווערט נאָך דער קרוינונג איינגעאָרדנט אַ גרויסע פאָלקס־פאַרוויילונג, דאָרטן ווערן אין קיסרס נאָמען פאַנאַנדערגעטיילט פאַרשידענע מתנות, דאָס רוב עסנוואַרג און דאָס פאָלק איז זיך מכבד לכבוד דעם גרויסן יום־טוב. נאָכדעם ווערן אויפן אומגעהייער גרויסן כאָדינישן פּלאַץ, וועלכער געפינט זיך הינטער מאָסקווע, איינגעאָרדנט פאַרשידענע פאַרוויילונגען. דער קיסר קומט אויך אַהין צופאָרן, כדי צו זען, וויאַזוי עס פאַר־

ווילט זיך און איז זיך מכבד זיין פאָלק.

אין יענעם טאָג האָבן אַלע געדאַרפט פאָרן אַהין און שפּעטער האָט אויך געזאָלט צוקומען אַהין דער קיסר, אום באַצווייזן אויפן קאָנצערט, וואָס זיין פּראָגראַם האָט געזאָלט אויספירן אַ געוואַלדיקער אָרקעסטער אונטער דער ליטונג פון באַרימטן דיריגענט סאַפּאָנאָוו. מען האָט געזאָלט שפּילן אַ באַרימטע קאַנטאַטע, וועלכע איז פאַרפאַסט געוואָרן לכבוד דער קרוינונג. אינדערפרי, ווידער, האָט זיך געדאַרפט אָנהויבן די פאַנאַנדערטיילונג פון די מתנות.

ווען איך בין שוין געזעסן אין דראָזשקע, האָב איך מיך פלוצלונג דערוואוסט, אַז אויפן כאָדינישן פעלד, וואו עס קומט פאָר די פאָלקס-פאַרווײַלונג, איז אינדערפרי געשען אַ קאַטאַסטראָפע. צוליב דער גרויסער איינגשאַפט איז פאָרגעקומען אַ שפּאַרעניש, ביי וועלכער עס זיינען דערהרגעט און צעקאַליעטשעט געוואָרן נאָענט פון צוויי טויזנט מענטשן.

אין אַ שלעכטער שטימונג בין איך געפאָרן אויף דעם כאָדינישן פעלד. אין אַן ענלעכער שטימונג זיינען, פאַרשטייט זיך, אויך געקומען אַלע איבעריקע, וואָס האָבן זיך געדאַרפט באַטייליקן אין דער פאַרווײַלונג. מער פון אַלץ האָט מיך געמאַטערט די פראַגע: וואָס וועט מען טאָן מיט די צעקאַליעטשעטע מענטשן און וואו וועט מען אַהינטאָן די טויטע? צי וועט מען באַוויזן די פאַרוואונדעטע פאַנאַנדערצופירן אין די שפּיטאָלן און די טויטע אַוועקלייגן אין אַזאַ אָרט, אַז זיי זאָלן זיך נישט געפינען ערגעץ פון אויבן אויף, אויף די אויגן פון פאָלק, פון קיסר מיט זיין טויזנקעפּיקער סוויטע און אַלע אויסלענדישע געסט. עס איז מיר אויך אַריין אין קאָפּ דער געדאַנק: צי וועט אַמאָל דער קיסר נישט באַפעלן—צוליב דעם אומגליק—צו פאַרוואַנדלען די פאַרווײַלונג אין אַ טרויער-צערעמאָניע און אָנשטאָט לידער און מוזיק, זאָל גאָר זיין אַ פייערלעכע תפילה?

ווען איך בין אָבער געקומען אויפן אָרט, האָב איך שוין גאָרנישט באַמערקט, אַזוי ווי עס וואָלט גאָרנישט געשען קיין שום קאַטאַסטראָפע. פון אינדערפרי אָן האָט מען שוין באַוויזן

אַלץ צוזאַמען, אַזוי אַז ס׳איז קיין שום זכּר נישט געבליבן. אין די אויגן האָט זיך, לפּחות, קיין שום זאַך נישט געוואָרפן, אַלץ איז געווען פאַרמאַסקירט און פאַרגלעט.

אַלע אָבער, וואָס זיינען געקומען צופאָרן (פאַר די געקומענע האָט מען אויפגעשטעלט אַ גרויסן הילצערנעם בנין), האָבן געפילט און פאַרשטאַנען, אַז ס׳איז געשען אַ גרויס אומגליק און האָבן זיך געפונען אונטער זיין איינדרוק.

ס׳איז אויך צוגעפאָרן לי-כון-טשאַנס קאַרעט און זיין סוויטע. ווען לי-כון-טשאַן איז אַריינגעגאַנגען אין בנין און איך בין צוגעגאַנגען צו אים, האָט ער זיך געווענדט צו מיר דורכן איבערזעצער (אויסער כינעזיש, האָט ער קיין שום שפּראַך נישט געקענט און צוליב דעם פלעגט אויסקומען אַלע שמועסן מיט אים צו פירן דורכן איבערזעצער) מיט אַזאַ מין פראַגע:

—צי איז אמת, אַז ס.איז פאָרגעקומען אַ גרויסע קאַטאַסטראָפע און אַז עס זיינען דאָ נאָנט פון צוויי טויזנט דערהרגעטע און פאַרוואונדעטע?

אַזוי ווי לי-כון-טשאַן האָט שוין, קענטיק, במילא געוואוסט אַלע פּרטים, האָב איך נישט ווילנדיק געענטפערט: יאָ, אַזאַ אומגליק איז געשען.

אויף דעם האָט מיר לי-כון-טשאַן געשטעלט אַזאַ מין פראַגע:

—זאָגט נאָר, זייט אַזוי גוט, צי דען וועט וועגן דעם־דאָזיקן אומגליק אויספירלעך מיטגעטיילט ווערן דעם קיסר?

איך האָב געענטפערט, אַז דאָס וועט בלי שום ספק מיטגעטיילט ווערן. און איך בין אפילו איבערצייגט, אַז ס׳איז אים מיטגעטיילט געוואָרן תיכף ומיד, ווי נאָר דאָס אומגליק איז געשען.

דאַן האָט לי-כון-טשאַן אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און געזאָגט:

—אייערע מלוכה-טוער זיינען נישט קיין געניטע. אָט ווען איך בין געווען גענעראַל־גובערנאַטאָר אין דער פּעטשילישער געגנט, האָט דאָרט געווילדעוועט אַ מגפה. עס פלעגן אויסשטאַרבן

צענדליקער טויזנטער מענטשן. און איך פֿלעג דורכאויס שרייבן דעם באַגדיכאַן, אַז בײַ אונז איז אַלץ אין דער בעסטער אָרדענונג. און ווען מען פֿלעגט מיך פֿרעגן: צי הערשן בײַ אײַך נישט מאַנכע קראַנקהייטן? פֿלעג איך ענטפֿערן: קיין שום קראַנקהייטן זײַנען נישטאָ. די גאַנצע באַפֿעלקערונג געפֿינט זיך אין אַ נאָרמאַלן צושטאַנד.

געענדיקט דידאָזיקע פֿראַזע, האָט לי-כון-טשאַן אַזוי ווי געשטעלט אַ פּונקט און דערנאָך האָט ער זיך געווענדט צו מיר מיט אַן אַנדער פֿראַגע:

—נו, זאָגט, איך בעט אײַך, צו וואָס זאָל איך פֿאַרשאַפֿן עגמת-נפש דעם באָגדיכאַן מיט די ידיעות, אַז בײַ מיר שטאַרבן אויס אַ סך מענטשן? ווען איך וואָלט זײַן אײַער קיסרס באַאַמטער, וואָלט איך זיכער דאָס פֿאַרבאָרגן פֿאַר אים. צו וואָס אים פֿאַרשאַפֿן קריינקונג?

נאָך דערדאָזיקער באַמערקונג האָב איך זיך אַ טראַכט געטאָן: נו, פֿונדעסטוועגן זײַנען מיר אַוועק אַ ביסל ווײַטער פֿון כינע.

אינגיכן זײַנען געקומען צופֿאָרן די גרויספֿירשטן מיטן קיסר. צו מײַן גרויסער פֿאַרוואונדערונג זײַנען די פֿייערלעכקייטן נישט אָפּגעשאַפֿט געוואָרן, אַלץ איז געפֿירט געוואָרן לויט דער באַשטימטער פּראָגראַם. ס'איז לחלוטין נישט געווען צו באַמערקן, אַז ס'איז געשען אַ קאַטאַסטראָפֿע. מער נישט דער קיסר איז געווען אַ ביסל אומעטיקלעך. און מיר שײַנט, אַז ווען דער קיסר וואָלט געקאָנט האַנדלען לויט זײַן אייגענעם ווילן, וואָלטן די פֿייערלעכקייטן זיכער אָפּגעשאַפֿט געוואָרן און אַנשטאָט זיי וואָלט אויפֿן פֿעלד אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ פֿייערלעכע תּפֿילה. נאָר ווי ס'ווײַזט אויס, האָט מען דעם קיסר געגעבן שלעכטע עצות. און מען האָט נישט געדאַרפֿט זײַן קיין גרויסער חכם, אום צו פֿאַרשטיין, אַז דער בעל-יועץ איז געווען דער מאָסקווער גענעראַל-גובערנאַטאָר, גרויספֿירשט ניקאָלאַי אַלעקסאַנדראָוויטש, וועלכער האָט געהאַט פֿאַר אַ פֿרוי דער קייזערינס שוועסטער. סערגיי אַלעקסאַנדראָוויטש איז דעמאָלט, צו

יענער צייט געווען, — און מען קאָן אויך זאָגן, אַז כמעט ביזן סאַמע טויט — איינער פון יענע מענטשן, וואָס זיינען געשטאַנען אמנאָענטסטן און געהאַט די גרעסטע השפעה אויפן קיסר.

אָבער נישט געקוקט דערויף, וואָס ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן זיך לגמרי נישט צו רעכענען מיט דער שרעקלעכער קאַטאַסטראָפע, און נישט צו אָנערקענען זי לחלוטין, האָט זי פונדעסטוועגן געשאַפן אין מאָסקווע אַ מאָדנע שטימונג און האָט ווי געווייינלעך געגעבן אַ סך מאַטעריאַל פאַר סכסוכים אין די הויף־פאַרטייען און בכלל פאַר כלערליי אינטריגעס.

אויף דער פראַגע, וויאַזוי אַרום האָט געקאָנט געשען אַזאַ קאַטאַסטראָפע און ווער איז פאַר איר פאַראַנטוואָרטלעך, האָט מען גלייך באַקומען אַ תשובה: די קאַטאַסטראָפע איז געשען צוליב דער פולשטענדיקער אומאָרדענונג, וואָס האָט געהערשט אויפן פעלד, אָבער קיין פאַראַנטוואָרטלעכער איז נישטאָ.

אָבער-פאָליצמייסטער איז אין מאָסקווע דעמאָלט געווען פאַלקאָווניק וולאַכאָווסקי. דערדאָזיקער וולאַסאָווסקי איז פריער געווען פאָליצמייסטער ערגעץ אין באַלטישן ראַיאָן, דאַכט זיך, אַז אין ריגע. רעקאָמענדירט האָט אים דער גרויספירשט אַלס זייער אַן ענערגישן מענטשן, וועלכער שרעקט זיך נישט פאַר קיין שום זאַך, ד. ה. אַזאַ מענטש, וועלכער קען האַלטן אין מאָסקווע די געהעריקע אָרדנונג. פאַר וולאַסאָווסקין איז מאָסקווער אָבער-פאָליצמייסטער געווען גענעראַל קאָזלאָוו. אַ מענטש אפילו אַ גאַנץ אָנשטענדיקער, אָבער לויט זיין נאַטור נישט קיין „פאָליצייאישער".

וולאַסאָווסקי, ווידער, (ווי איך האָב אים שפעטער דערקענט) געהערט צו די־יעניקע מענטשן, מיט וועלכע ס׳איז געבוג זיך צו זען און צו ריידן צען מינוט צייט, און באַלד איינצוזען, אַז אין דער רוסישער שפראַך ווערן זיי געווייינלעך באַצייכנט מיט דעם נאָמען „כאַם". די גאַנצע פרייע צייט זיינע פלעגט ער פאַרברייגגען אין רעסטאָראַנהוליאַנקעס. אונטער זיין אָנפירונג האָט די גאַנצע מאָסקווער פאָליציי גענומען כאַבאַר.

די אָרדנונג אין מאָסקווע האָט ער געהאַלטן לפּניב אַזוי אַז עס זאָל מאַכן אַן איינדרוק פון אַן אָרדנונג. דערפאַר אָבער איז דערדאָזיקער עכטער טיפּ פון אַ „כאַם—אַ דערזשימאָרדע“, פון נאַטור אַ כיטרער און אַ קריכער, געווען זייער אַ באַקוועמער מענטש פאַרן גאַנצן הויף פון גרויספירשט סערגיי אַלעקסאַנדראָ-וויטש. אַלע הויפלייט פלעגן זיך שאַפן מיט אים וועגן אַלע זייערע ענינים און ער פלעגט זייער גוט אויספילן זייערע באַ-פעלן.

און אָט האָט דערדאָזיקער אָבער-פאָליצמייסטער געמאָלדן, אַז די גאַנצע אונטערנעמונג אויפן כאָדינישן פעלד האָט איינ-געאָרדנט דאָס הויפמיניסטעריום און די פּאָליציי האָט דערצו קיין שום שייכות נישט געהאַט. די פּאָליציי האָט זיך בלויז געדאַרפט פאַרנעמען מיטן שטח ביזן פעלד און אַרום פעלד און דאָ איז קיין שום זאַך נישט געשען, אַלץ איז געווען אין אָרדנונג. אָבער בכלל איז דאָס אומגליק געשען צוליב דעם, וואָס דאָס פאָלק האָט זיך מיטאַמאָל אַ וואָרף געטאָן אויף דעם קיסרס מתנות און איינער דעם אַנדערן האָט אָנגעהויבן צו שטיקן. און אַזוי זיינען דערשטיקט געוואָרן צווייטויזנט מענטשן, צווישן וועלכע עס זיינען געווען אַ סך פרויען און קינדער.

די באַפּולמעכטיקטע פונם הויפמיניסטעריום האָבן דער-קלערט, אַז עס איז אמת, אַז זיי האָבן זיך פאַרנומען מיטן פאַנאַנדערטיילן די מתנות און איינגעאָרדנט די פאַרוויילונגען אויפן כאָדינישן פעלד, אָבער זיי האָבן באַין אופן נישט גענו-מען אויף זיך צו האַלטן די אָרדנונג אויפן פעלד גופא, דאָס איז געווען די פליכט פון דער מאָסקווער פּאָליציי. און אויב עס איז געווען אַן אומאָרדנונג, איז אין דעם לחלוטין שולדיק די פּאָליציי.

דער מאָסקווער גענעראַל-גובערנאַטאָר האָט, פאַרשטייט זיך, אונטערגעהאַלטן זיין פּאָליציי. ווען דער מאָסקווער גענעראַל-גובערנאַטאָר וואָלט זיין נישט דער גרויספירשט, נאָר עמעץ אַן אַנדערער, וואָלט ער, נאַטירלעך, דער ערשטער געמוזט טראָגן אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער קאַטאַסטראָפע, און

נאָך אים—דער הויפּמיניסטער, גראַף וואָראָנצאָוו-דאַשקאָוו.

גראַף וואָראָנצאָוו-דאַשקאָוו איז געווען הויפּמיניסטער נאָך פאַרן פאַרשטאָרבענעם קיסר, פאַר אַלעקסאַנדער III. פאַרן יונגן קיסר איז ער געווען אַ שטאַרקער אויטאָריטעט. און ער, פון זיין זייט, האָט אויך פאַרטיידיקט זיינע באַאַמטע. ער האָט דער-וויזן, אַז זיי זיינען נישט שולדיק, אַז די גאַנצע שולד פאַלט אויף דער מאָסקווער פּאָליציי-פאַרוואַלטונג און קודם-כל אויפן גענעראַל-גובערנאַטאָר.

און אָט אויף דעמדאָזיקן באָדן האָט זיך דאָס, אַזוי צו זאָגן, פאַנאַנדערגעפלאַקערט דער קאַמף. די גרויסע אויבנאָן-לייט האָבן זיך גענומען טיילן אויף פאַרטייען. איין פאַרטיי—פאַרן הויפּמיניסטער—פאַרן גראַף וואָראָנצאָוו-דאַשקאָוו, וועלכער, ווי ס'איז באַוואוסט, איז געווען זייער אָנגענומען ביי דער קייזערין-אלמנה מאַריע פיאָדאָראָוונע און זי האָט נאָך צו יענער צייט געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויפן קיסר. דידאָזיקע פאַרטיי האָט געטענהט, אַז דאָס הויפּמיניסטעריום טאָר דאָ גאָרנישט אריינ-געמישט ווערן, אַז שולדיק אין דער קאַטאַסטראָפע איז נאָר די מאָסקווער פּאָליציי. אַנדערע, ווידער, האָבן געהאַלטן, אַז עס לוינט פאַר זיי בעסער צוצושטיין צו דער פאַרטיי פון גרויס-פירשט סערגיי אַלעקסאַנדראָוויטש, און די, ווידער, האָבן גע-שריען, אַז שולדיק איז אויסשליסלעך דאָס הויפּמיניסטעריום.

אָבער צו יענער צייט האָבן זיך נאָך נישט אַלע דעצי-דירט, אַ סך הויכע באַאַמטע האָבן נאָך נישט געוואוסט וועמעס צד צו האַלטן. ווייל דעמאָלט איז נאָך שווער געווען צו וויסן, ווער וועט האָבן אַ גרעסערע השפּעה אויפן קיסר: צי די קיי-זערין-מוטער, אָדער גרויספירשט סערגיי אַלעקסאַנדראָוויטש, וועלכער האָט געהאַט פאַר אַ פרוי דער יונגער קייזערינס שוועס-טער.

סוף-כל-סוף איז די אויספאָרשונג איבערגעגעבן געוואָרן דעם דעמאָלטיקן יוסטיצמיניסטער מוראַוויאָוון. די אויספאָרשונג, וואָס דער מיניסטער האָט געמאַכט, איז צונויפגעזאַמלט אין אַ באַזונדערן קליינעם באַנד, פאַר היינטיקע צייטן געהיים, וואָס

בעפינט זיך, אגב-אורחא, אין מיין אַרכיוו. מוראַוויאָוו באַשרייבט די גאַנצע געשיכטע וויאַזוי די קאַטאַסטראָפע איז געשען, מיט אַלע פרטים. נאָר די הויפט-פראַגע: ווער איז שולדיק אין דעם אומגליק, איז אָדער ער מיידט עס אויס אינגאַנצן צו באַרירן, אָדער זיינע דערקלערונגען זיינען העכסט סוביעקטיווע. מען מוז געדיינקען, אַז נ. וו. מוראַוויאָוו איז געוואָרן יוסטיצמיניסטער אַ דאַנק דער פּראָטעקציע פונם גרויספירשט; פריער איז ער געווען פּראָקוראָר אין דער מאָסקווער געריכטס-פּאַלאַטע און אַ נאָענטער מענטש ביי סערגיי אַלעקסאַנדראָוויטש.

שוין דאָס אַליין, וואָס מוראַוויאָוו איז באַשטימט געוואָרן צו מאַכן די אויספאָרשונג, איז אין מאָסקווע אויסגעטייטשט געוואָרן, ווי אַ נצחון פונם גרויספירשט. אָבער דאָס האָט געדויערט נישט לאַנג. גאָר אינגיכן האָט דער הויפּמיניסטער באַקומען די אויבערהאַנט. עס האָט זיך פאַרשטאַרקט די השפעה פון דער קייזערין-אַלמנה. און צוליב דעם איז באַשטימט געוואָרן אַ נייע אויספאָרשונג און מען האָט זי איבערגעגעבן דעם געוועזענעם יוסטיצמיניסטער גראַף פּאַלען.

דאָס אויספאָרשונגס-מאַטעריאַל פון גראַף פּאַלען האָב איך נישט געלייענט; אָפיציעל זיינען זיי מיר נישט באַקאַנט, אָבער איך האָב עטלעכע מאָל געהערט פון גראַף פּאַלען, אַז שולדיק איז נאָר די מאָסקווער פּאָליציי און נישט דאָס הויפּמיניסטעריום. אַנדערש געזאָגט, גראַף פּאַלען האָט באשולדיקט דעם מאָסקווער גענעראַל-גובערנאַטאָר.

אויסערדעם, האָט גראַף פאַלען, נאָך זייענדיק אין מאָסקווע, גלייך נאָך דער קאטאסטראָפע, זיך אויסגעדריקט זייער נישט פּאָרזיכטיק: ער האָט עמיצן געזאָגט אין הויף, אַז דאָס גאנצע אומגליק איז, וואָס גרויספירשטן פאַרנעמען פּאַראַנטוואָרטלעכע פּאָסטנס. אימעטום, וואו דאָס איז אַזוי, געשיט תמיד אָדער אַן אומגליק אָדער א מרידה. צוליב דעם זיינען אלע גרויספירשטן געווען געגן גראַף פּאַלען.

ווי מיר איז באַוואוסט, האָט גראַף פּאַלען צוגעשטעלט וועגן דער אויספאָרשונג און אויספירלעכן באריכט דעם קיסר.

מיר איז אויך באַקאַנט, אַז דער קיסר האָט אויף דעמדאָזיקן באַריכט געשטעלט זיין רעזאָלוציע (גראַף פאַלען האָט מיר אפילו איבערגעגעבן די רעזאָלוציע, אָבער איך געדיינק זי נישט). דער גאַנצער באַריכט מיטן קיסרס רעזאָלוציע, וועלכע האָט פאַרשאַפט גרויס קריינקונג דעם גראַף, געפינט זיך ביי אים אין אַרכיוו אין זיין דאָרף נעבן מיטאַווע.

סוף-כל-סוף איז אין דער גאַנצער קאַטאַסטראָפע, אין וועלכער עס זיינען אומגעקומען קרוב פון צוויי טויזנט מענטשן, ווי ס'האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, שולדיק געווען איין מענטש,— דער אָבער-פּאָליצמייסטער וולאַסאָווסקי. ער איז דערפאַר באַזייטיקט געוואָרן פון זיין שטעלע.

אַזויאַרום איז די גאַנצע זאַך דערשטיקט געוואָרן, אָבער זי וועט נאָך, נאַטירלעך, פאַרבלייבן אויף לאַנג אין דער רוסישער געשיכטע.

נאָכדעם איז גראַף פאַלען אַ געוויסע צייט אַזוי ווי באַזייטיקט געוואָרן, אָבער דער קיסר האָט זיין מיינונג וועגן אים נישט געביטן, אַזוי אַז אין אַ קורצער צייט אַרום האָט ער זיך גענומען באַציִען צו אים אַזוי גוט ווי פריער.

אָבער פון דעמאָלט אָן האָט גראַף פאַלען נישט באַקומען קיין שום פולמאַכט דורכצופירן עפּעס. טיילווייז דערקלערט זיך עס אויך דערמיט, וואָס גראַף פאַלען איז שוין אַ מענטש אין די עלטערע יאָרן.

וואָס איז שייך צו מוראַוויאָוון, האָט ער זיך זייער גליקלעך איינגעאָרדנט. און אַלץ אַ דאַנק דער פּראָטעקציע פונם גרויספירשט. שפּעטער וועל איך מסתמא האָבן אַ געלעגנהייט וועגן דעם צו דערציילן.

אין דעם טאָג פון דער קאַטאַסטראָפע אויף „כאָדינקע", דעם 18-טן מאַי, איז לויטן צערעמאָניאַל באַשטימט געוואָרן אַ באַל ביים פראַנצויזישן אַמבאַסאַדאָר, ביים גראַף (שפּעטער מאַרקיז) מאָנטעבעללאָ. דערדאָזיקער אַמבאַסאַדאָר איז געווען זייער אַ רייכער מענטש, זיין פרוי האָט געשטאַמט פון אַ רייכער פאַ-

מיליע. אויסערדעם, זיינען זיי ביידע געווען וואוילע מענטשן, באזונדערס איז זי געווען א פיינע פרוי און צוליב אירע מעלות טאקע, האט מען אים זייער ליב געהאט אין דער העכערער געזעלשאפט.

דער באל האט געזאלט זיין זייער א גרויסארטיקער און עס האט אויך געזאלט זיין דער קיסר מיט דער קייזערין. א גאנצן טאג האבן מיר נישט געוואוסט, צי דער באל וועט אפ־געשאפט ווערן צוליב דער קאטאסטראפע, אדער נישט. ס'האט זיך אבער ארויסגעשטעלט, אז דער באל ווערט נישט אפגע־שאפט. האט מען דעמאלט געשמועסט, אז זייערע מאיעסטעטן וועלן מסתמא נישט קומען אויפן באל.

אין דער באשטימטער שעה בין איך געקומען צופארן אויפן באל. צוזאמען מיט מיר זיינען אויך געקומען—דמיטרי סערגייעוויטש סיפיאגין, דער קינפטיקער אינערנמיניסטער און גרויספירשט סערגיי אלעקסאנדראוויטש, דער מאסקווער גענעראל־גובערנאטאר. ווי מיר האבן זיך נאר באגעגנט, האט מען נא־טירלעך געקומען ריידן וועגן דער קאטאסטראפע. דער גרויס־פירשט האט אונז באלד דערציילט, אז א סך האבן געראטן דעם קיסר, ער זאל בעטן דעם אמבאסאדאר אפצושאפן דעם באל, אדער דער קיסר זאל, לכל הפחות, נישט קומען אויפן באל. דער קיסר איז אבער מיט דערדאזיקער מיינונג נישט מסכים געווען. לויט זיין מיינונג איז אפילו געשען א גרויס אומגליק, אבער די קרוינונג קאן דאך נישט פארשטערט ווערן צוליב דעם. און דעריבער מוז מען לגמרי איגנארירן די קאטאסטראפע און זיך נישט רעכענען מיט איר.

דערהערט דיזאזיקע ווערטער, איז מיר נישט ווילנדיק איינגעפאלן די אנאלאגיע צווישן זיי און די־יעניקע ווערטער, וואס דער כינעזישער מלוכה-מאן לי־כון-טשאן האט אינדערפרי געזאגט.

אין א קורצער צייט ארום איז געקומען צופארן דער קיסר מיט דער קייזערין. עס האט זיך אנגעהויבן דער באל און דעם

ערשטן קאָנטראַדאַנס האָט דער קיסר געטאַנצט מיט דער גרעפין און די קייזערין מיט גראַף ניאָנטעבעללאָ.

דער קיסר איז געווען אומעטיק, קענטיק, אַז די קאַטאַ-סטראָפע האָט געמאַכט אויף אים אַן איינדרוק. און איך בין ווידעראַמאָל זיכער געווען, אַז ווען ער פאָלגט זיין האַרץ, וואָלט ער געהאַנדלט אַנדערש. פאַרבראַכט אויפן באַל האָט דער קיסר זייער אַ קורצע צייט. ער איז באַלד אַוועקגעפאָרן.

דאָרטן אין מאָסקווע איז אויך אונטערגעשריבן געוואָרן דער אָפּמאַך צווישן רוסלאַנד און יאַפּאָניע. אַלע אונטערהאַנ-דלונגען וועגן דעם ענין, האָט געפירט פירשט לאָבאַנאָוו-ראָס-טאָווסקי. איך האָב אויך גענומען אַן אָנטייל, אָבער זייער אַ קליינעם. איך האַלט דעם אָפּמאַך פאַר זייער אַ געלונגענעם. ווייל אויב עס איז געגאַנגען דערין, צו פאַרטיילן צווישן יאַ-פּאָניע און רוסלאַנד די השפעה איבער קאָרייע, האָט רוסלאַנד לויטן אָפּמאַך באַקומען די אויבערהאַנט.

די פאָרשטייער פון יאַפּאָניע האָבן געגרן איינגעשטימט אויף דעמדאָזיקן אָפּמאַך. יאַפּאָניע האָט געקאָנט האָבן אין קאָ-רייע אירע האַנדלס-געזעלשאַפטן און אָנפירן מיטן האַנדל. נאָר אויב מאַנכע מאַטעריעלע פריווילעגיעס האָבן נישט געקאָנט דער-לאָזן ווערן פאַר יאַפּאָניע, האָט זיך מיט זיי אויך רוסלאַנד נישט געטאָרט באַנוצן. מיר האָבן לויטן אָפּמאַך געקאָנט האָבן אין קאָרייע מיליטערישע אינסטרוקטאָרן און עטלעכע הונדערט רוסישע סאָלדאַטן. מיר האָבן אויך געהאַט דאָס רעכט צו באַ-שטימען אַ בעל-יועץ ביים קאָרייער קיסר וועגן פינאַנציעלע ענינים, און דאָס איז כמעט דאָסזעלבע, וואָס באַשטימען אַ פי-נאַנצמיניסטער. בכלל איז דער אָפּמאַך, ווי איך האָב שוין פריער געזאָגט, זייער געלונגען.

אַזויאַרום זיינען אין מאָסקווע פעסטגעשטעלט געוואָרן די יסודות פון דער געמיינזאַמער השפעה אויף קאָרייע מצד רוס-לאַנד און יאַפּאָניע. אָבער שוין אויף דער ז ע ל ב ש ט ע נ ד י ק ע ר קאָרייע, אין דער צייט ווען פאַר דער מלחמה צווישן יאַפּאָניע

און כינע, האָט זיך קאָרייע גערעכנט פאַר אַן אויטאָנאָמע פּראָווינץ פון כינע און האָט זיך געפונען אונטער איר פולשטענדיקער ממשלה.

ערשט נאָכן שליסן דעם שלום איז קאָרייע געוואָרן אַ זעלבשטענדיקע מלוכה. און דאָס האָט אונז געגעבן אַ מעגלעכקייט צו שליסן מיט יאַפּאָניע דעם אויבנגעבראַכטן אָפּמאַך.

דערדאָזיקער אָפּמאַך און דער געהיימער אָפּמאַך מיט כינע, וועגן וועלכן איך האָב פריער גערעדט, האָבן געמוזט דערנענטערן די איראָפּייאישע פעלקער מיט די מזרח-פעלקער אויפן מאַטעריעלן און מאָראַלישן באָדן. מאָראַליש — אויף אַזויפיל, אויף וויפיל די נייע קריסטלעכע קולטור איז מעכטיקער און שטאַרקער פאַר דער קולטור פון די געלע פעלקער, וועלכע האָבן זיך אַנטוויקלט אין געצנדינערײ.

לי-כון-טשאַן, מיט וועלכן איך האָב זיך דעמאָלט זייער באַפריינדעט, האָט מיר עטלעכע מאָל איבערגעחזרט, אַז ער איז רוסלאַנדס אַ גוטער פריינט, און אַלס אַזעלכער, ראַט ער אונז נישט באין אופן, אַרויסצורוקן זיך אין דרום פון דער ליניע, וועלכע דאַרף פאַרייניקן דעם סיבירער וועג מיט וולאַדיוואָסטאָק. ווען מיר רוקן זיך אַרויס אין דרום, וואָלט דאָס אַרויסגערופן לויט זיין מיינונג אַזאַ פּאָליטישן מישמאַש צווישן דער מאַסע כינעזער, וועלכע זיינען אינגאַנצן נישט באַקאַנט מיט די איראָפּייער און קוקן אויף יעדן ווייסן, לכל הפחות, ווי אויף אַ שונא, אַז אַזאַ שריט וואָלט געקאָנט ברענגען צו אומגעריכטע פאָלגן, ווי פאַר רוסלאַנד אַזוי אויך פאַר כינע. די אַלע ווערטער זיינען אייגנטלעך פאַר מיר פערזענלעך געווען איבעריק, ווייל איך, ווי אַ טרייער טרעגער פון יענע אידייען, ביי וועלכע עס האָט זיך געהאַלטן אַלעקסאַנדער III, וועלכן זיין זון האָט אין באַוואוסטן מאַניפעסט אָנגערופן „רודף שלום״, בין איך געווען און בין פאַרבליבן ביז היינטיקן טאָג דער אויפריכטיקסטער אַדעפּט פון שלום. און איך האַלט, אַז נאָר דעמאָלט וועט די קריסטלעכע תורה באַקומען כוחות און זיך שטאַרק פאַנאַנדערבליען, ווען די מענטשן וועלן דערפילן כריסטוסעס ערשטן גע-

זאַך, וועלכער באַשטייט דערין, אַז קיין שום מענטש האָט נישט קיין מאָראַלישע רעכט צו דערהרגענען אַ צווייטן מענטשן.

איך האָב געבראַכט די גאַנצע מעשה צוליב דעם, כּדי צו דערוויזן, אויף וויפיל לי-כון-טשאַן, אַ מענטש פון אונזער אייראָפּייאישן שטאַנדפונקט אינגאַנצן נישט קיין קולטורעלער, איז אָבער פאָרט געווען זייער אַ געבילדעטער און קולטורעלער מענטש.

אויך דעם קיסר איז צו יענער צייט איבעריק געווען איבערצוגעבן לי-כון-טשאַנס עצה, ווייל דעמאָלט האָט נאָך אונזער קיסר פאַרמעגט די בעסטע געפילן, וואָס קאָנען נאָר זיין ביי אַ מענטשן, און דעריבער בין איך געווען טיף איבערצייגט, אַז דער קיסר קוקט אויפן אָפּמאַך, ווי אויף אַן אַקט, וועלכער איז אויסן נאָר דעם שלום. בסוד איז דער אָפּמאַך געהאַלטן געוואָרן נישט צוליב דעם, ווייל ער האָט אונז געגעבן דאָס רעכט צו בויען אַ וועג נאָר ווייל ער איז גלייכצייטיק אויך געווען אַ פאַרטיידיגונגס-אָפּמאַך, כּדי עס זאָל ווידעראַמאָל נישט געשען, אַז יאַפּאָניע זאָל הרוב מאַכן כינע.

הגם דער קייזערלעכער מאַניפעסט, וועלכער איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין משך פון דער קרוינונגס-צייט, האָט געגעבן גרויסע אַלגעמיינע פאַרלייכטערונגען פאַר דער באַפעלקערונג, פלעגן זיך דאָך טויזנטער מענטשן ווענדן צו זיין מאַיעסטעט מיט זייערע פערזענלעכע בקשות און אָנגעלעגנהייטן.

זיין מאַיעסטעט פלעגט ברייט באַפרידיקן די אַלע בקשות. דעמאָלט האָט דער באַוואוסטער פירשט מעשטשערסקי, דער רעדאַקטאָר פון „גראַזשדאנין", אויך געוואָלט אויסנוצן דעם צופאַל און אָנקניפּן פארבינדונגען מיטן קיסר. דער קיסר האָט אָבער קיין שום אכט נישט געלייגט, אויב מען קאָן זיך אזוי אויסדריקן אויף דער „פירשטלעכער קאָקעטעריע".

נאָכדעם ווי מיר האָבן אויך פארענדיקט דעם אָפּמאך מיט יאפּאָניע וועגן פלאָט און האנדלס-באציאונגען און מיר דריי, איך, דער יאפּאָנישער פאָרשטייער און לאָבאנאָוו-ראָסטאָווסקי,

האָבן אים אונטערגעשריבן, בין איך דעם 17-טן מאַי אוועקגע-פאָרן קיין ניזשני-נאָווגאָראָד צו עפענען דאָרט די אויסשטעלונג.

די אויסשטעלונג איז געמאַכט געוואָרן לויט מיין איני-ציאַטיוו. און הגם זי איז געווען זייער גוט איינגעאָרדנט, האָט זי דאָך נישט געהאַט קיין גרויסן ערפאָלג. עס קאָן זיין, אַז דאָס איז געווען צוליב דעם, וואָס מיר האָבן אויסגעקליבן נישט קיין פאַסיקן מאָמענט, גלייך נאָך דער קרוינונג. איך האָב גע-עפנט די אויסשטעלונג דעם 28-טן מאַי, ווען זי איז נאָך כמעט נישט געווען פאַרענדיקט.

אַלס קאָמיסאַר פאַר דער אויסשטעלונג, האָב איך באַ-שטימט אונזער אַגענט פון פינאַנצמיניסטעריום אין בערלין, טי-מיראַזעוון. יענער האָט געהערט צו דעם מין באַאַמטע, וועלכע פירן אַלע ענינים בלויז אויפן פאַפּיר. עס פאַרשטייט זיך, אַז אין אַזאַ לעבעדיקן ענין פלעגט ער אומעטום פאַרשפּעטיקן. איך האָב אויסגעקליבן טימיראַזעוון דערפאַר, ווייל פריער, ביי מיינע פאָרגייגער, פלעגט ער זיך פאַרנעמען מיט אויסשטעלונגען.

דערזען אין וואָס פאַר אַ לאַגע עס געפינט זיך די אויס-שטעלונג, האָב איך נאָך פאַר דעם, איידער זי איז פאַרענדיקט געוואָרן, געבעטן דעם דירעקטאָר פון דעפּאַרטאַמענט קאָוואַלעוו-סקין, ער זאָל מיטהעלפן אין דער אַרבעט. דאָס איז געווען אַ לעבעדיקער, זייער אַן ענערגישער, פּעאיקער און טאַלענטפולער מענטש, וועגן וועלכן מען קאָן אויסער גוטס גאָרנישט זאָגן. ער האָט זיך אָבער—אויב נישט אינגאַנצן אומגליקלעך געמאַכט—אַלנפאַלס זייער פיל שאָדן געבראַכט מיט זיין נישט פאַסיקער באַציאונג צום פרויענגעשלעכט.

קאָוואַלעווסקי האָט זיך ענערגיש גענומען צו דער אַרבעט און אין משך פון עטלעכע טעג איז די אויסשטעלונג אינגאַנצן פאַרטיק געוואָרן.

דער קיסר האָט נאָך אַלץ פאַרבראַכט אין מאָסקווע און אין דער אומגעגנט. ערשט דעם 21-טן יוני איז ער פון דאָרטן אוועקגעפאָרן.

אינגיכן, נאָכדעם ווי ס'איז געעפנט געוואָרן די אויסשטעלונג, איז קיין ניזשני-נאָווגאָראָד געקומען צופאָרן לי-כון-טשאַן, ער האָט פאַרבראַכט אויף דער אויסשטעלונג עטלעכע טעג און איז די גאַנצע צייט געווען ביי מיר צו גאַסט. עס פאַרשטייט זיך, ביי מיר ווי ביים רוסישן פינאַנצמיניסטער.

פאַר לי-כון-טשאַנען איז אַלץ געווען אַ חדוש נפלא, באַזונדערס האָט ער זיך נישט געקאָנט אָפּחדושן פון דעם, וואָס ער האָט געזען אין דער מאַשינען- און טעכניק-אָפּטיילונג. נאָכדעם איז ער פון רוסלאַנד אַוועקגעפאָרן קיין אייראָפּע. ער האָט באַזוכט עטלעכע אייראָפּייאישע לענדער, און האָט אַרויסגערופן גרויס פאַרוואונדערונג ביי אַלע אויסלענדער, פאַר וועלכע עס איז לחלוטין פרעמד די אַזיאַטישע און באַזונדערס די כינעזישע קולטור. זיי האָבן געהאַלטן לי-כון-טשאַנען און זיין סוויטע פאַר האַלב-ווילדע מענטשן.

אין אייראָפּע האָט מען דעמאָלט גערעדט, אַז לי-כון-טשאַן האָט באַקומען פון דער רוסישער רעגירונג כאַבאַר. דאָס איז נישט ריכטיק. דעמאָלט האָט לי-כון-טשאַן קיין שום כאַבאַר נישט באַקומען. ער האָט אפילו וועגן דעם נישט דערמאָנט.

דעם 17-טן יולי זיינען געקומען זייערע מאַיעסטעטן אין ניזשני-נאָווגאָראָד אויף דער אויסשטעלונג. מיט זיי צוזאַמען איז אויך געקומען גרויספירשט גענעראַל-אַדמיראַל אַלעקסאַנדראָוויטש.

אומגעפער אין יענע טעג איז, ווי איך האָב שוין דערציילט, באַזייטיקט געוואָרן פון זיין פּאָסטן דער פאַרוואַלטער פון פלאָט-מיניסטעריום טשיכאַטשאָוו און אויף זיין אָרט איז באַשטימט געוואָרן טירטאָוו, און דערפאַר איז דאָס דער קיסר געווען באַזונדערס ליבלעך מיט זיין פעטער אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש. דער קיסר האָט שוין געהאַט אַזאַ טבע: אַז עס פלעגט אים אויסקומען צו פאַרשאַפן עמעצן עגמת נפש, האָט ער עס דערנאָך פאַרגלעט מיט זיין פריינטלעכער האַלטונג.

זיין מאַיעסטעט האָט פאַרבראַכט אין ניזשני-נאָווגאָראָד דעם 18-טן און דעם 19-טן. דעם 20-טן יולי איז ער פון

דאָרטן אַוועקגעפאָרן. איינגעשטאַנען איז ער ביים גענעראַל-גו-בערנאַטאָר.

פאַר די צוויי טעג איז דער קיסר עטלעכע מאָל געווען אויף דער אויסשטעלונג. הגם ער האָט זיך זייער אינטערעסירט און האָט אַלץ זייער אויפמערקזאַם באַטראַכט, דאָך האָב איך געפילט, אַז זיינע מאַיעסטעטן זיינען צו מיר עפעס אַזוי ווי קאַלטלעך. די סיבה, פאַרוואָס דאָס איז אַזוי געווען, האָב איך פאַרשטייט זיך, נישט געוואוסט, אָבער אַזוי ווי איך בין געווען אַ געניטער באַאַמטער, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז עמעצער האָט געמוזט עפעס אָנריידן אויף מיר. כ'האָב אָבער נישט געקאָנט פאַרשטיין, ווער האָט דאָס געקאָנט טאָן. מיר איז אפילו איינגעפאַלן, טאָמער האָט עס געטאָן לאָבאַנאָוו-ראָסטאָווסקי, ווייל אים איז דאָך נישט אָנגענעם געווען די אָנפירנדיקע ראָליע, וואָס איך האָב געשפילט אין דעם אָפמאַך מיט לי-כון-טשאַנען. אָבער איך האָב מיך אָפגעזאָגט פון דעמדאָזיקן געדאַנק, ווייל בכלל האָב איך געהאַלטן און האַלט עד היום, דעם פירשט לאָבאַנאָוו-ראָסטאָווסקי פאַר אַן אָנשטענדיקן מענטשן, וועלכער שטייט גאַנץ ווייט פון אַלע הויף-אינטריגעס.

פון ניזשני איז דער קיסר אַוועקגעפאָרן קיין פעטערבורג. דעם 13-טן אויגוסט איז זיין מאַיעסטעט געפאָרן פון פעטערהאָף קיין ווין מיט אַ וויזיט צום אַלטן קיסר פראַנץ-יאָזעף. אין ווין האָט דער קיסר פאַרבראַכט צוויי טעג, און פון דאָרטן איז ער געפאָרן קיין קיעוו.

נישט ווייט פון קיעוו, אין מיטן וועג אויף אַ סטאַציע איז געשטאָרבן פון אַ האַרץ-שלאַג דער אָרעמער פירשט לאָבאַנאָוו-ראָסטאָווסקי. דעם קיסר און דער קייזערין האָט זיין טויט פאַרשאַפט זייער פיל עגמת נפש. אין אַ געוויסן זין איז זיין טויט פאַר רוסלאַנד געווען אַן אומגליק. ווייל איך בין זיכער, אַז ווען ער וואָלט געלעבט,—הגם ער איז געווען אַ מענטש אַ לייכטזיניקער,—וואָלט ער פונדעסטוועגן נישט דערלאָזט צו אַ סך זאַכן אין אונזער פּאָליטיק, וועלכע האָבן זיך אַזוי טרויעריק

פאַרענדיקט, ווייל ער איז דאָך געווען אַ געניטער און קולטו-רעלער מענטש.

דעם 19-טן איז דער קיסר געקומען קיין קיעוו און דעם 22-טן איז ער שוין פון דאָרטן אָפּגעפאָרן קיין דייטשלאַנד מיט אַ וויזיט צום קיסר ווילהעלם.

דעם 24-טן איז ער געקומען קיין ברעסלוי. דאָרט איז ער געווען אויף אַ מיליטער-פּאַראַד. נאָכדעם איז ער אָפּגעפאָרן דורך קיל קיין קאָפּענהאַגען מיט אַ וויזיט צו זיין זיידן, דעם דענישן קיסר.

דעם 3-טן סעפּטעמבער האָבן זייערע מאַיעסטעטן פאַרלאָזן קאָפּענהאַגען און דעם 12-טן זיינען זיי שוין געווען אין ענג-לאַנד ביי דער קייזערין וויקטאָריע, די באָבע פון דער יונגער קייזערין.

אַזוי ווי [illegible]פירשט לאָבאַנאָוו-ראָסטאָווסקי איז געשטאָרבן, האָט דעם קיסר באַגלייט דער געהילפּמיניסטער פאַר אויסערלעכע ענינים, שישקין, וועגן וועלכן איך האָב שוין פריער דערמאָנט.

דעם 23-טן סעפּטעמבער איז זיין מאַיעסטעט געווען אין שערבורג מיט אַ באַזוך ביים פּרעזידענט פון דער פראַנצויזישער רעפּובליק.

זייערע מאַיעסטעטן זיינען אומעטום אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס התלהבות.

ערשטנס, איז דאָס געווען דער ערשטער באַזוך פון רו-סישן קיסר נאָך דער געשיכטע פון אַלעקסאַנדער II: דער פּאַ-ליאַק בערעזאָווסקי האָט געשאָסן אין אים, ווען יענער איז געווען אין פראַנקרייך.

און, צווייטנס, האָט דער קיסר אונטערגעשטראָכן מיט דעמדאָזיקן באַזוך זיין פעסטן ווילן צו גיין אין די דרכים פון זיין פאָטער, וועלכער האָט געשלאָסן דעם פראַנצויזיש-רוסישן אָפּמאַך.

און, דריטנס, האָבן סתם די פראַנצויזן אַ טבע נתפּעל צו ווערן פון אַלץ, וואָס איז אָנגענעם פאַר זיי און וואָס האָט אַן אָנזען. און דער רוסישער אַליינהערשער, וועלכער האָלט אין

זיין האַנט אַ פינפטל פון דער גאַנצער ערדקיל, האָט ביי זיך אַרויסגערופן אמתן עקסטאַז.

די וואָך, וואָס דער קיסר האָט פאַרבראַכט אין פּאַריז און ווערסאַל, האָט מען אָנגערופן די רוסישע וואָך.

דעם 17-טן אָקטאָבער איז זיין מאַיעסטעט געקומען פון פראנקרייך אין דארמשטאט, אין דער קייזערינס געבורטס-שטאָט, צו איר ברודער, דעם הערצאָג פון דארמשטאדט. דעם 19-טן אָקטאָבער איז שוין זיין מאיעסטעט געווען אין צארסקאָיע סעלאָ.

איך בין געקומען קיין פעטערבורג אָנפאנג סעפטעמבער.

קאפיטל IV.

# דער פראָיעקט צו פאַרכאַפּן באָספאָר. די נייע פּאָליטיק אין די ראַנד-לענדער.

סוף יאָר 1896, באַלד ווי דער קיסר איז געקומען פון אויסלאַנד, האָט זיך אין פּעטערבורג באוויזן אונזער אמבאסאַדאָר פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל נעלידאָוו און עס האָבן זיך אָנגעהויבן ארומצוטראָגן קלאַנגען, אז עס שאפט זיך עפּעס אן אקציע קעגן טערקיי. שוין דעמאָלט איז די אָטאָמאַנישע מלוכה געווען נישקשהדיק צעפאלן. שפּעטער האָט זיך דאָס פארענדיקט דערמיט, וואָס דער סולטאַן האמיד איז אראָפּגעוואָרפן געוואָרן און אין טערקיי איז איינגעפירט געוואָרן א קאָנסטיטוציע, אָבער דאָס האָט אויך נישט געהאָלפן, קיין פעסטע מלוכה-אָרדנונג איז דאָרטן אלץ נישט געווען. היינט צו טאָג געפינט זיך טערקיי אין א קריטישער לאגע. דער צעפאַלונג-פּראָצעס ציט זיך שוין צענדליקער יאָרן. צו יענער צייט פלעגט זיך דאָס אויסדריקן אין די פּאָגראָמען אויף ארמענער, דאָ אין איין אָרט און דאָ אין א צווייטן אָרט פון טערקיי.

מיט א קורצער צייט צוריק, איידער אונזער קיסר האָט זיך אומגעקערט פון אויסלאַנד, איז אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל געווען

א פּאָגראָם אויף אַרמענער און אַ ביסל פריער האָט מען גע־שלאָגן אַרמענער אין קליין־אַזיע.

פאַר נעלידאָוואָס קומען קיין פּעטערבורג זיינען שוין קענ־טיק אין פּאַריז פּאָרגעקומען געוויסע אונטערהאַנדלונגען און אַ שמועס וועגן טערקיי. און די קלאַנגען, וואָס האָבן זיך אַרומ־געטראָגן אין אויסערנמיניסטעריום, אָדער בכלל אין די רעגי־רונגס־קרייזן, זיינען געווען אַ פועל־יוצא פון דעם, וואָס ס'איז פּאָרגעקומען אין אויסלאַנד.

אַזוי ווי די קלאַנגען האָבן נישט אויפגעהערט, האָב איך אומגעפער אַ חודש נאָכן קיסרס קומען, ד. ה. דעם 12־טן נאָ־וועמבער 1896, דערלאַנגט דעם קיסר אַ מעמאָראַנדום, אין וועלכן איך האָב אַרויסגעזאָגט מיין מיינונג וועגן טערקיי. איך האָב אָנגעוויזן דערויף, אַז אויב אָננעמען מיטלען, דאַרפן דאָס זיין נאָר פרידלעכע. איך האָב נישט געראָטן אָנצונעמען קיין שום אָנגריף־מיטלען.

אויף דעמדאָזיקן מעמאָראַנדום האָט דער קיסר אָנגעשריבן, אַז וועגן דערדאָזיקער פראַגע וועלן מיר זיך דורכריידן ביים צווייטן באַריכט. אָבער זיין מאַיעסטעט האָבן וועגן דעם מיט מיר נישט גערעדט.

און דערווייל האָב איך דעם 21־טן נאָוועמבער באַקומען אַ העכסט געהיימען מעמאָראַנדום פון נעלידאָוו. דאָרטן האָט דער קאָנסטאַנטינאָפּאָלער אַמבאַסאדאָר נישט קלאָר, אין פאַר־נעפּלטע פאַרבן, געמאָלט די אומרואיקע לאַגע פון דער טערקי־שער מלוכה, פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל און פונם סולטאַן. דער תוך אָבער פון זיין שרייבן איז געווען, אַז מיר זאָלן זיך פרובן באַשאַפן אַזעלכע אינצידענטן, וועלכע זאָלן אונז געבן אַ מעג־לעכקייט צו פאַרנעמען דעם אויבערשטן באָספּאָר

גלייכצייטיק מיט דעמדאָזיקן מעמאָראַנדום האָב איך באַ־קומען אַן איינלאַדונג פון צייטווייליקן פאַרוואַלטער פון אויסערנ־מיניסטעריום—פון שישקינען, צו קומען אויף אַ זיצונג דעם 23־טן נאָוועמבער. די זיצונג איז פאָרגעקומען אונטערן קיסרס

פאַרזיך און עס האָבן זיך באַטייליקט: דער קריגסמיניסטער וואַנאָווסקי, דער פאַרוואַלטער מיטן פלאָט-מיניסטעריום טירטאָוו, דער פירער פון הויפּט-שטאַב גענעראַל אָברוטשעוו, דער פאַרוואַלטער פון אויסערנמיניסטעריום שישקין און דער רוסישער אַמבאַסאַדאָר אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל—נעלידאָוו.

אויף דערדאָזיקער זיצונג האָט נעלידאָוו אַנטוויקלט דעם דאָזיקן רעיון: אַזוי ווי אין דער נאָענטסטער צייט מוזן אין טערקיי פאָרקומען קאַטאַסטראָפעס און דאָס קאָן צומאָל רוסלאַנד אַוועקשטעלן אין אַ נישט-באַקוועמער לאַגע, דעריבער מוזן אָנגענומען ווערן מיטלען, כדי דאָס אויסצומיידן. און קודם-כל דאַרף מען פאַרכאַפּן דעם אויבערשטן באָספאָר. דאָס מוז דורכאויס געמאַכט ווערן.

דער קריגסמיניסטער און דער פירער פון הויפּטשטאַב האָבן שטאַרק געשטיצט די מיינונג פונם אַמבאַסאַדאָר. איך האָב פריער געוואוסט, אַז דאָס וועט אַזוי זיין, ווייל וואַנאָווסקי האָט זיך אין אַזוינע פאַלן תמיד גערעכנט מיט אָברוטשאָווס מיינונג און ביי אָברוטשעוון ווידער, איז דאָס פאַרכאַפּן דעם באָספאָר און, אויב מעגלעך, אויך קאָנסטאַנטינאָפּאָל—געווען פון אייביק אָן זיין אידייע-פיקס

איך געדיינק, אַז מיר איז אויסגעקומען אַמאָל צו זיין ביים פאַרשטאָרבענעם אויסערנמיניסטער גירס, דאָס איז געווען עטלעכע וואָכן פאַר זיין טויט. מיר האָבן גערעדט וועגן דער אינטערנאַציאָנאַלער לאַגע. צווישן אַנדערע האָט מיר גירס דעמאָלט געזאָגט: „עס איז בכלל אַן אומגליק מיט די מיליטערלייט, זיי וואָלטן תמיד געוואָלט אַרויסרופן געשעענישן, וואָס פירן צו מלחמות. און די גרעסטע פאַרדינסטן פון אַלעקסאַנדער III באַשטייען טאַקע דערין, וואָס ער מאַכט צו-נישט אַלע זייערע פלענער”.

דעמאָלט האָב איך געפרעגט ביי גירסן, וואָסערע פלענער זייגען נאָך זיין מיינונג די געפערלעכסטע. אויף דעם האָט מיר גירס געענטפערט:

—„איך וואָלט אייך געראָטן אַ טראַכט צו טאָן וועגן דעם

פלאַן צו פאַרכאַפּן דעם באָספאָר, מיט וועלכן עס טראָגט זיך אַרום דער גענעראַל אַברוטשעוו.—דערדאָזיקער געדאַנק האָט זיך טיף איינגעגעסן אין אונזער קריגס-מיניסטעריום. נאָך אונזער מלחמה אויפן מזרח, צום סוף פון אַלעקסאַנדער II הערשאַפט און אפילו אין אָנהויב פון אַלעקסאַנדער III ממשלה, זיינען אויפן באָספאָר געפאָרן אינקאָגניטאָ און אָפיציעל אונזערע אָפיצירן פון גענע-ראַלשטאַב מיטן גענעראַל קוראָפּאַטקין (נאָך דעמאָלט אַ פּאָל-קאָווניק) בראש—און מען האָט געמאַכט פאַרשידענע אינפאָר-מאַציעס, וויאַזוי צו פאַרכאַפּן דעם באָספאָר און זיך דאָרטן צו פאַרפעסטיקן."

דער פאַרוואַלטער פון אויסערנמיניסטעריום האָט אויף דער זיצונג דאָס רוב געשוויגן. אָבער ווען ער פלעגט שוין עפּעס יאָ זאָגן, האָט קיינער נישט פאַרשטאַנען, וואָס ער מיינט.

דער פאַרוואַלטער פון פלאָט-מיניסטעריום האָט, קענטיק, נישט זייער מיטגעפילט וואַנאָווסקיס און אָברוטשעווס פּלענער, אָבער ער האָט נישט געהאַט די דרייסטקייט זיך פעסט אַנטקעגנ-צושטעלן. ער האָט בלויז אָנגעוויזן אויף געוויסע באַדינגונגען, וועלכע האָבן אַ שייכות צו די פלאָט-ענינים, און וועלכע מוזן דורכגעפירט ווערן, כדי די אונטערנעמונג זאָל זיך קאָנען איינ-געבן.

אויף אַזאַ אופן בין איך געווען דער איינציקער, וואָס האָט זיך יאָ אַנטקעגנגעשטעלט—און אַנטקעגנגעשטעלט זיך גאַנץ פעסט, שאַרף און אַנטשיידן. איך האָב אָנגעוויזן, אַז אַזאַ מין אונטערנעמונג וועט סוף כל סוף דערפירן צו אַן אייראָפּייאישער מלחמה און וועט ווידער צעטרייסלען די גוטע פּאָליטישע און פינאַנציעלע לאַגע, אין וועלכער רוסלאַנד איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן דורך אַלעקסאַנדער III.

זיין קייזערלעכע מאַיעסטעט, אַלס פּאָרזיצער און אַליינ-הערשער פון רוסלאַנד, האָט קיין שום מיינונג נישט אַרויסגע-זאָגט, ער האָט נאָר געשטעלט פראַגן. אָבער אַזוי ווי איך האָב דעם קיסר גוט געקענט, האָב איך געזען, אַז אין דעם פאַל, זיינען זיינע סימפּאַטיעס נישט אויף מיין זייט.

נאָכֿדעם, ווי מיר זיינען עטלעכֿע מאָל אַרויסגעטראָטן קעגן איינאַנדער—פֿון איין זייט איך, און פֿון דער אַנדער זייט געלידאָוו, אָבּרוטשעוו און וואַנאָווסקי, האָט זיין מאַיעסטעט צו־לעצט געמאָלדן, אַז ער איז מסכּים מיט געלידאָוון.

אַזויאַרום איז די פֿראַגע, אין תּוך גענומען, געווען פֿאַרענדיקט. עס איז באַשלאָסן געוואָרן אַרויסצורופֿן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל אַזעלכֿע געשעענישן, וועלכֿע זאָלן אונז געבֿן דאָס רעכֿט אַרויסצוזעצן זיך אין באָספאָר און פֿאַרנעמען דעם אויבערשטן באָספאָר. נאָכֿדעם וועלן מיר אונטערהאַנדלען מיטן סולטאַן, און אויבֿ ער וועט זיך שטעלן אויף אונזער זייט, וועלן מיר אים צוזאָגן אונזער שוץ. עס האָבן זיך גלייך געדאַרפֿט אָנהויבֿן די הכֿנות צו אַ דעסאַנט פֿון אָדעס קיין סעוואַסטאָפּאָל. און ווען עס וועט, לויטן אַמבאַסאַדאָרס מיינונג, אונטערקומען דער מאָמענט—וועט מען דעם דעסאַנט אַרויסזעצן. געמאַכֿט וועט דאָס ווערן אויף דעם אופֿן: אונזער אַמבאַסאַדאָר וועט דעפּעשירן קיין לאָנדאָן צו אונזער פֿינאַנציעלן אַגענט טאַטישטשעוון, און אין דערדאָזיקער דעפּעש וועט ער אים באַפֿולמעכֿטיקן צו קויפֿן אַזאַ און אַזאַ סכום ברויט. טאַטישטשעוון, ווידער, האָט באַצייטנס געדאַרפֿט געגעבֿן ווערן אַ פֿאַראָרדנונג, וואָס איז אויך גלייך געמאַכֿט געוואָרן, אַז ווי נאָר ער וועט באַקומען די דעפּעש, זאָל ער זי תּיכּף ומיד איבערשיקן צום פֿאַרוואַלטער פֿון מלוכה־באַנק פּלעסקע. פּלעסקע, ווידער, האָט געדאַרפֿט איבערגעבֿן דידאָזיקע דעפּעש די פֿלאָט־ און קריגס־מיניסטאָרן.

פֿול מיט האָפֿנונגען, דורכֿצופֿירן זיין אידייע, איז געלידאָוו אָפּגעפֿאָרן קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. דער סיגנאַל זיינער, אַז מען קאָן שוין אַרויסשיקן דעם דעסאַנט, האָט אויסגעזען צו זיין אַזוי נאָענט, אַז איך האָבֿ פֿאַראָרדנט, אַז ביי פּלעסקען זאָל זיך ביינאַכֿט תּמיד געפֿינען אַ באַאַמטער, וועלכֿער וועט, באַלד ווי ער וועט נאָר באַקומען די טעלעגראַמע וועגן איינקויפֿן ברויט, געבֿן צו וויסן פּלעסקען און אַזויאַרום זאָל מען

נישט דאַרפן פאַרהאַלטן קיין איבעריקע מינוט דאָס אַרויסשיקן פון אָדעס קיין סעוואַסטאָפּאָל די שיפן מיטן מיליטער.

דער פאַ־וואַלטער פון אויסערנמיניסטעריום שישקין האָט צונויפגעשטעלט דעם פּראָטאָקאָל פון דער זיצונג. לויט דעם־דאָזיקן פּראָטאָקאָל איז אויסגעקומען, אַז אַלע האָבן זיך אויף דער באַראַטונג געהאַלטן ביי איין מיינונג און די אויספירונגען זיינען געמאַכט געוואָרן איינשטימיק.

באַקענענדיק זיך מיטן פּראָטאָקאָל, האָב איך אָנגעשריבן שישקינען אַ בריוו, אַז איך קאָן דעם פּראָטאָקאָל בשום אופן נישט אונטערשרייבן, ווייל לויט מיין מיינונג ווערן דאָרטן פאָרגעלייגט אָנצונעמען אַזעלכע מיטלען, וועלכע וועלן דערפירן רוסלאַנד צו גרויסע אומגליקן. און דעריבער בעט איך אים, ער זאָל זיך ווענדן אין מיין נאָמען צום קיסר נאָך אַ דערלויבעניש,—אָדער אַריינצושטעלן אין פּראָטאָקאָל מיין באַזונדערע מיינונג, אָדער, לכל הפחות, געבן מיר די מעגלעכקייט אין קורצן אָנצעווייזן די מיינונגען און אויספירונגען, מיט וועלכע איך בין נישט מסכים, ווייל איך וויל נישט נעמען פאַר דער געשיכטע די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דערדאָזיקער אונטערנעמונג.

שישקין האָט זיך געפונען אין אַ נישט־באַקוועמער לאַגע, דאָך האָט ער מיטגעטיילט דעם קיסר וועגן מיין בריוו. דער קיסר האָט דערלויבט צו ענדערן דעם פּראָטאָקאָל און אָנצושרייבן, אַז איך בין מיט דעם אַלעם נישט מסכים.

אין זשורנאַל איז דאָס אַרויסגעזאָגט געוואָרן אין אַזאַ פאָרם: „לויט דער מיינונג פונם מלוכה־סעקרעטאַר וויטע איז דאָס פאַרנעמען פונם איבערשטן באָספאָר אָן דעם הסכם פון די גרויסע מלוכות, איז ביי דער היינטיקער צייט און ביי די היינטיקע באַדינגונגען זייער ריזיקאַליש און דאָס קאָן האָבן שלעכטע פאָלגן פאַר רוסלאַנד".

דער פּראָטאָקאָל איז אין דער פאָרם באַשטעטיקט געוואָרן דורכן קיסר—דעם 27-טן נאָוועמבער 1896. צו דעם פּראָטאָקאָל

האָט נאָך דער קיסר צוגעגעבן זיינע אַ באַמערקונג, אין וועל־כער ער פאַראייניקט זיך פולקום צו דער מיינונג פון דער מערהייט.

איך האָב אָבער געוואוסט, אַז דער ענין מוז זיך ענדיקן מיט גרויסע אומגליקן פאַר רוסלאַנד, און איך האָב דעריבער געמוזט איבערשמועסן וועגן דעם מיט צוויי מענטשן, וועלכע זענען געשטאַנען זייער נאָנט צום קיסר און וואָס צו זייער וואָרט האָט דער קיסר זיך תמיד צוגעהערט. דאָס זיינען געווען: זיין פעטער גרויספירשט וולאַדימיר אַלעקסאַנדראָוויטש און דער אָבער־פּראָקוראָר פון הייליקן סינאָד, דעם קיסרס געוועזענער לערער קאָנסטאַנטין פעטראָוויטש פּאָבעדאָנאָסצעוו. מיר פאַר־זענלעך האָבן זיי לכתחילה אויף אַלע מיינע רייד גאָרנישט געענטפערט.

אָבער ווען פּאָבעדאָנאָסצעוו האָט איבערגעלייענט די קאָפּיע פון פּראָטאָקאָל, וואָס איך האָב אים צוגעשיקט און ער האָט זיך באַקענט מיט מיין סעפּאַראַטער מיינונג, האָט ער מיר דעם 28־טן נאָוועמבער אָנגעשריבן: „איך איל אייך אומצוקערן דאָס, וואָס איר האָט מיר צוגעשיקט און באַדאַנקען אייך פאַר דעם. זאָל אונז גאָט מוחל זיין!“

סוף כל סוף אָבער ווייס איך נישט, וויאַזוי דאָס איז געשען. זאָל דאָס זיין אַ גאָט־זאַך, אָדער אונטער דער השפעה פון דידאָזיקע מענטשן,—נאָר דער קיסר האָט געענדערט זיין מיינונג. נעלידאָוו האָט נאָך קוים באַוויזן אַריינצופאָרן קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, ווי ער האָט שוין באַקומען אַ פאַראָרדנונג נישט דורכצופירן זיין פּלאַן.

אָבער עטלעכע טעג צייט נאָך דער זיצונג איז דער קיסר, קענטיק, נישט געווען צופרידן מיט מיר. אומגעפער דעם 27־טן אָדער 28־טן נאָוועמבער איז אין פּאַלאַץ פון צאַרסקאָיע סעלאָ פאָרגעקומען די זיצונג פון סיבירער קאָמיטעט. אויף דער זיצונג האָט מען באַטראַכט דעם פּראָיעקט פון דער קאָנצעסיע, וואָס די כינעזישע רעגירונג האָט צוגעשיקט, אויף צו בויען די אייזנ־

באַן, ווען וועלכער מיר האָבן אָפּגעמאַכט מיט לי-כון-טשאַנען.

ווען איך האָב דעם קיסר פאָרגעשטעלט דעם פּראָיעקט, האָט ער געזאָגט עטלעכע וואַרעמע ווערטער וועגן לאָבאַנאָוו-ראָסטאָווסקיס טויט.

איך האָב זייער מיטגעפילט דידאָזיקע ווערטער. נישט בלויז דערפאַר, ווייל דער קיסר האָט זיי געזאָגט, נאָר אויך דערפאַר, ווייל איך האָב אַליין אויך שטאַרק באַדויערט זיין טויט. ווייל פאַר זיין לעבן וואָלט דערדאָזיקער נעלידאָוו נישט דערלויבט זיך צו דערלאַנגען אַזעלכע מעמאָראַנדומס, מיט וועלכע מיר האָבן לעצטנס געהאַט צו טאָן.

נאָר ריידנדיק וועגן פירשט לאָבאַנאָוו-ראָסטאָווסקי, האָט דער קיסר אים צוגעשריבן דעם גאַנצן פאַרדינסט פון דערדאָזיקער קאָנצעסיע. ער האָט דאָס געמאַכט אין אַזאַ פאָרם, אַז פאַר אַלע אָנוועזנדיקע, וועלכע האָבן געוואוסט, אַז די גאַנצע זאַך האָב איך דורכגעפירט, איז געווען קלאָר, אַז דער קיסר איז מיט מיר שטאַרק נישט צופרידן.

ווי ס'ווייזט אויס, איז דעם קיסר שטאַרק נישט געפעלן געוואָרן די שאַרפקייט, מיט וועלכער איך בין אַרויסגעטראָטן. אין-דעם זין פיל איך זיך אפילו שולדיק, נאָר צום באַדויערן, קאָן איך זיך נישט איבערמאַכן. איך בין אַלעמאָל אַזאַ געווען און אַזאַ בין איך אויך פאַרבליבן עד-היום. אויפן געביט פון פינאַנסן איז דער קיסר פונדעסטוועגן פריער אין אַלע פראַגן יאָ מסכים געווען מיט מיר.

די גאַנצע מעשה מיטן פאַרכאַפּן דעם באָספּאָר האָט זיך אָפּגעשפּילט סוף יאָר 1896.

אין דעמזעלבן יאָר 1896, אין דעצעמבער, זיינען פאָרגעקומען דידאָזיקע וויכטיקע געשעענישן: דעם 6-טן דעצעמבער איז באַפרייט געוואָרן פון זיין פּאָסטן דער הויפּטאָנפירער אויף קאַווקאַז, דער קאַוואַלעריע-גענעראַל שערעמעטיעוו. ער איז באַפרייט געוואָרן לויט זיין אייגענער בקשה און די סיבה איז געווען זיין קראַנקהייט.

שערעמעטיעוו איז אַליין געווען אַ קאַווקאַזער, ער האָט דעם קאַנט זייער גוט געקענט און מען האָט אים דאָרטן זייער ליב געהאַט. שערעמעטיעוו איז געווען זייער אַ ליבער, קולטו־רעלער, אָבער זייער אַ שוואַכער — אַ מענטש אָן אַ שום טעמפּע־ראַמענט. מען האָט אים ליב געהאַט אויף קאַווקאַז, פּונקט ווי עס האָבן אים בכלל ליב געהאַט אַלע, וואָס האָבן אים נאָר געקענט.

אויף שערעמעטיעווס אָרט איז דעם 12־טן דעצעמבער באַשטימט געוואָרן פירשט גריגאָרי גאָליצין, אַ מיטגליד פון מלוכה־ראַט. דערזעלבער גאָליצין, וועלכן מען האָט אין דער געזעלשאַפט גערופן „גרי־גרי". דאָס איז זיך געווען אַ גאַנץ אָנשטענדיקער מענטש, אַן ערלעכער, אַ דערצויגענער, אָבער מיט אַ „פּגימהלע". און אָט דאָס „פּגימהלע", וואָס עס האָבן פאַרמאָגט אַ סך רוסישע טוער פון אַ באַשטימטער קאַטעגאָריע, און וואָס באַזונדערס בולט פלעגט זיך עס אַרויסווייזן ביי די עקסט־רעכטע און נאַציאָנאַליסטן, איז נאָך ביי אים אַ ביסל צו־געפעפערט געווען, ווייל ער האָט געהאַט אַ פּוילישע מוטער. און אַזוי ווי די מוטער איז אַליין געווען זיין דערציערין, האָט עס אין אַ געוויסן זין געווירקט אויך אויף זיין כאַראַקטער. אין אים האָט זיך צוזאַמענגעלעבט ווילדקייט מיט ווייכקייט. ער האָט פאַרשטאַנען, ווי מען זאָגט, „ווייך אויסצובעטן", וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר אַ פּאָליאַק. אויסערדעם, איז ער נאָך פאַר אַ מלוכה־טוער געווען זייער אַ באַגרענצטער מענטש, הגם ער איז געווען אַ גאַנץ געבילדעטער.

די צווייפּנימדיקייט פון זיין כאַראַקטער האָט מיטגעבראַכט דערצו, אַז ער פלעגט זיך נישט קאָנען אויסגעפינען קיין גוטע פריינט. נישט אין דער געזעלשאַפט און נישט צווישן סתם מענטשן, וואָס האַנדלען פשוט אַזוי ווי זיי טראַכטן — אָן שום פּאָליטישע קונצן.

איך געדיינק דעם פירשט גאָליצין, ווען איך בין נאָך געווען אַ יינגל. ער האָט דעמאָלט נישט ווייט פון טיפליס (אין ביעלי־קליוטש) אָנגעפירט מיט אַ גרוזינער פּאָלק.

הגם פירשט גאָליצין איז געווען אַ גאַנץ קאָרעקטער פאָלק־קאָמאַנדיר, איז ער דאָך לאַנג אויף קאַווקאַז נישט פאַרבליבן. ער האָט נישט געוואונען די סימפּאַטיעס פון די קאַווקאַזער. ער איז געווען צופיל געקינצלט, צו דיפּלאָמאַטיש אין אַלע זיינע מיינונגען און מעשים, כדי ער זאָל קאָנען אויסנעמען ביי דער פשוטער קאַווקאַזער געזעלשאַפט און לאָזן נאָך זיך אַ גוטן שם.

מיר שיינט, אַז בלויז צו באַפרייען קאַווקאַז פון גאָלי־צינען, האָט מען אים דעמאָלט געגעבן די שטעלע פון אַ קאָ־מאַנדיר איבער אַ פינלענדישן פאָלק אין פעטערבורג. זיין גאַנצע שפּעטערדיקע קאַריערע האָט ער שוין געמאַכט אין פעטערבורג. די לעצטע שטעלע, וואָס ער האָט פאַרנומען, איז געווען דער פּאָסטן פון אַן אַטאַמאַן אין אָרענבורגער קאָזאַקן־ראַיאָן. פון דאָרטן איז ער געוואָרן מיטגליד אין מיליטער־ראַט און שפּעטער אין מלוכה־ראַט. איך ווייס נישט פאַרוואָס, נאָר אים האָט שטאַרק פּראָטעזשירט דער גרויספירשט מיכאַיל ניקאָלאַיעוויטש. זיין גאַנצע קאַריערע האָט גאָליצין געמאַכט מיט דער הילף פונם גרויספירשט. און אויך דאָסמאָל, בשעת עס האָט זיך גע־האַנדלט וועגן דעם, וועמען מען האָט צו שיקן קיין קאַווקאַז, האָט דער גרויספירשט אונטערגעהאַלטן זיין קאַנדידאַטור. גראָד אין דער פראַגע האָט די מיינונג פונם גרויספירשט געשפּילט אַ גרויסע ראָליע, ווייל מיכאַיל ניקאָלאַיעוויטש איז אַליין געווען אַ לייַנגערע צייט פאַרטרעטער אויף קאַווקאַז. און פירשט גאָלי־צין האָט באַקומען דעם פּאָסטן.

ווי איך האָב שוין פריער דערציילט, האָט צום ערשטן מאָל גאָליצין נישט אויסגענומען ביי די קאַווקאַזער. דאָסמאָל, ווי מיר וועלן שפּעטער זען, איז אָבער געווען נאָך ערגער. אַזוי ווי ער האָט בכלל געהאַט אַ שטיקל חוש, האָט ער דער־פילט, אַז דער קיסר האָט סימפּאַטיעס פאַר אַ נאַציאָנאַלער פּאָ־ליטיק. ער האָט אָבער נישט פאַרשטאַנען, אַז עס האַנדלט זיך וועגן נאַציאָנאַליזם אין בעסערן זין פון וואָרט, אָן וועלכן עס האַלטן זיך אַלע פשוטע רוסן, נישט די „עכט־רוסישע לייט“.

ער האָט געמיינט, אַז עס גייט בלויז וועגן די נאַציאָנאַלע שטרעבונגען, וועלכע טראָגן מער אָדער ווייניקער אַ פּיזיאָלאָגישן כאַראַקטער. מיט דידאָזיקע שטרעבונגען זיינען דעמאָלט זייער אָנגעשטעקט געווען די אַזוי גערופענע „נאַציאָנאַליסטן" פון סטאָליפּינס שניט.

און פירשט גאָליצין האָט זיך גענומען באַלעבאַטעווען אויף קאַווקאַז מיט אַזוינע מעטאָדעס און מיטלען, וועלכע זיינען ביז דער צייט דאָרטן קיינמאָל נישט פּראַקטיקירט געווען. און עס איז גאַנץ נאַטירלעך, אַז די אָרטיקע באַפעלקערונג איז אויפגעבראַכט געוואָרן אויף רוסלאַנד. עס האָבן זיך ווידער גענומען אַנטוויקלען די סעפּאַראַטע שטרעמונגען, וועלכע האָבן אין די יאָרן 1904, 1905, 1906 זייער פיל אָנהייגער געהאַט צווישן די קאַווקאַזער.

דערין איז באַשטאַנען די גאַנצע טעטיקייט פונם פירשט גאָליצין אויף קאַווקאַז. אויסערדעם, וואָס ער האָט אויפגעהויבן קעגן זיך, און אומדירעקט אויך קעגן דער רוסישער רעגירונג, גאַנץ קאַווקאַז, האָט ער מער גאָרנישט באַוויזן צו מאַכן. סוף-כל-סוף האָט מען געמאַכט אויף אים אַן אַטענטאַט, ער איז פאַרוואונדעט געוואָרן און האָט פאַרלאָזן קאַווקאַז. אָבער דאָס איז געשען אין עטלעכע יאָר אַרום, נאָכדעם ווי ער האָט שוין באַוויזן צו פאַרדאַרבן דעם גייסט פון דער פריערדיקער מלוכה-אַרבעט אויף קאַווקאַז.

אַלע זיינע פאָרגייער, אָנגעהויבן פונם פירשט וואָראָנצאָוו, דעם שטעלפאַרטרעטער אויף קאַווקאַז, וואָס איז נאָך באַשטימט געוואָרן פאַר ניקאָלאַי [1], האָבן זיך אַלע געהאַלטן ביים פּרינציפּ פון גלייכבאַרעכטיקונג. אַלע פעלקער, סיי פון פּראַוואָסלאַוונעם גלויבן, סיי די, וועלכע האָבן זיך פרייוויליק אונטערגעוואָרפן רוסלאַנדס ממשלה, זיינען געווען פולקום גלייכבאַרעכטיקט. דערפאַר איז קאַווקאַז אויסגעקעמפט געוואָרן ווי מיטן רוסישן געווער, אַזוי אויך מיטן געווער פון די קאַווקאַזער פעלקער. אין משך פון דער זעכציק-יעריקער מלחמה האָבן זיי אַרויסגעגעבן אַ גאַנצע ריי העלדן. אַזעלכע נעמען, ווי די

[1] זכרונות.

פירשטן אָרבעליאַני, די פירשטן בעבוטאָוו, פ. טשעוטשעוואַדזע, פ. אַרגוטינער, אַמעלאַכוואַרי און נאָך אַ סך אַנדערע. צענדליקערוויז קאָן מען זיי אָנציילן און זיי האָבן גרויסע פאַרדינסטן פאַר קאַווקאַז. דעריבער פלעגן זיך אַלע פירער באַציען מיט אַכטונג צו זיי און נישט אָנרירן זייערע רעכט.

פירשט גאָליצין איז געווען דער ערשטער, וועלכער האָט אָנגעהויבן אָנצופירן מיט קאַווקאַז, אַרויסגייענדיק פון שמאָל נאַציאָנאַליסטישן שטאַנדפונקט. וואָלט אַמווייניקסטן דער פירשט גאָליצין געהאַט אַנדערע מעלות, וואָלט ער זיך אויסגעצייכנט מיט טאַלענט, פעסטקייט, מיליטערישער געניטקייט, וואָלט עס כאָטש געדעקט זיין פאַלשע פּאָליטיק. אָט האָט, למשל, גענעראַל גורקאָ אין פוילן אויך געפירט אַן עכט-רוסישע פּאָליטיק, פונדעסטוועגן האָבן אים די פּאָליאַקן זייער געשעצט. פירשט גאָליצין האָט אָבער גאָרנישט געהאַט אין זיין אַקטיוו. ער איז בלויז געווען אַ שוואַרצער ראָב אויף קאַווקאַז, וועלכן קיינער האָט נישט ליב געהאַט, אפילו די רוסן אויך נישט.

אויב איך זאָג זיך אַרויס אפשר צו-שלעכט וועגן גאָליצינען, איז עס דערפאַר, ווייל איך בין אַליין אַ קאַווקאַזער. איך בין דאָרטן געבאָרן געוואָרן און מיר איז טייער דידאָזיקע געגנט. איך געדיינק אַלע קאַווקאַזער טראַדיציעס און צוליב דעם קאָן איך זיך נישט באַציען גלייכגילטיק צו דעם, וואָס גאָליצין האָט געטאָן אויף קאַווקאַז, פונקט ווי עס קאָנען נישט זיין גלייכגילטיק דערצו אַלע קאַווקאַזער, צו וואָסער נאַציאָנאַליטעט זיי זאָלן נישט געהערן.

סוף יאָר 1896 איז דער וואַרשעווער גענעראַל-גובערנאַטאָר, גראַף שובאַלאָוו, פּאַראַליזירט געוואָרן און ער האָט געמוזט פאַרלאָזן זיין פּאָסטן.

נאָכן גענעראַל-פעלדמארשאל גורקאָ, איז ער אַ קורצע צייט געווען אין קרוינפוילן. ער האָט זיך דאָרט נישט אויסגעצייכנט נישט מיט גוטס און נישט מיט שלעכטס. אָבער בכלל, אלס מענטש, איז ער זייער באַליבט געווען. הויפטזעכלעך צוויש[1]

ס. י. וויטע.

די אָפּיצירן, מיט וועלכע ער האָט ליב געהאַט פריילעך צו פאַרברענגען די צייט.

אויך זיין אָרט איז באַשטימט געוואָרן פירשט אימערע-טינסקי — אַ זעלטענער, ליבער מענטש.

ווען אויפן אָרט פון גרויספירשט ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש איז געווען הויפּטקאָמאַנדיר אין טערקיי דער גראַף טאָטלעבען, איז פירשט אימערעטינסקי געווען דער פּאַרוואַלטער פון זיין שטאַב. דאָס איז געווען אין די צייטן, ווען מען האָט איינגענו-מען פּלעוונע. אימערעטינסקי איז בכלל זייער אַ גוטער מיליטע-רישער לייטער.

איך האָב זיך דערנענטערט מיט אימערעטינסקין, זייענדיק אַ פינאַנצמיניסיטער. ער איז אין מלוכה-ראַט געווען אין דעם עקאָנאָמיע-דעפּאַרטאַמענט, אַזוי אַז מיר איז אויסגעקומען זיך מיט אים זייער אָפט צו טרעפן.

איך בין געווען זייער צופרידן, ווען איך האָב זיך דער-וואוסט, אַז ער איז באַשטימט געוואָרן. לויט מיין מיינונג, האָט זיך אים פאַר דער צייט פון זיין פאַרוואַלטונג איינגעגעבן איינ-צושטעלן גאַנץ נאָרמאַלע באַציאונגען אין דער מדינה פּוילן. מען האָט געקאָנט האָפן, אַז עס וועט זיך איינשטעלן אַ קעגנ-זייטיקער צוטרוי און איינשטימיקייט צווישן די רוסן און די מער פאַרשטענדיקע פּאָליאַקן. ער איז אַלנפאַלס געגאַנגען מיט דעם וועג, הגם מען האָט אים פון פּעטערבורג געשטערט דערין.

די פרוי פונם פירשט אימערעטינסקי איז געווען גרעפין מאָרדווין, זייער אַ וואוילע און רייכע פרוי, וועלכע האָט אים שטאַרק ליב געהאַט.

אַזוי ווי די גרעפין מאָרדווין איז געווען זייער אַ רייכע, האָט פירשט אימערעטינסקי געפירט זייער אַ ברייט לעבן.

פירשט אימערעטינסקי האָט אָבער געהאַט איין ערנסטן חסרון, — דאָס איז געווען זיין שוואַכקייט צום פרויען-מין. דער-דאָזיקער פעלער איז אויך געווען די סיבה פון זיין פּלוצלונגן

טויט, וועלכן עס האָבן באַווײַנט צוזאַמען מיט זײַן פרוי אַ סך גוטע פרײַנט.
אין איין און דערזעלבער צײַט, ווען אויף קאַווקאַז איז באַשטימט געוואָרן אַ פּערזאָן, וועלכע האָט דאָרט געפירט די אַזוי־גערופענע אולטראַ־נאַציאָנאַלע פּאָליטיק, וואָס לויט מײַן מיי־נונג איז זי אַמבעסטן אָנצורופן „די נאַציאָנאַלע פּאָליטיק פון גאָסטשיני ריאַד", איז אין פּוילן געשיקט געוואָרן אַ מענטש, וואָס האָט געהאַט אויף זײַן פּאָן דעם לאָזונג פון אַ קולטורע־לער און שלום־פּאָליטיק.

אין דערזעלבער צײַט איז באַפרײַט געוואָרן פון זײַן פּאָסטן דער פינלענדישער גענעראַל־גובערנאַטאָר, גראַף היידען. ער איז געווען זייער אַן אָנשטענדיקער מענטש (ער איז פריער געווען פירער פון הויפּט־שטאַב ביים גראַף מיליוטין). הגם גראַף היידען האָט אויך אין פינלאַנד געפירט אַ רוסישע פּאָליטיק, דאָך האָט ער עס געפירט מיט גרויס טאַקט, נישט אָנרירנדיק די פינלענדישע קאָנסטיטוציע, אָדער לכל הפחות די פּאַרוואַל־טונגס־פאָרמען, וועלכע זײַנען סאַנקציאָנירט געוואָרן פון אונזערע קיסרים.
גראַף היידען איז באַפרײַט געוואָרן טיילווײַז צוליב זײַן שוואַכן געזונט, אָבער הויפּטזעכלעך צוליב דעם, וואָס אין פּע־טערבורג האָבן זיך אָנגעהויבן אַרויסצעווייזן די טענדענצן צו רוסיפיצירן פינלאַנד. און דאָס האָט געזאָלט געמאַכט ווערן מיט אַזעלכע מיטלען, וועלכע האָבן לויט דער מיינונג פון גראַף היידען נישט געפּאַסט—נישט פאַר דער זאַך גופא און נישט פאַר דעם כבוד פון דער רוסישער מלוכה.

## קאַפּיטל V.

# קיסר פראַנץ-יאָזעף, ווילהעלם און דער פּרעזידענט פון דער פראַנצויזישער רעפּובליק פעליקס פאָר באַזוכן פעטערבורג אין יאָר 1897.

דעם 15-טן אַפּריל איז קיין פּעטערבורג געקומען צופאָרן דער עסטרייכישער קיסר פראַנץ-יאָזעף. אויפגענומען געוואָרן איז ער אין ווינטער-פּאַלאַץ. אונזער יונגער קיסר האָט זיך צום זקן באַצויגן מיט דעם גרעסטן רעספּעקט און דאָס האָט אויף אַלע-מען געמאַכט זייער אַ גוטן איינדרוק.

דער קיסר פראַנץ-יאָזעף האָט פאַרבראַכט אין פּעטערבורג סך-הכל צוויי טעג און איז אָפּגעפאָרן צו זיך אַהיים. קיין שום וויכטיקס איז פאַר די פאָר טעג נישט פאָרגעקומען.

דעם 16-טן יולי איז קיין פּעטערהאָף געקומען דער דיי-טשער קיסר מיט דער קייזערין. זיי האָבן פאַרבראַכט ביזן 30-טן יולי. פון רוסלאַנד זיינען זיי אָפּגעפאָרן קיין אויסלאַנד.

נאָך פריער האָב איך געזען דעם קיסר ווילהעלם צוויי-מאָל — דעמאָלט איז ער נאָך נישט געווען דייטשער קיסר, נאָר אַ טראָנפאָלגער, אַ זון פון פרידריך און אַן אייניקל פון ווילהעלם דעם גרויסן. דאָס ערשטע מאָל האָב איך אים געזען אין עמס.

דער אַלטער קיסר איז געקומען צופאָרן אַהין אויף עטלעכע טעג און פאַרפאָרן איז ער אין קורהויז. לויט זיין געוויינהייט, פלעגט ער דאָ אויך אַרבעטן ביי אַ גרויסן פענסטער, פאַרן קורהויז-פלאַץ, כדי אַלע זאָלן אים קאָנען זען ביי דער אַרבעט. מיט אים צוזאַמען איז דעמאָלט געווען זיין אייניקל ווילהעלם. און אין דער צייט, ווען דער זיידע פלעגט אַרבעטן, פלעגט דער אייניקל שטיין הינטער זיין שטול און מיט גרויס יראת הכבוד דערפילן אַזעלכע מיני פליכטן, ווי עפענען און פאַר־קלעפן די פאַקעטן, דערלאַנגען בלייפעדערס, פעדערס א. אַז. וו.

אַ צווייטן מאָל איז מיר אים אויסגעקומען צו זען, ווען דער קיסר אַלעקסאַנדער III האָט אָנטיילגענומען אין די מאַנעווערעס אין דער בריסקער געגנט. מיר זיינען געשטאַנען מיטן קייזער־לעכן צוג אויף איינער פון די קליינע סטאַציעס אויפן וועג פון בריסק קיין ביאַליסטאָק. נישט ווייט פון דאָרטן, אין אַ פריצישן פאַלאַץ האָט געוואוינט דער קיסר. איך בין דעמאָלט געווען פאַרוואַלטער פון דער אייזנבאַן. איינמאָל קומט צו מיר צופאָרן דער גענעראַל-גובערנאַטאָר טשערעווין און פרעגט מיך, וויפיל צייט דאַרף מען האָבן, צו ברייגען פון פעטערבורג אַ פריסישן מונדיר פאַרן קיסר.

איך האָב געזאָגט, אַז דאָס דאַרף דויערן אַכטאונפערציק שעה.

נאָכדעם האָב איך באַקומען אַ פאַראָרדנונג צוצושטעלן דעם מונדיר.

אין צוויי טעג אַרום איז דעם קיסרס צוג אָפגעפאָרן קיין בריסק. ווען מען האָט אָפגענומען ביי מיר דעם מונדיר, האָט מיר טשערעווין דערציילט, אַז דער קיסר ווילהעלם האָט געבעטן ביי אונזער קיסר אַ דערלויבניש, צוצושיקן אים זיין אייניקל מיט אַ באַגריסונג. אונזער צוג איז געקומען אויף דער סטאַציע מיט אַ פאָר מינוט פריער, איידער ווילהעלם איז געקומען צו־פאָרן. ווען ווילהעלמס צוג איז אונטערגעקומען, האָט דער קיסר אַראָפגענומען זיין מאַנטל און האָט אים איבערגעגעבן אַ קאָזאַק פון דער וואַך. ווילהעלם איז אַרויס פון צוג, דער קיסר האָט

זיך מיט אים באַגריסט, און האָט אים פאָרגעשטעלט זיין ערן־וואַך אין די סוויטע. ווילהעלם האָט זיך געהאַלטן מיט גרויס הכנעה, אַזוי ווי ער וואָלט געווען דעם קיסרס אַ פליגל־אַדיו־טאַנט. ווען די צערעמאָניע האָט זיך געענדיקט, האָט זיך דער קיסר אומגעקערט צום קאָזאַק, וואָס האָט געהאַלטן זיין מאַנטל און הויך אַ זאָג געטאָן: „גיב דעם מאַנטל.” אין דער אייגענער מינוט האָט זיך ווילהעלם אַ לאָז געטאָן צום קאָזאַק, האָט אַרויסגעכאַפּט פון זיינע הענט דעם מאַנטל און האָט אים אַרויפגעוואָרפן אויפן קיסרס אַקסלען...

צו יענער צייט האָבן מיך אַזעלכע זאַכן זייער געחדושט. ביי אונז האָט זיך נישט פּראַקטיקירט אַזאַ באַציאונג צום קיסר, נישט נאָר מצד מיטגלידער פון דער קייזערלעכער פאַמיליע, נאָר אפילו די סוויטע האָט אויך נישט געוואוסט פון אַזעלכע זאַכן. שפּעטער אָבער, ווען איך האָב זיך נעענטער באַקענט מיטן כאַראַקטער פון קינפטיקן קיסר, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז אַזאַ האַנדלונג איז ביי אים נישט בלויז אַן אויסדרוק פון אויסערלעכער העפלעכקייט, נאָר אויך אַן אויסדרוק פון זיינע איבערציינוגען. ער איז בטבע אַ הערשער און האַלט אַ קיסר פאַר אַן אויבערמענטש. איצט טרעפט גאַנץ אָפט, אַז ווען זיין ברודער הענריך זעגנט זיך מיט אים, קושט ער אים אין האַנט. ווילהעלם שעמט זיך נישט דערמיט. ווען מען קושט אים די האַנט, נעמט ער דאָס אָן ווי אַ נאַטירלעכע זאַך. איך, פון מיין זייט, האַלט, אַז עס וואָלט גאָרנישט געשאַדט, אַז אין אונזער קייזערלעכן הויף זאָלן אויך איינגעפירט ווערן אַזעלכע מנהגים. עס וואָלט געווען אַ ביסל וויכטיקער צעלאָזנקייט...

דער וויזיט פון קיסר ווילהעלם האָט שוין געהאַט אַ וויכטיקערע באַדייטונג. אין משך פון דער צייט, וואָס ער האָט פאַרבראַכט, זיינען פאָרגעקומען מאַנכע זאַכן, וועלכע האָבן שטאַרק געווירקט אויף די קינפטיקע געשעענישן.

פאַרפאָרן איז דער דייטשער קיסר קיין פּעטערהאָף אין גרויסן פּאַלאַץ. דאָרטן האָט ער געוואוינט די גאַנצע צייט.

איינמאָל איז ער נאָר געווען אין פעטערבורג צו פרישטיק ביים דייטשן אַמבאַסאַדאָר, פירשט ראַדאָלין. נאָכן פרישטיק האָט זיך דער קיסר באַוויזן אין די אַלגעמיינע זאַלן און דערנאָך איז ער אַריין צום אַמבאַסאַדאָר אין קאַבינעט. דאָרטן האָבן מיר ביידע געשמועסט, אָבער וועגן דעם שפּעטער.

לויט דעם אָנגענומענעם מנהג איז לכבוד דעם דייטשן קיסר איינגעאָרדנט געוואָרן אַן אָפיציעלער מיטאָג. נאָך פאַרן מיטאָג, באַלד ווי איך בין געקומען קיין פעטערהאָף, איז צו מיר צוגעגאַנגען איינער, געשיקט פון דייטשן קיסר, און האָט געזאָגט, אַז דער קיסר וואָלט געוואָלט זיך מיט מיר באַקענען נאָך פאַרן מיטאָג, און ער בעט מיך קומען צו אים אין די אַפּאַרטאַמענטן.

ווען איך בין אַריין צום קיסר ווילהעלם, איז ער נאָך נישט געווען אינגאַנצן אָנגעטאָן. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, ווען מיר איז אויסגעקומען מיט אים צו ריידן. ווען איך בין אַריין, האָט מיר דער דייטשער קיסר געזאָגט, אַז אַזוי ווי ער ווייס, וואָס פאַר אַ קלוגער און פעאיקער מלוכה-מאַן איך בין, צייכנט ער מיך אויס פון אַלע אַנדערע און שיינקט מיר דעם העכסטן אָרדען פון שוואַרצן אָדלער.

דעם אָרדען האָט ער מיר גלייך דערלאַנגט און דערצו נאָך צוגעגעבן, אַז דאָס ערשטע מאָל באַקומט דעמדאָזיקן אָרדען אַ פינאַנצמיניסטער. ביז אַהער פלעגט ער געגעבן ווערן אָדער פערזאָנען פון קעניגלעכער אָפּשטאַמונג, אָדער מיניסטאָרן פון אויסערן.

איך בין, פאַרשטייט זיך, זייער גערירט געווען, וואָס מען האָט מיר אָפּגעגעבן אַזאַ מין גרויסן כבוד.

דערנאָך זיינען אין פעטערהאָף געווען מיליטערישע פּאַראַדן אין וועלכע איך האָב, פאַרשטייט זיך, קיין שום אָנטייל נישט גענומען.

ווען דער דייטשער קיסר איז געווען אין פעטערבורג, האָט מיך דער פירשט ראַדאָלין געבעטן קומען אין אַזאַ און

אַזאַ שעה, ווייל דער דייטשער קיסר וויל זיך מיט מיר דורכ־ריידן.

נאָכן פרישטיק, צו וועלכן עס איז איינגעלאַדן געווען אַן איינגער קרייז מענטשן, איז דער קיסר אַרויס אין גאַסטצימער. דאָרטן האָבן, ווי עס פירט זיך, געוואַרט אויף אים אַלע באַאַמ־טע פון דייטשן באָטשאַפט. אַהין זיינען אויך געקומען אַלע רו־סישע באַאַמטע, וואָס האָבן זיך געפונען אין רשות פון דייטשן קיסר. אויב איך האָב קיין טעות נישט, זיינען דאָס געווען: אַ גענעראַל פון דער סוויטע, אַ גענעראַל־אַדיוטאַנט, אַ פליגל־אַדיו־טאַנט א. אַז. וו.

מיך האָט דעמאָלט זייער געחדושט די האַלטונג פונם קיסר ווילהעלם. ער איז נישט אַריינגעגאַנגען, ווי עס פּאַסט פאַר אַ קיסר, נאָר האָט זיך אַריינגעוואָרפן מעשה פערט*), מאַכנדיק משונהדיקע שטיק מיט די הענט און פיס. ווי עס ווייזט אויס, האָט ער עס געטאָן דערפאַר, ווייל ער האָט זיך געפילט אין אַן אינטימען קרייז.

נאָכדעם, ווי איך האָב שוין פריער דערמאָנט, איז דער דייטשער קיסר אַריינגעגאַנגען מיט מיר אין אַמבאַסאַדאָרס קאַ־בינעט און ווען מיר זיינען געבליבן אַליין, האָט ער זיך גע־ווענדט צו מיר מיט אַזאַ מין דרשה: אַמעריקע, האָט ער גע־זאָגט, שטעלט מיט זיך פאַר אַ גרויסע קאָנקורענץ פאַר איירָאָפּע. הויפּטזעכלעך איז זי געפערלעך פאַר דער איירָאָפּייאישער ערד־אַרבעט. אַמעריקע ווערט רייך אויפן חשבון פון איירָאָפּע, און איירָאָפּע וואָלט געדאַרפט עפּעס טאָן וועגן דעם. ער מיינט, אַז מען וואָלט קעגן אַמעריקע געדאַרפט אָננעמען ספּעציעלע מיט־לען. ד. ה. אייגנטלעך נישט אַזוי קעגן אַמעריקע, ווי די פראַגע פון גרענעץ־אָפּצאָל. זי קאָן נישט צוגערעכנט ווערן צו די לענדער, וועלכע מען דאַרף אונטערשטיצן, ד. ה. נישט טראַקטירן זי ווי אַלע אַנדערע איירָאָפּייאישע לענדער, נאָר

*) [illegible]ט נאַטירליך, אָנגעבלאָזן, מיט אַ פּוסטער גאוה.

אויסאַרבעטן פאַר איר אַנדערע צאָל-געזעצן, כּדי זי זאָל נישט קאָנען פאַרפלייצן אייראָפּע מיט אירע פּראָדוקטן.

ווען זיין מאַיעסטעט האָט געענדיקט, האָב איך געמאַכט אַזאַ מין באַמערקונג: איך האָב געזאָגט, אַז איך וואָלט נישט געקאָנט צושטיין צו אַזאַ מין פאָרשלאַג. לויט מיין מיינונג וואָלט מען זיך געדאַרפט שטעלן אויף אַזאַ מין שטאַנדפּונקט בנוגע אַלע לענדער, וועלכע גייען נישט אַריין אין אייראָפּיי-אישן קאָנטינענט. אַנדערש געזאָגט, בנוגע אַלע לענדער, וואָס זיינען אָפּגעטיילט פון אייראָפּע דורך ימים, און בתוכם אויך איינגלאַנד; אָנגענומען אָבער אַזאַ מין מיטל אויסשליסלעך קעגן אַמעריקע, וואָלט איך געהאַלטן פאַר זייער נישט באַקוועם און אויך פאַר צוועקלאָז, ווייל אַלע איבעריקע אייראָפּייאישע לענ-דער וואָלטן מסתּמא זיכער אויף דעם נישט איינגעגאַנגען.

דער דייטשער קיסר האָט מיר דערקלערט, אַז ער קאָן נישט צורעכענען איינגלאַנד צו דידאָזיקע לענדער, ווייל ער שטרעבט צו זיין מיט די איינגלענדער אין די בעסטע באַציאונ-גען. אויסערדעם, פאַרפלייצט דאָך איינגלאַנד נישט אייראָפּע מיט אירע ערד-פּראָדוקטן אין דער צייט, ווען אַמעריקע וואַרפט די פּרייזן פון אַלע ערד-פּראָדוקטן אין אייראָפּע.

דערויף האָב איך זיין מאַיעסטעט באַמערקט, אַז ווי מיר שיינט, וועט זיך רוסלאַנד נישט קאָנען שטעלן אויף דעמדאָזיקן שטאַנדפּונקט שוין צוליב דעם אַליין, וואָס פון דער צייט פון דער באַפרייאונגס-מלחמה פון די צפון-אַמעריקאַנישע שטאַטן, געפינט זיך רוסלאַנד אין די בעסטע באַציאונגען מיט אַמעריקע און עס איז נישטאָ קיין שום גרונט פלוצלונג דידאָזיקע באַצי-אונגען צו ענדערן. אויסערדעם, האָב איך נאָך געזאָגט, אַז אין דער אַלגעמיין-פּאָליטישער פראַגע, האַלט איך מיך ביי דער איבערצייגונג, אַז די עקאָנאָמישע באַציאונגען געפינען זיך אין אַן איינגן צוזאַמענבונד מיט דער פּאָליטישער לאַגע, אַז סוף כּל סוף זיינען נישט מעגלעך קיין גוטע פּאָליטישע באַציאונגען מיט באַשטימטע לענדער, אויב די עקאָנאָמישע זיינען נישט אַזעלכע, און פאַרקערט, אַז אייגנטלעך איז אייראָפּע אין פאַר-

גלייך מיט אַנדערע לענדער אַ געבראָכענע זקנה, און אויב עס זאָל זיך ווייטער אַזוי ציען, וועט אייראָפּע אין עטלעכע דורות אַרום לגמרי אָפּגעשוואַכט ווערן און וועט אויפהערן צו שפּילן די ערשטע פידל אין דעם וועלט־קאָנצערט. און אין דערזעלבער צייט וועלן זיך די הינטער־ים־לענדער וואָס ווייטער אַלץ מער פאַרשטאַרקן, אַזוי, אַז אין עטלעכע דורות אַרום וועלן די איינוואוינער פון אונזער ערד־פּלאַנעט ריידן וועגן דער גרויסקייט פון אייראָפּע, ווי מיר איצט וועגן דער גרויסקייט פון רוים, גריכנלאַנד א. אַז. וו. און דערצו האָב איך נאָך צוגעגעבן, אַז לויט מיין מיינונג, איז גאַנץ נאָנט די צייט, ווען מען וועט זיך אָנהויבן באַציען צו אונז מיט אַכטונג, אָבער מיט יענעם אַכטונג, מיט וועלכער גוט דערצויגענע מענטשן באַציען זיך צו געוועזענע שיינהייטן, וועלכע זיינען שוין אָבער אַלט און באַוועגן קוים מיט די פיס.

דידאָזיקע ווערטער האָבן זייער פאַרחדושט זיין מאַיעסטעט און ער האָט מיר געשטעלט אַזאַ מין פראַגע:

—וואָס פאַרט, וואָלט מען, לויט אייער מיינונג, געדאַרפט טאָן, כדי דאָס אויסצומיידן?

דערויף האָב איך אים געענטפערט:

—שטעלט אייך פאָר, אייער מאַיעסטעט, אייראָפּע ווי איין גרויסע מלוכה: אַ לאַנד, וואָס פאַרלירט נישט קיין קאַלאָסאַלע געלטער, בלוט און אַרבעט בלויז דערויף זיך אויסצופיינען לגבי אַנדערע לענדער, האַלט נישט אויס קיין מיליאָנען־אַרמייען אויף צו פירן מלחמות, איז שוין נישט מער קיין מיליטער־לאַגער, ווי דאָס איז היינט צו טאָג אייראָפּע, ווייל יעדעס לאַנד האָט מורא פאַר איר שכן; צי וואָלט דעמאָלט אייראָפּע נישט געווען אַ סך רייכער, שטאַרקער און קולטורעלער? זי וואָלט דעמאָלט באמת געווען די הערשערין פון דער גאַנצער וועלט. און נישט געדאַרפט, ווי דאָס איז איצט, זיך פאַנאַנדערפאַלן אונטער דער לאַסט פון קעגנזייטיקער שנאה, רייבעניש און מלחמות צווישן איינאַנדער. און כדי דאָס צו דערגרייכן, מוז מען קודם כל שטרעבן איינצושטעלן אַ פעסטן פאַרבאַנד צווישן דייטשלאַנד,

רוסלאַנד און פראַנקרייך. קוים וועלן די דריי לענדער זיין פעסט פאַראייניקט צווישן זיך, וועלן די איבעריקע אָן שום ספק צו-שטיין צו דערדאָזיקער פאַראייניקונג, און אַזוי־אַרום וועט זיך אויסבילדן איין שטאַרקער קאָנטינענטאַלער פאַרבאַנד, וועלכער וועט באַפרייען איירָאָפּע פון די אַלע לאַסטן, וועלכע זי האָט אַליין אַרויפגעשלעפּט אויף זיך. דעמאָלט וועט איירָאָפּע ווידער גרויס ווערן, וועט פון דאָסניי פאַנאַנדערבליען און איר הערשנ-דיקע השפּעה אויף דער וועלט וועט זיך איינשטעלן אויף לאַנגע יאָרן. אויב דאָס וועט אַזוי נישט זיין, געפינען זיך די איירָאָ-פּיאישע לענדער אין גרויס געפאַר.

אויסגעהערט מיין רעדע, האָט זיין מאַיעסטעט געזאָגט, אַז מיינע בליקן זיינען זייער אינטערעסאַנט און אָריגינעל און האָט זיך פריינטלעך צעזעגנט מיט מיר.

דאָס איז געווען אין יאָר 1897; פון דעמאָלט אָן זיינען שוין אַריבער קנאַפּע פופצן יאָר. אונטער דער צייט האָט זיך אויף דער וועלט באַוויזן די גרויסע יאַפּאַנישע מלוכה, עס איז פאָרגעקומען די מלחמה צווישן איינגלאַנד מיט די בורן און אַלס איר דירעקטער פועל יוצא איז באַשאַפן געוואָרן אַ נייע מלוכה אין אַפריקע, וואָס פאַלט אַרונטער אונטער איינגלאַנדס השפּעה. אין אַ גרויסער מאָס האָבן זיך אויך פאַרשטאַרקט די דרום-אַמעריקאַנישע רעפּובליקן. מיט איין וואָרט, די הינטער-ים-לענ-דער ווערן וואָס ווייטער אַלץ אַ שטאַרקערער כּוח סיי מיליטע-ריש, סיי פּאָליטיש און סיי עקאָנאָמיש.

ווען איך בין געקומען מיט אַ באַריכט צו אונזער קיסר נאָך ווילהעלמס אַוועקפאָרן, האָט מיר זיין מאַיעסטעט איבערגע-געבן אַ צעטעלע און ער האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס צעטעלע האָט ער דערהאַלטן פון דייטשן קיסר.

אין דעמדאָזיקן צעטעלע האָט ווילהעלם נאָכאַמאָל איבער-געחזרט דאָס אייגענע, וואָס ער האָט שוין מיט מיר גערעדט, ד. ה. איינצושטעלן אַ ספּעציעלן אָפּצאָל פאַר דער צפון-אַמע-ריקאַנישער רעפּובליק.

איך האָב איבערגעגעבן דעם קיסר מיין מיינונג וועגן דער פראַגע. דער קיסר האָט מיר געזאָגט, אַז ער מסכים מיט מיר און האָט מיר באַפוילן אָנצושרייבן אויף דעמדאָזיקן צעטל אַן ענטפער אין דעמזעלבן גייסט, ווי איך האָב גערעדט מיטן דייטשן קיסר.

איך האָב צונויפגעשטעלט אַן ענטפער אין דער פאָרם פון אַ נאָטע אָן אַן אונטערשריפט און האָב עס איבערגעגעבן דעם קיסר. דער קיסר האָט מיר געזאָגט, אַז דעם ענטפער צום דייטשן קיסר וועט ער צולייגן צו זיינעם אַן אייגנהענטיקן בריוו.

נאָכן אָפּפאָרן פונם דייטשן קיסר, איז מיר אויסגעקומען צו שמועסן וועגן זיין וויזיט מיטן גרויספירשט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש. ער האָט מיר דערמאָלט דערציילט אַזאַ מין מעשה:

אונזער קיסר איז געפאָרן ערגעץ אין אַ קאַרעט צוזאַמען מיטן דייטשן קיסר. ווען זיי האָבן זיך אומגעקערט, איז דער גרויספירשט אַריינגעגאַנגען צו אונזער קיסר. זיין מאַיעסטעט האָט אים דעמאָלט געזאָגט, אַז ס'איז אים שרעקלעך אומאַנגענעם, וואָס צוריקוועגס האָט אים דער דייטשער קיסר געפרעגט, צי דאַרף רוסלאַנד דאָבן דעם כינעזישן פּאָרט קיאַאָ־טשאַאָ, ווייל די רוסישע שיפן פאָרן אַהין קיינמאָל נישט אַריין. און פאַר דייטשלאַנד, פאַרקערט, איז זייער וויכטיק צו האָבן דעמדאָזיקן פּאָרט, כדי די דייטשע שיפן זאָלן זיך דאָרט קענען אויפהאַלטן. ער וויל דאָס אָבער נישט טאָן, נישט האָבנדיק אויף דעם די הסכמה פון רוסישן קיסר.

דער קיסר האָט נישט געזאָגט דעם גרויספירשט, צי ער האָט געגעבן זיין הסכמה. ער האָט נאָר צוגעגעבן, אַז ריידנדיק וועגן דעם, האָט אים דער דייטשער קיסר געשטעלט אין זייער אַן אומבאַקוועמער לאַגע, ווייל ער איז אַ גאַסט און קאַטעגאָריש אָפּזאָגן אים האָט נישט געפּאַסט, און בכלל איז אים די גאַנצע מעשה זייער אומאַנגענעם.

קענענדיק אונזער קיסר, וואָס פאַר אַן איידעלער מענטש ער איז געווען, איבערהויפּט אין דער יוגנט, פאַרשטיי איך, אַז

ווען זיינער אַ גאַסט האָט זיך אַזוי נישט קאָרעקט געווענדט צו אים מיט אַ בקשה, האָט ער אים לויט זיין כאַראַקטער נישט געקאָנט קאַטעגאָריש אָפּזאָגן, און דער דייטשער קיסר האָט גע־קאָנט אויסטייטשן, אַז ער גיט דערויף זיין הסכמה.

ווי איך האָב שוין דערמאָנט, איז דעם 30־טן יולי דער דייטשער קיסר אַוועקגעפאָרן קיין אויסלאַנד און דעם 11־טן אויגוסט איז קיין פעטערבורג געקומען דער פרעזידענט פון דער פראַנצויזישער רעפּובליק פעליקס פאָר.

פעליקס פאָר האָט מיטגעבראַכט מיט זיך דעם אויסערנ־מיניסטער האַנאָטאָ. ער איז נאָך דעמאָלט לפי־ערך געווען גאָר אַ יונגערמאַן. איצט איז האַנאָטאָ שוין באַקאַנט נישט בלויז אַלס אויסערנמיניסטער, נאָר אויך אַלס אַקאַדעמיקער. ער האָט זיך אומשטערבלעך געמאַכט מיט זיינע אויסגעצייכנטע וויסנשאַפטליך־ליטעראַרישע ווערק. ער האָט זיך דערעיקרשט קונה שם געווען מיט זיין בוך וועגן הערצאָג רישעליע.

דער פּרעזידענט פאָר איז געווען אַ גאַנץ אָנגעזעענער מענטש. אין דער יוגנט, ווי ס'ווייזט אויס, זייער אַ שיינער, און אפילו איצט, אין די עלטערע יאָרן, האָט ער נאָך אויך געהאַט פּרעטענזיעס צו גילטן פאַר אַ שיינעם. פאָר איז פריער אַריין אין סענאַט און דערנאָך איז ער אויסגעווילט געוואָרן פאַר אַ פּרעזידענט. פאַר דעם איז ער געווען אַן אַנגראָ־סוחר, ער האָט, דאַכט זיך, געהאַנדלט מיט וואַלד.

ער איז געווען אַ גאַנץ ליבנסווירדיקער, קלוגער און גאַ־לאַנטער מענטש, נאָר אויפן בורזשואַזן שטייגער. ער האָט שטאַרק געוואָלט געפעלן ווערן פרויען און ער האָט זיך געהאַלטן גאַנץ האָפערדיק. ביי זיך אין האַרצן האָט ער זיכער באַדויערט, וואָס ער איז בלויז אַ פּרעזידענט פון דער פראַנצויזישער רע־פּובליק און נישט קיין קעניג, אָדער קיסר פון פראַנקרייך.

איך האָב זיך געטראָפן מיט פעליקס פאָר און געהאַט אַ מעגלעכקייט צו ריידן מיט אים נישט נאָר אין פעטערבורג, נאָר אויך שפּעטער אין פּאַריז. איינמאָל, ווען איך בין געווען אין פּאַריז, בין איך אפילו פאַרבעטן געוואָרן אין ראַמבוליע,

יאן אָרט, וואו עס וואוינען זומער די פּרעזידענטן). דאָרטן האָט ער געמאַכט לכבוד מיר אַ פייערלעכן מיטאָג. נאָכדעם זיינען מיר געזעסן מיט אים אויפן באַלקאָן און אונטן זיינען פאַרבייגעגאַנגען גרופּעס פון פאַרשידענע אָרטיקע געזעלשאַפטן מיט מוזיק.

לויט זיינע פעאיקייטן האָט זיך פעליקס פאָר מיט קיין זאַך נישט אויסגעצייכנט. זיין פרוי, וועלכע האָט געפּאַסט צו אים, לויט די יאָרן, איז געווען אַן איינפאַכע בורזשואַזע פראַנצויזין, אַ גאַנץ באַשיידענע און עס איז קענטיק געווען, אַז אין פייערלעכע מאָמענטן, פילט ער זיך שאָקירט פון איר.

עס איז פאַר קיינעם קיין סוד נישט געווען, אז ער האָט זיך ארומגעדרייט מיט אַנדערע און אַז זיין לעבן האָט ער פאַרענדיקט זייער טראַגיש. און ווי פאַר אַן עלטערן מענטשן און דערצו נאָך אַ פּרעזידענט, אויך זייער נישט אָנשטענדיק: ער האָט באַקומען אַ האַרץ-שלאַג, ווען ער האָט זיך געפונען אויג אויף אויג מיט אַ דאַמע אין אַ צימער. די דאמע איז געווען די פרוי פון באַרימטן קינסטלער סטענעל, וועלכע האָט מיט אַ יאָר אָדער צוויי צוריק געהאט אַ סקאַנדאַליעזן פּראָצעס: מען האָט זי באַשולדיקט, אַז זי האָט דערהרגעט אָדער אָנטיילגענומען אין דער רציחה פון איר מאַן. מיר שיינט, אַז זי לעבט נאָך און געפינט זיך אין ענגלאַנד. ווען איך בין געווען אין פּאַריז, האָב איך אַ סך געהערט פון איר, זי איז נאָך דעמאָלט געווען אַ מיידל און זייער אַ שיינע.

די מענטשן, וואָס האָבן דערהערט דער דאַמעס געשריי און זיינען אַריינגעלאָפן אין צימער, וואו עס האָט זיך געפונען דער פּרעזידענט, האָבן דערזען אַ שרעקלעך בילד: פאָר איז געלעגן אין אַזאַ נישט אָנשטענדיקער פּאָזע, וועלכע איז זיך גאָר שווער פאָרצושטעלן, און מיט זיין טויטער האנט האָט ער געהאלטן אַרומגענומען אירע געדיכטע זעלטן שיינע האָר. זי איז געשטאַנען אויף די קני נעבן זיין בעט.

ווען פעליקס פאָר איז געווען אין פּעטערבורג, איז פאָרגעקומען אַ וויכטיקע געשעעניש, וועלכע ווייזט בולט אַרויס דעם

כאראקטער־אונטערשייד צווישן דעם פאָטער אַלעקסאַנדער III און זיין זון ניקאָלאַי II.

דער קיסר אַלעקסאַנדער III האָט, געגן אַלע רוסישע טראַ־דיציעס, געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיט פראַנקרייך און איז דערמיט עובר געווען אויפן טראַדיציאָנעלן פאַרבאַנד מיט דייטשלאַנד. אין משך פון זיין הערשאַפט האָט ער פּינקטלעך אָפּגעהיט דעם אָפּמאַך. און ביי אַלע אָפיציעלע באַגעגענישן פלעגט אַלעקסאַנ־דער III, אָט דער אויסגעשפּראָכענער אַליינהערשער, אויסהערן דעם פראַנצויזישן רעפּובליקאַנישן הימן. אָבער ווייטער פון דעם איז ער נישט געגאַנגען.

איצט אָבער, ווי נאָר פאָר איז געקומען קיין פּעטערבורג, האָט דער קיסר שוין אין דער ערשטער טאָסט־רעדע, מיט וועלכער ער האָט געענטפערט אויף פאָרס באַגריסונג, געמאָלדן, אַז דער אָפּמאַך, וועלכן זיין פאָטער האָט געשלאָסן מיט פראַנק־רייך, פאַרוואַנדלט זיך אין אַ פאַרבאַנד מיט פראַנקרייך. און אַזויאַרום זיינען מיר אָפיציעל פאַראייניקט געוואָרן מיט פראַנק־רייך. אויף וויפיל די פאַראייניקונג וועט אין לעבן דורכגעפירט ווערן, דאָס וועט אונז די געשיכטע באַווייזן.

דאָס איז געווען דער פועל יוצא פון דער דיפּלאָמאַטיע, וואָס האַנאָטאָ האָט געפירט, זייענדיק אין פּעטערבורג מיט פּע־ליקס פאָר. אין אַזעלכע פאַלן האָט זיך פעליקס פאָר אינגאַנצן פאַרלאָזט אויף זיין מיניסטער.

מיט האַנאָטאָ האָב איך עטלעכע מאָל גערעדט אין פּע־טערבורג און שפּעטער, ווען ער איז שוין געווען אויסערנמי־ניסטער, האָב איך זיך געטראָפן מיט אים אין פּאַריז. ער איז בלי שום ספק אַ מענטש זייער אַ באַגאַבטער, אַ פּעאיקער און אַ קלוגער, אָבער נישט קיין סימפּאַטישער. מיר, למשל, זיינען נישט געפעלן זיינע דרכים. ווען ער איז אַריין אינם פּעטראָ־פּאַווּלאָווער סאָבאָר צוזאַמען מיט פאָרן אַרויפצולייגן אַ קראַנץ אויף אַלעקסאַנדער III טרומנע, איז מיט אים געשען אַזאַ מין זאַך:

האַנאָטאָ איז אריין אין סאָבאָר און איז צוגעגאַנגען צו

דער טרומנע אין מאַנטל. ווען מען האָט שוין געדאַרפט אַרויפ־ לייגן דעם קראַנץ, האָט ער זיך געכאַפּט, אַז אַלע זיינען אָן מאַנטלען. דעמאָלט האָט ער, קענטיק, פאַרשטאַנען, אַז ער דאַרף אויך אויסטאָן דעם מאנטל. האָט ער אים טאקע גלייך אויסגע־ טאָן, אָבער אָנשטאָט דעם אַרויפצולייגן אים צו זיך אויף דער האַנט, האָט ער אים גאנץ קאַלטבלוטיק איבערגעגעבן איינעם פון די רוסישע אָפיצירן, וואָס איז געשטאַנען דערביי און יע־ נער האָט זיך געהאַלטן מיט אים די גאַנצע צייט, ביז האַנאָטאָ איז ארויס פון סאָבאָר און האָט אים אָנגעטאָן אויף זיך. דידאָ־ זיקע חוצפה פונם פראַנצויזל האָט מיך דעמאָלט שרעקלעך אויפ־ געבראַכט.

פעליקס פאָר האָט אויך באַזוכט די עקספּעדיציע, וואו עס ווערן אויסגעאַרבעט די מלוכה־פּאַפּירן. אַלס פינאַנצמיניס־ טער האָב איך געגעבן די נויטיקע דערקלערונגען. צום אָנדיינק האָט ער זיך מיטגענומען אייניקע קלייניקייטן פון די אויסאַר־ בייטונגען, וואָס ווערן פארפאַרטיקט אין דער סיי קינסטלעריש און סיי טעכניש גוט איינגעאָרדנטער אינסטיטוציע. דאָרטן האָבן מיר געטרונקען פאַר פראַנקרייכס וואוילשטאַנד. ער פון זיין זייט האָט געטרונקען פאר אונזער קיסרס געזונט און פאַר רוס־ לאַנדס וואוילשטאַנד.

ווי באַר פעליקס פאָר האָט פארלאָזט פעטערבורג, זיינען זייערע מאַיעסטעטן אָפּגעפאָרן קיין וואַרשע. אויפן וועג זיינען זיי בייגעוועזן די ביאַלאָסטאָקער מאַניעווּרעס, האָבן באַזוכט ביאַ־ לאָוויעזש און דערנאָך פון ווארשע געפאָרן קיין ספאָלע. פון דאָרטן זיינען זיי געפאָרן קיין דאַרמשטאַט צו דער קייזערינס ברודער.

דידאָזיקע נסיעה האָט זיך אויסגעצייכנט דערמיט, וואָס די פּאָליאַקן האָבן אומעטום זייער פריינטלעך באַגעגנט דעם רוסישן קיסר. ווי עס ווייזט אויס, האָבן די פּאָליאַקן געהאָפט, אַז דער יונגער קיסר וועט אויב נישט אינגאנצן באַגראָבן, איז, לכל־הפחות, פאַרגלעטן דעם עבר, אין וועלכן עס זיינען, פאַר־

שמייט זיך, אין א גרויסער מאָס שולדיק געווען די פּאָליאַקן אַליין.

אַ גרונט פאר אזעלכע האַפנונגען האָט די פּאָליאקן געגעבן דער דעמאָלטדיקער גענעראַל-גובערנאטאָר, פירשט אימערעטינסקי, וועלכער האָט זיך באַמיט אריינצוטראָגן שלום און איינהייט צווישן די פּאָליאקן און רוסן.

זיין מאַיעסטעט האָט זיך אויך זייער סימפּאַטיש באַצויגן צו דער העכערער פּוילישער געזעלשאַפט. דאָס אַלץ צוזאַמען האָט דערוועקט ביי די פּאָליאַקן געוויסע האָפנונגען, וועלכע זיינען, צום באַדויערן, נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן.

איך בין זיכער, אַז נאָכדעם ווי עס איז געשטאָרבן דער פירשט אימערעטינסקי און פאר א גענעראַל-גובערנאַטאָר איז באַשטימט געוואָרן טשערטקאָוו, באַדויערן די פּאָליאַקן זייער יענע צייט, ווען גענעראַל-גובערנאַטאָר איז געווען גורקאָ. ווייל הגם גורקאָ האָט געפירט אַ ריין רוסישע פּאָליטיק, איז ער דאָך געווען אַ מענטש אַ פעסטער, אַן ערלעכער, אַ געוויסנהאַפטער און האָט געוואוסט, וואָס ער וויל.

אומגעפער דעם 20־טן אָקטאָבער האָט זיך זיין מאַיעסטעט אומגעקערט אין צאַרסקאָיע סעלאָ. דעם 22־טן אָקטאָבער האָט זיך דעם קיסר פאָרגעשטעלט אַ דעפּוטאַציע פון אַבעסינישן קעניג. דידאָזיקע דעפּוטאַציע איז באַשטאנען פון ליעאָנטיעוו און עפּעס אַן אַבעסינער אַטאַ יאסיף, א גרויסער עם־הארץ, וואָס האָט כמעט נישט געקענט שרייבן.

ליעאָנטיעוו איז געווען אַ גרויסער אַוואַנטוריסט. לכתחילה איז ער געווען אַ רוסישער אָפיציר, דערנאָך האָט ער זיך אריינגעלאָזט אין פארשידענע שווינדלערייען, אָפטמאָל גאנץ נישטיקע, ביז ער איז אַריינגעפאַלן אין אַביסיניע. און דעמאָלט האָט ער געפּרובט איינריידן די פאָרשטייער פון אונזערע העכערע ספערן, אַז ער איז כמעט דער נאָנטסטער בעל־יועץ ביי מענעליקן דעם קעניג פון אַביסיניע, הגם מענעליק האָט אים זעלטן ווען געזען. און ווען ער פלעגט אים שוין יאָ צולאָזן אַמאָל צו זיך, איז דאָס אויך געווען בלויז דערפאַר, ווייל ליעאָנטיעוו האָט פאַרזיכערט

מענעליקן, אַז הינטער אים שטייט די רוסישע רעגירונג און דער רוסישער קיסר.

די מענטשן, וואָס זיינען געפאָרן פון אונז קיין אַביסיניע— ווי גראַף וויעלאָפּאָלסקי און אַנדערע, האָבן מיר דערציילט, אַז לעאָנטיעוו האָט דאָרטן קיין שום ראָלע נישט געשפּילט, אַז מען האָט זיך באַצויגן צו אים מיט גרויס אומצוטרוי און דערפאַר האָט מען אים אַוועקגעשיקט אין אַ ווייטער ווילדער געגנט און מען האָט אים דאָרטן געמאַכט פאַר אַ גענעראַל-גובערנאַטאָר, אַבי ער זאָל זיין וואָס ווייטער פון קעניג און פון דער רעגירונג.

נאָר לעאָנטיעוו האָט זיך דאָרט דערקלערט פאַר אַ גראַף, און ווען ער פלעגט קומען קיין רוסלאַנד, אָדער אין אויסלאַנד, פלעגט ער זיך אָנרופן דער אַביסינער גראַף לעאָנטיעוו. דאָס האָט אים אָבער נישט געשטערט זיך צו פאַרנעמען די גאַנצע צייט מיט פאַרשידענע שווינדלען און פאַלשקייטן.

ביי אונז אין רוסלאַנד, אין די העכערע קרייזן איז תמיד דאָ אַ חשק צו פאַרכאַפּן און אַוועקשלעפּן אַלץ, וואָס ליגט נאָר שלעכט, לויט דער מיינונג פון דער רעגירונג.

אַזוי ווי אַביסיניע איז אַ האַלבגעצנדינעריש לאַנד, פאַרמאָגט זייער אמונה געוויסע שטריכן, וועלכע דערמאָנען עטוואָס אָן דער פּראַוואָסלאַוונער קירך. און אויף דעם גרונט האָט זיך אונז זייער געוואָלט, צו פּראָקלאַמירן אַביסיניע אונטער אונזער ממשלה און אין אַ פּאַסיקן מאָמענט איינצושלינגען זי אינגאַנצן.

וויל נאָר עמיץ מיט זיינע אייגענע אויגן זיך באַקענען מיט דער געשיכטע פון דער רוסישער מלוכה, דער זאָל זיך קויפן אין אַ ביכערגעשעפט די פאַרקירצטע אויסגאַבע פון דער געשיכטע (די געאָגראַפישע קאַרטן), ווי אַזוי רוסלאַנד האָט זיך אַנטוויקלט, אָנגעהויבן נאָך פון ריוריקס צייטן. דורכקוקנדיק די קאַרטן, קען זיך יעדער גימנאַזיסט איבערצייגן, אַז די גרויסע רוסישע מלוכה האָט זיך אין משך פון איר טויזנטיאָריקער עקזיסטענץ צונויפגעשטעלט. דערפון, וואָס די סלאַווישע פעלקער, וועלכע האָבן געלעבט אין רוסלאַנד, האָבן ביסלעכווייז, מיטן כּוח פון געווער און מיט נאָך אַ סך אַנדערע מיטלען, איינגע-

שלונגען אַ מאַסע אנדערע פעלקער, און אזויאַרום איז אנטשטאַנען די רוסישע מלוכה, וועלכע שטעלט פאָר מיט זיך אַ קאָנגלאָמעראַט פון פארשידענע פעלקער. און דערפאר איז טאקע, אין תּוך גענומען, נישטאָ קיין ר ו ס ל א נ ד, נאָר עס איז דאָ אַ ר ו ס י ש ל ע נ ד י ש ע מ ל ו כ ה. אָבער דאָס, וואָס מיר האָבן איינגעשלונגען אזויפיל פרעמדע פעלקער און פארכאַפּט זייער ערד, האָט פונדעסטוועגן נישט געשטערט, אז אין דומע און אין „נאָוואָיע ווערעמיא״, זאָל זיך אויסבילדן אַ האלב-קאָמישע נאַציאָנאַליסטישע פּאַרטיי, וועלכע מעלדעט, אַז רוסלאנד דארף זיין פּאַר רוסן, ד. ה. פאר די, וועלכע האַלטן זיך אָן דער פּראַוואָסלאוונער רעליגיע, וואָס זייערע פאַמיליענעמען ענדיקן זיך אויף „אָוו״.

סוף יאָר 1897 זיינען פאָרגעקומען ערנסטע ענדערונגען אין אונזער אַדמיניסטראַציע:

עס איז באפרייט געוואָרן פון זיין שטעל דער קיעווער גענעראַל-גובערנאַטאָר גראַף איגנאַטיעוו. אייגנטלעך נישט גאָר קיין שלעכטער מענטש, נאָר אָן שום פעאיקייטן און אַ גרויסער קריכער. גראַף איגנאַטיעוו איז נאָך פאר אַלעקסאנדער III באַשטימט געוואָרן פּאַר אַ גענעראַל-גובערנאַטאָר. ער האָט אָבער געהאַט בלויז דעם ציווילן געביט. מיטן מיליטער האָט אין יענער געגנט אָנגעפירט דער בארימטער גענעראַל דראַגאָמיראָוו.

צווישן דראַגאָמיראָוון און דעם גראַף איגנאַטיעוו זיינען תּמיד געווען סכסוכים. ביי אונז אין רוסלאַנד איז עס כמעט אַלע מאָל אַזוי, ווען נאָר די ציווילע מאַכט איז נישט פאַרייניקט מיט דער מיליטערישער. און דאָס געשיט צוליב דעם, וואָס נישט געקוקט אויף דער אַזויגערופענער קאָנסטיטוציע (באזונדערס ביי דער באַפאַרבונג, וואָס סטאָליפּין האָט איר געגעבן), שטיצט זיך נאָך עד היום די ציווילע מאַכט אַ סך מער אויף הפקרות ווי אויף געזעצן. ווען דידאָזיקע הפקרות שמייסן די אונטערטאַנען, קענען זיי, פאַרשטייט זיך, גאָרנישט מאַכן מיט דער העכערער ציווילמאַכט. רירן זיי אָבער אָן די מיליטערישע אינטערעסן, דעמאָלט טרעפן זיי, נאַטירלעך, אַ שטאַרקן ווי-

דערשטאַנד מצד דער מיליטערישער אָנפירערשאַפט.

דער פועל-יוצא דערפון איז תמיד אַזאַ, אַז סוף כל סוף שאַפט זיך אַזאַ לאַגע, אַז איינער פון די פירער מוז אַוועקגיין. דאָסזעלבע האָט געשען אין קיעוו.

ביידע, סיי איגנאַטיעוו, סיי דראַגאָמיראָוו האָבן געהאַט זייערע אָנהייגער אין פעטערבורג. גובר געווען האָט אָבער דראַגאָמיראָוו, אָדער, ריכטיקער געזאָגט, גענעראַל וואַנאָווסקי. דער קריגסמיניסטער האָט בייגעקומען דעם דעמאָלטיקן אינערן-מיניסטער גאָרעמיקינען. און דערפאַר איז דער גראַף איגנאַטיעוו געוואָרן אַ מיטגליד אין מלוכה-ראַט און דראַגאָמיראָוו איז געוואָרן גענעראַל-גובערנאַטאָר און מיליטערישער קאָמאַנדיר.

דראַגאָמיראָוו איז בלי שום ספק אַ פעאיקער, אָריגינעלער און געבילדעטער מענטש הויפּטזעכלעך אין מיליטערישע ענינים. ער האָט פאַרמאָגט אַ סך הומאָר און דאָס מיליטערוועזן האָט ער גוט געקענט, הגם ער האָט זיך געהאַלטן ביי די אַלטע מיליטערישע טראַדיציעס. ביי די טראַדיציעס פון יענע צייטן, ווען די גאַנצע מיליטערקונסט איז באַשטאַנען אין העלדישקייט. ער האָט זיך געהאַלטן אָן סוּבאָראָווס אַפאָריזמען: „דער באַגנעט—איז אַ כוואַט, די קויל—אַ נאַר". די לעצטע מלחמות, באַזונדערס די יאַפּאַנישע, האָבן נישט אינגאַנצן באַרעכטיקט דעמדאָזיקן אַפאָריזם. די יאַפּאַנישע מלחמה האָט באַוויזן, אַז אין די היינטיקע מלחמות שפּילט אַ גרויסע ראָליע די טעכניק, ד. ה. דיזעלבע קויל, וואָס איז אויף פאַרשידענע אופנים אויסגעאַרבעט געוואָרן דורך דער טעכנישער וויסנשאַפט.

דראַגאָמיראָוו האָט זיך אויסגעצייכנט אין דער לעצטער טערקישער מלחמה, איבערפירנדיק די חילות איבערן דונאַי. ער איז דעמאָלט אַליין פאַרוואונדעט געוואָרן אין פוס און איז דערפון פאַרבליבן אַ ביסל אַ הינקנדיקער. מיט דעמדאָזיקן פעלער פלעגט ער זיך זייער איבערנעמען.

דראַגאָמיראָוו האָט זייער ליב געהאַט גוט צו עסן, צו טרינקען און דעריבער פלעגן זיך צווישן די-יעניקע, וואָס זיינען אים אונטערגעוואָרפן געווען, תמיד געפינען אַזעלכע, וואָס פלעגן דידאָזיקע שוואַכקייט זיינע אונטערהאַלטן.

קאַפּיטל VI.

# וויאַזוי מען האָט פאַרכאַפּט די ליאַאָדונער האַלבאינזל.

איינמאָל, ווען מיר זיינען געווען אויף אַ זיצונג פון אַ קאָמיסיע אין יאָר 1897, האָט מען אונז פון אויסערנמיניסטעריום געבראַכט אַ שיפרירטע דעפּעש און זי איבערגעגעבן מוראַוויאָוון דעם אויסערנמיניסטער.

נאָכדעם ווי גראַף מוראַוויאָוו האָט איבערגעלייענט די דעפּעש, האָט ער זי מיר געגעבן צום לייענען. אין דער דע-פּעש איז געזאָגט געוואָרן, אַז די דייטשע שיפן זיינען אַריין אין האַפן טזין-טאַו (קיאַאָ-טשאַאָ).

באַקענענדיק זיך מיטן אינהאַלט פון דער דעפּעש, האָב איך געזאָגט מוראַוויאָוון, אַז דאָס איז מסתמא אַ צייטווייליקע זאַך, אַז די דייטשן וועלן אַוועקגיין. נאָר אין פאַל, אויב זיי וועלן נישט אַוועקגיין, בין איך זיכער, אַז רוסלאַנד און אַנדע-רע מלוכות וועלן זיי צווינגען צו פאַרלאָזן דעם האַפן.

אויף דעם האָט מיר מוראַוויאָוו גאָרנישט געענטפערט.

קענטיק, נישט געוואָלט זאָגן—נישט „ניין" און נישט „יאָ".

אין עטלעכע טעג אַרום נאָך אונזער זיצונג, האָט מען

איך שוין דערוואוסט פון די אָפּיציעלע באַריכטן, אַז די דייטשן האָבן פאַרנומען דעם האַפן. די דייטשע דיפּלאָמאַטיע האָט געמאָלדן, אַז די שיפן זיינען אַריין אין האַפן, כדי צו באַשטראָפן די כינעזער, ווייל מיט אַ קורצער צייט צוריק איז דאָרטן דערהרגעט געוואָרן איינער פון די דייטשע מיסיאָנערן. עס האָט אָבער אַלעמען זייער געחדושט, וואָס כדי דורכצופירן דידאָזיקע עקזעקוציע האָט מען געבראַכט אַזאַ גרויסע עסקאַדרע. דערצו נאָך זיינען די שיפן נישט געבליבן שטיין, נאָר זיי האָבן אַרויסגעזעצט אויפן ברעג מיליטער און פאַרנומען טזין-טאַו.

אין אַ קורצער צייט אַרום, אָנהויב נאָוועמבער, האָבן עטלעכע מיניסטאָרן און איך אויך בתוכם, באַקומען אַ קליינעם מעמאָראַנדום פון גראַף מוראַוויאָוו און גלייכצייטיק אַן איינלאַדונג צו קומען אויף אַ זיצונג, וואָס וועט פאָרקומען אונטערן קיסרס פאָרזיץ, כדי צו באַטראַכטן דעם דערמאָנטן מעמאָראַנדום.

אויף דער זיצונג זיינען געווען: דער קריגסמיניסטער וואַנאָווסקי, דער פאַרוואַלטער פון פלאָט-מיניסטעריום טירטאָוו און מוראַוויאָוו.

אין דעם מעמאָראַנדום, וואָס מיר האָבן באַקומען, איז געזאָגט געוואָרן: אַזוי ווי די דייטשן האָבן פאַרנומען טזין-טאַו, איז איצט אַ פּאַסיקער מאָמענט צו פארנעמען איינעם פון די כינעזישע האַפנס. און עס איז פאָרגעלייגט געוואָרן צו פאַרנעמען אָדער פּאָרט-אַרטור, אָדער דעם האַפן, וואָס ליגט נעבן אים — דאַ-ליאַן-וואַן.

אויף דערדאָזיקער זיצונג האָט גראַף מוראַוויאָוו געמאָלדן, אַז ער האַלט אַזאַ מין פאַרנעמען, אָדער, ריכטיקער געזאָגט, פאַרכאַפּן, פאַר אַ זאַך, וואָס איז שוין לאַנג צייט געווען צו טאָן, ווייל רוסלאַנד דאַרף זייער נויטיק האָבן אַ האַפן אין שטילן אָקעאַן אויפן ווייטן מזרח. אויסערדעם, האָבן די צוויי האַפנס, צוליב זייער סטראַטעגישער לאַגע, אַ וויכטיקע באַדייטונג.

איך האָב שטאַרק פּראָטעסטירט קעגן אַזאַ מין האַלטונג.

איך האָב געזאָגט, אַז נאָכדעם ווי מיר האָבן פּראָקלאַמירט די אומבאַרירלעכקייט פון כינע, און צוליב דעם געצוואונגען יאַפּאָניע צו פאַרלאָזן די ליאַאָדונער האַלבאינזל, קאָנען מיר נישט פאַרכאַפּן קיין האַפנס, וועלכע געפינען זיך אויף דער זעלבער האַלבאינזל. דערצו נאָך האָבן מיר דאָך אַ געהיימען אָפּמאַך מיט כינע קעגן יאַפּאָניע, אין וועלכן מיר האָבן זיך מתחייב געווען צו פאַרטיידיקן כינע קעגן יאַפּאָניע, אויב די לעצטע וועט ווילן פאַרכאַפּן כינעזישע טעריטאָריע. און אָט קומען מיר אַליין און פאַרכאַפּן. דאָס וואָלט געווען אַ געוואַלטיקער שווינדל פון אונזער זייט. לאָזן מיר אָבער לגמרי אָן אַ זייט די פאַלשקייט פון דעמדאָזיקן מיטל, סיי בנוגע צו כינע, סיי בנוגע צו יאַפּאָניע און מיר רעכענען זיך בלויז מיט עגאָאיסטישע מאָטיוון, איז דערדאָזיקער פּלאַן סתם אַ געפערלעכער, ווייל מיר האָבן אָקאָרשט גענומען בויען אונזער מזרח-כינעזישע אייזנבאַן דורך מאָנגאָליע און כינע און מיר נויטיקן זיך אין אַ פריינטלעכער באַציאונג מצד כינע. דאָס פאַרנעמען אָבער איינעם פון די האַפנס וועט כינע אויפרייצן קעגן אונז. פון אַ פריינט וועלן מיר באַקומען אַ פיינט. דערצו האָב איך נאָך צוגעגעבן, אַז אויב מיר וועלן פאַרנעמען איינעם פון די אָנגעמערקטע פונקטן, וועלן מיר זיי מוזן פאַראייניקן מיט דער מזרח-כינעזישער אייזנבאַן, כדי צו פאַרזיכערן דאָרטן אונזער ממשלה. און כדי דאָס דורכצופירן, וועלן מיר זיין געצוואונגען צו פאַרלייגן אַ וועג איבער מאַנדזשוריע (אַן אָרט, וואָס איז זייער געדיכט באַזעצט מיט כינעזער) דורך מוקדען, דאָס שטאַם-אָרט פון דער כינעזישער קייזערלעכער דינאַסטיע. דאָס אַלץ וועט ברענגען מיט זיך גרויסע קאָמפּליקאַציעס, וועלכע קאָנען זיך ענדיקן מיט זייער טרויעריקע רעזולטאַטן.

דעם גראַף מוראַוויאָווס פּלאַן האָט שטאַרק אונטערגעהאַלטן דער קריגסמיניסטער וואַנאָווסקי. ער איז ארויסגעגאַנגען פון דעם שטאַנדפּונקט, אַז אַליין האַלט ער זיך נישט פאַר קיין בקי אין די פראַגן פון אינטערנאַציאָנאַלער דיפּלאָמאַטיע, און קוים האַלט עס דער אויסערנמיניסטער פאַר אַ נישט-געפערלעכער זאַך

קאָן ער פון זיין זייט נאָר געבן זיין הסכמה דערויף. ער מיינט, אַז מען דאַרף פאַרכאַפּן פּאָרט-אַרטור, אָדער דאַ-ליאַן-וואַן.

דער פלאָט-מיניסטער האָט זיך אין תוך פון דער פראַגע נישט אַרויסגעזאָגט. ער האָט נאָר געמאָלדן, אַז אַלס פאַרוואַלטער פון פלאָט-מיניסטעריום געפינט ער איין, אַז פאַרן רוסישן פלאָט וואָלט זיין אַ סך באַקוועמער צו האָבן אַ האַפן ערגעץ וואו אויפן ברעג פון קאָרייע, נענטער צום שטילן אָקעאַן. און אַז די האַפנס, וועגן וועלכע מען רעדט דאָ, פאַרמעגן נישט אַזעלכע פונקטן, וועלכע וואָלטן געקאָנט אינגאַנצן באַפרידיקן דאָס פלאָט-מיניסטעריום.

אַזוי ווי איך האָב אין דעם שריט איינגעזען אַ גרויסע געפאַר, האָב איך עטלעכע מאָל פאָלעמיזירט מיט ביידע מיניסטאָרן. אויף איינעם פון מיינע באַווייזן, אַז סיי יאַפּאָניע און סיי איינגלאַנד וועלן זיך גלייכגילטיק נישט באַציען צו דעמדאָזיקן אַקט, האָט גראַף מוראַוויאָוו געזאָגט, אַז ער נעמט די גאַנצע אחריות אויף זיך און ער איז זיכער, אַז נישט יאַפּאָניע און נישט איינגלאַנד וועלן נישט אָננעמען קיין שום רעפּרעסיווע מיטלען.

אָבער אַזוי ווי איך האָב זייער הייס פאַרטיידיקט מיין שטאַנדפּונקט, האָט דער קיסר (הגם עס איז קענטיק געווען, אַז מיינע באַווייזן זיינען אים נישט אָנגענעם) דאָך איינגעשטימט מיט מיר. און אַזויערנאָך איז צונויפגעשטעלט געוואָרן אַ פּראָטאָקאָל פון דער באַראַטונג, אין וועלכן עס איז געזאָגט געוואָרן, אַז זיין מאַיעסטעט האָט נישט באַווייליקט מסכים צו זיין מיטן פאָרשלאָג פון אויסערנמיניסטער.

איך דאַרף אייך זאָגן, אַז הגם גראַף מוראַוויאָוו איז געווען אַ גאַנץ נישטיק מענטשל, האָט ער זיך דאָך געוואָלט מיט עפּעס אויסצייכענען. אים האָט נישט געלאָזט רוען דער פאַקט, וואָס איידער ער איז געוואָרן מיניסטער, האָט זיך מיר מיטן פירשט לאָבאַנאָוו-ראָסטאָווסקי איינגעגעבן צו דערגרייכן אַזעלכע וויכטיקע רעזולטאַטן אין דער פּאָליטיק אויפן וויטן מזרח.

כדי נישט צו פאַרגעסן, ווײל איך נאָך צוגעבן, אַז אויף דער זיצונג האָב איך נאָך אַנטוויקלט אויך דעם געדאַנק: אויב דײטשלאַנד איז אַריין אין טזין-טאַו, כדי עס צו פאַרכאַפּן און אויב דאָס איז פאַר אונז שעדלעך, מוזן מיר אויסאײבן אַ דרוק אויף דײטשלאַנד. אָבער שוין-זשע דאַרפן מיר דערפאַר, וואָס דײטשלאַנד האָט שלעכט געהאַנדלט בנוגע אונז, טאָן דאָסזעלבע בנוגע כינע. אָבער דײטשלאַנד איז דאָך בכלל נישט פאַרבונדן מיט כינע, אין דער צייט ווען מיר שטייען מיט כינע אין אַן אָפּמאַך און האָבן זיך מתחיב געווען זי צו באַשיצן. און פּלוצלונג ווען מיר אָנשטאָט דעם—אַליין אָנהייבן צו פאַרכאַפּן איר טעריטאָריע.

אי עטלעכע טעג אַרום נאָך דער זיצונג, נאָכדעם ווי דער קיסר האָט שוין געהאַט באַשטעטיקט דעם פּראָטאָקאָל, בין איך געווען ביי זיין מאַיעסטעט מיט אַ באַריכט. און פּלוצלונג גיט ער מיר אַ זאָג, קענטיק, אַ ביסל פאַרשעמט:

—איר ווייסט, סערגיי יוליעוויטש, אַז איך האָב פּאָרט באַשלאָסן צו נעמען פּאָרט-אַרטור, אָדער דאַ-ליאַן-וואַן. איך האָב שוין אַוועקגעשיקט אַהין אונזער פלאָט מיט מיליטער. דערביי האָט ער צוגעגעבן:—איך האָב דאָס געטאָן דערפאַר, ווייל דער אויסערנמיניסטער האָט מיר נאָך דער זיצונג געמאָלדן, אַז לויט די ידיעות, וואָס ער האָט, דרייען זיך אַרום אײנגלישע שיפן אין די געביטן פון פּאָרט-אַרטור. און אויב מיר וועלן נישט פאַרכאַפּן די האַפנס, וועלן זיי פאַרכאַפּן די אײנגלענדער.

די לעצטע ידיעה, וואָס גראַף מוראַוויאָוו האָט איבערגעגעבן דעם קיסר, איז זיכער געווען אַ פאַלשע. שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט פון אײנגלישן אַמבאַסאַדאָר, אַז אין די וואַסערן פון שטילן אָקעאַן האָבן זיך טאַקע געפונען עטלעכע אײנגלישע שיפן, אָבער אַרויסגעשיקט האָט מען זיי נאָכדעם, ווי דײטשלאַנד איז אַריין מיט אירע שיפן אין טזין-טאַו, אָבער קיין שום פאַרכאַפּונגס-טענדענצן האָבן זיי נישט געהאַט.

פון דעם, וואָס איך האָב זיך דערוואוסט ביים קיסר, בין איך געווען זייער צעטראָגן. אַרויסגייענדיק פון קאַבינעט האָב

איך אין אויפגעמצימער זיך באַגעגנט מיטן גרויספירשט אַלעק-סאַנדער מיכאַילאָוויטש. ער האָט שוין, קענטיק, געוואוסט, אַז אונזערע שיפן זיינען אַוועק קיין פּאָרט-אַרטור, ווייל ער האָט געגומען מיט מיר ריידן וועגן דעם.

איך האָב מיט אים גאָרנישט גערעדט, כ'האָב אים נאָר געזאָגט:

—נעמט זיך אַריין אין זכרון דעם היינטיקן טאָג—איר וועט זען, אַז דערדאָזיקער אומגליקלעכער שריט וועט ברענגען פאַר רוסלאַנד שרעקלעכע רעזולטאַטן.

פון צאַרסקאָיע סעלאָ בין איך גלייך אַוועקגעפאָרן צו טשירסקין—אַ פּערזאָן, וואָס האָט פאַרביטן דעם דייטשן אַמבאַ-סאַדאָר. דער פירשט ראַדאָלין איז געווען אין אורלויב.

איך האָב מיך אָנגערופן צום הער טשירסקי, וועלכער איז דעמאָלט געווען אַ בעל-יועץ אין דער דייטשער אַמבאַסאַדע: „ווען דאָ איז געווען דער דייטשער קיסר, האָט ער מיר גע-זאָגט, אַז אויב איך וועל אַמאָל האָבן צו אים אַ בקשה אָדער איך וועל אים וועלן אַרויסזאָגן מיין מיינונג, קאָן איך דאָס טאָן אומגעשטערט—דירעקט דורך דער אַמבאַסאַדע. און אָט איצט,—האָב איך געזאָגט,—בעט איך אייך זייער טעלעגראַפירן דעם דייטשן קיסר, אַז אין נאָמען פון די אינטערעסן פון מיין פאָ-טערלאַנד, ווי אויך אין נאָמען פון דייטשלאַנדס אינטערעסן—בעט איך אים אומבאַדינגט און ראַט אים צו באַשטראָפן די שולדיקע אין טזין-טאַו,—קעפן וועמען ער געפינט פאַר נויטיק, אַרויפלייגן אַ קאָנטריבוציע,—אויב ער געפינט, אַז מען דאַרף דאָס טאָן, און אַוועקגיין פון דאָרט. ווייל דער טריט, וואָס דייטשלאַנד האָט אונטערגענומען, וועט ציען נאָך זיך נאָך אַנ-דערע טריט, וועלכע וועלן ברענגען די שרעקלעכסטע פאָלגן.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז טשירסקי געקומען צו מיר און האָט מיר געוויזן אַן ענטפער אויף מיין דעפּעש. אַ דעפּעש אין נאָמען פון דייטשן קיסר, מיט אַזאַ מין אינהאַלט:

—גיט איבער וויטען, אַז פון זיין דעפּעש זע איך, אַז אַ

סך וויכטיקע אומשטענדן, וואָס האָבן אַ שייכות צו דעמדאָזיקן ענין—זיינען אים נישט באַקאַנט. און דערפאַר קאָנען מיר זיין דאַט נישט אָננעמען.

דעמאָלט האָב איך זיך דערמאָנט אין דער מעשה, וואָס פירשט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט מיר דערציילט גלייך נאָכדעם, ווי דער דייטשער קיסר איז אָפּגעפאָרן פון רוסלאַנד. איך האָב זיך דערמאָנט, וואָס דער דייטשער קיסר האָט געבעטן אונזער קיסר, ווען זיי זיינען געפאָרן אין דער קאַרעט אין פעטערהאָף.

אין א קורצער צייט ארום האָט מיר איינמאָל מוראוויאָוו א זאָג געטאָן, ווי ער וואָלט זיך וועלן באַרעכטיקן:—אָט האָט איר אויף דער זיצונג געזאָגט, אז מיר דארפן אויסאיבן א דרוק אויף דייטשלאנד, אָבער ווי זאָלן מיר דאָס טאָן, אין דער צייט ווען מיר האָבן אזוי נישט פאָרזיכטיק געגעבן אונזער הסכמה אויף דעם שריט, וועלכן זי האָט געמאכט.

נאָר פונדעסטוועגן, פאָרויסזעענדיק די אלע פאָלגן, צו וועלכע עס קאָן ברייננגען דעם קיסרס באשלוס, האָב איך זיך נישט געקאָנט באַרואיקן. מיט אלע מיטלען האָב איך זיך באַמיט צו ווירקן, אז מען זאָל פארלאָזן פאָרט-ארטור. צוליב דעם איז מיר עטלעכע מאָל אויסגעקומען צו האָבן גאנץ שארפע צוזאמענשטויסן מיטן אויסערנמיניסטער. און דידאָזיקע צוזאמענשטויסן האָבן טאקע געבראכט דערצו, אז צווישן מיר און מוראוויאָוון האָבן זיך איינגעשטעלט גאנץ קאלטע און אָנגעצויגענע באציאונגען, וועלכע האָבן זיך שוין אזוי געהאלטן ביז מוראוויאָווס טויט.

אָבער אַלע מיינע פראָבעס זיינען געווען אומזיסט. און עס איז קיין חדוש נישט. קוים האָבן צוויי מיניסטאָרן איינגערעדט אונזער קיסר, אז דאָס פארכאפן איינעם פון די האפנס איז זייער נויטיק פאר רוסלאנד, האָט אונזער יונגער קיסר, וועלכער האָט אליין אזוי געשטרעבט צו ערפאָלג און נצחונות, געפאָלגט זייער עצה.

ווען אונזערע שיפֿן זיינען שוין געשטאַנען אין פּאָרטאַרטור, אָבער מיר האָבן זיך נאָך נישט געהאַט אַרויסגעזעצט, האָב איך זיך עטלעכע מאָל געזען מיטן איינגלישן אַמבאַסאַדאָר—מיט אָ'קאָנערן און מיטן דייטשן אַמבאַסאַדאָר, פּירשט ראַדאָלין. מיט ראַדאָלינען בין איך פּערזענלעך געווען אין זייער גוטע באַציאונגען.

ווען ראַדאָלין איז געקומען פֿון אורלויב און ער איז אַריינגעגאַנגען צו מיר, האָט ער מיך געפֿרעגט:

—נו, וואָס קלערט איר עפּעס וועגן דעם, וואָס איז געשען? איך האָב אים געענטפֿערט:

—איך האַלט, אַז דאָס איז אַלץ זייער קינדיש, נאָר צום באַדויערן וועט זיך אָבער דידאָזיקע קינדישקייט זייער שלעכט ענדיקן (אונטער דעם וואָרט קינדישקייט האָב איך, פֿאַרשטייט זיך, געמיינט די מעשׂים פֿון דייטשן קיסר, וועלכער האָט אַרויסגערופֿן דעם גאַנצן אינצידענט).

וועגן דעם שמועס אונזערן האָט ראַדאָלין געהאַלטן פֿאַר נייטיק צו דעפּעשירן קיין בערלין. ווי אַזוי ער האָט איבערגעגעבן אין דער דעפּעש מיינע ווערטער—ווייס איך נישט, נאָר אָט וואָס עס איז געשען.

דאָס אויסערנמיניסטעריום, ווי בכלל אַלע מיניסטעריומס, באַמיען זיך פֿאַנאַנדערצעשיפֿרירן די דעפּעשן, וועלכע ווערן אַרויסגעשיקט דורך די אויסלענדישע אמבאַסאַדאָרס. און הגם די דיפּלאָמאַטישע שיפֿערס פּלעגן זיך תּמיד ענדערן און זיינען נאָך בכלל דערצו געווען זייער פֿאַרפּלאָנטערט, האָבן מיר אין רוסלאַנד בלויז עטלעכע שיפֿערס נישט געקאָנט בייקומען. דאָס רוב אָבער פּלעגן מיר זייער לייכט פֿאַנאַנדערשיפֿרירן אַלע דעפּעשן. אַזוי איז אויך מיין שמועס מיט ראַדאָלינען פֿאַנאַנדערגעשיפֿרירט געוואָרן און גראַף מוראַוויאָוו האָט זיך פֿון אים דערוואוסט. און פֿון מוראַוויאָוון האָט זיך וועגן דעם דערוואוסט אויך דער קיסר. קענטיק, אַז מוראַוויאָוו האָט דאָס געהאַלטן פֿאַר אָנשטענדיק פֿון זיין זייט אונטערצוטראָגן עס דעם קיסר.

ווען מיר איז אין עטלעכע טעג אַרום נאָך אונזער שמועס מיט ראַדאָלינען אויסגעקומען צו זיין ביים קיסר, האָב איך געפילט, אַז זיין מאַיעסטעט איז עפּעס מיט מיר שטאַרק נישט צופרידן. און ווען איך האָב שוין געהאַלטן ביים אַוועקגיין, איז ער אויפגעשטאַנען און געזאָגט:

— סערגיי יוליעוויטש, איך וואָלט אייך געראַטן צו זיין מער פאָרזיכטיק אין אייערע שמועסן מיט אויסלענדישע אַמבאַסאַדאָרן.

איך האָב דעמאָלט לכתחילה נישט פאַרשטאַנען וועגן וואָס פאַר אַ שמועס עס האַנדלט זיך און האָב געענטפערט דעם קיסר:

— אייער קייזערלעכע מאַיעסטעט, איך ווייס נישט, וואָס פאַר אַ שמועס איר האָט אין זינען. איין זאַך ווייס איך נאָר, אַז איך רייד קיינמאָל נישט מיט אויסלענדישע אַמבאַסאַדאָרן פון אַזוינע זאַכן, וואָס וואָלטן געקאָנט ברענגען שאָדן אייער מאַיעסטעט אָדער מיין פאָטערלאַנד.

אויף דעם האָט מיר דער קיסר גאָרנישט געענטפערט.

אונזערע שיפן זיינען נאָך אַלץ געשטאַנען נעבן פּאָרטאַרטור. ווען זיי זיינען אַהין אָנגעקומען, האָט גראַף מוראַוויאָוו באַפוילן אונזער געזאַנדטן אין כינע, ער זאָל באַרואיקן די כינעזישע רעגירונג. ער זאָל דערקלערן, אַז מיר זיינען געקומען פאַרטיידיקן כינע און העלפן איר, זי זאָל זיך קאָנען באַפרייען פון די דייטשן, און באַלד ווי די דייטשן וועלן נאָר אַוועקגיין— וועלן מיר אויך אַוועקגיין.

דערפאַר האָט זיך כינע זייער געפרייט מיט אונזער קומען און אין די ערשטע עטלעכע וואָכן געגלויבט אין אונזער דערקלערונג.

אָבער גאָר אינגיכן האָט זיך די כינעזער רעגירונג דערוואוסט דורך איר באַפולמעכטיקטן אין בערלין, אַז מיר האַנדלען לויט אַן אָפּמאַך מיט דייטשלאַנד און האָט זיך אָנגעהויבן באַציען צו אונז מיט גרויס אומצוטרוי.

אונטער דער צייט איז באַפרייט געוואָרן פון זיין פּאָסטן דער קריגסמיניסטער, גענעראַל-אַדיוטאַנט וואַנאָווסקי; אָנשטאָט

אים איז אַלס פאַרוואַלטער פון מיניסטעריום באַשטימט געוואָרן דער גענעראַל-לייטענאַנט קוראָפּאַטקין. אָבער די גאַנצע געשיכטע מיטן פאַרכאַפּן פּאָרט-אַרטור איז געשען פריער, ד. ה. אָן קוראָפּאַטקינס אָנטייל.

לכתחילה האָב איך גערעכנט, אַז דער נייער קריגס-מיניסטער וועט ווירקן אין מיין ריכטונג און מיר וועלן פאַרלאָזן פּאָרט-אַרטור.

דערווייל איז באַשטימט געוואָרן אַ באַראַטונג אונטערן פאָרזיץ פון גרויספירשט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש, וועלכע האָט געדאַרפט באַשטימען, וואָס פאַר אַ פאָדערונגען מיר האָבן אַרויסצושטעלן כינע.

אין דערדאָזיקער באַראַטונג האָט שוין אויך אָנטיילגענומען קוראָפּאַטקין.

פּונקט ווי אויף דער פאָריקער זיצונג, האָב איך זיך אויך דאָס מאָל באַצויגן נעגאַטיוו צו דער גאַנצער אונטערנעמונג. אָבער אויך ביי קוראָפּאַטקינען האָב איך נישט געפונען קיין שום מיטגעפיל צו מיינע געדאַנקען.

פאַרקערט, קוראָפּאַטקין האָט געהאַלטן, אַז אונזערע פאָדערונגען צו כינע דאַרפן זיין,—זי זאָל אונז אָפּלאָזן נישט בלויז פּאָרט-אַרטור און דא-ליאַן-וואן, נאָר אויך דעם גאַנצן טייל פון דער ליאַאָדונער האַלבאינזל, וועלכע איז אַמאָל געווען אונזערע די אַזויגערופענע קוואַנטונער געגנט. קוראָפּאַטקין איז אַרויסגעגאַנגען פון דעם שטאַנדפּונקט, אַז אין געגנפאַל וואָלטן מיר נישט געקאָנט פאַרטיידיקן פּאָרט-אַרטור און דא-ליאַן-וואן פון אַן אָנפאַל. אויסערדעם, האָט ער נאָך אָנגעוויזן, אַז עס איז אומבאַדינגט נויטיק, וואָס גיכער צו דערפירן דעם מזרח-כינעזישן אייזנבאַן-וועג ביז פּאָרט-אַרטור.

אין תּוך פון דער פראַגע, צי מיר האָבן גוט געטאָן, וואָס מיר זיינען געגאַנגען אויף פּאָרט-אַרטור, אָדער נישט, האָט זיך קוראָפּאַטקין בכלל נישט אַרויסגעזאָגט. ער האָט נאָר אָנגעוויזן, וואָסערע פאָדערונגען מיר דאַרפן אַרויסשטעלן.

אויף דערדאָזיקער באַראַטונג זיינען אין איינקלאַנג מיט

די פֿריער דערמאָנטע פֿאָדערונגען אויסגעאַרבעט געוואָרן די באַ
דינגונגען, וועלכֿע זיינען שפּעטער אַרויסגעשטעלט געוואָרן כֿינע
פֿון צאַרסקאָיע סעלאָ איז דער קיסר איבערגעפֿאָרן אין
ווינטערפּאַלאַץ. דאָס איז שוין געווען נאָכֿדעם ווי דער קיסר האָט
מיר געמאַכֿט די באַמערקונג וועגן מיינע שמועסן מיט די אַמ
באַסאַדאָרן. ביי דעם ערשטן באַריכֿט, וואָס איך האָב געהאַט אין
זיין נייער וואוינונג, האָב איך מיך אָנגערופֿן צום קיסר: אַזוי
ווי איך רעכֿן מיך מיט דער באַמערקונג, וואָס זיין מאַיעסטעט
האָט מיר געמאַכֿט און אויך צוליב די חלוקי-דעות, וואָס זיינען
לעצטנס אַנטשטאַנען, וואָלט איך אים געבעטן מיך באַפֿרייען פֿון
מיין מיניסטאָרנפּאָסטן.

דערויף האָט מיר דער קיסר געענטפֿערט, אַז ער האַל
נישט פֿאַר מעגלעך מיך צו באַפֿרייען, און ווי צו אַ פֿינאַנצ
מיניסטער האָט ער צו מיר דעם פֿולסטן צוטרוי. ער האָט אוי
צוגעגעבן, אַז אים ווייזט אויס, אַז איך האָב קיין שום גרונ
נישט זיך צו באַקלאָגן אויף זיין באַציאונג צו מיר ווי צו
פֿינאַנצמיניסטער, אַז ער פֿערזענלעך שעצט מיך זייער און בעט
אַז איך זאָל נישט אויפֿהערן צו זיין אים נוצלעך. דערביי האָ
ער נאָך צוגעגעבן, אַז דאָס פֿאַרכאַפּן פּאָרט-אַרטור און דאַ
ליאַן-וואַן איז שוין אַ פֿאַרענדיקטע זאַך. צי האָט מען גוט
אָדער שלעכֿט געטאָן, דאָס וועט די צוקונפֿט באַווייזן. ענדער
אָבער וועט ער שוין גאָרנישט. און דערפֿאַר בעט ער מיך פֿער
זענלעך, מיטצוהעלפֿן אים, ווי ווייט מעגלעך, אַז די זאַך זאָל
דורכגעפֿירט ווערן מיט ערפֿאָלג.

אונטער דער צייט האָט פּאַוולאָוו, אונזער באַפֿולמעכֿטיק
טער אין פּעקין, וועלכֿער האָט דעמאָלט פֿאַרביטן קאַסינין, גע-
מאַכֿט אַ פֿאָרשלאָג כֿינע, אַז זי זאָל אָפּגעבן רוסלאַנד אין
אַרענדע אויף זעקסאונדרייסיק יאָר דעם גאַנצן קוואַנטונער גע-
ביט, צוזאַמען מיט פּאָרט-אַרטור און דאַ-ליאַן-וואַן. די אַרענדע-
פֿראַגע איז אָבער אַזוי אַוועקגעשטעלט געוואָרן, אַז עס איז אין
ערגעץ נישט דערמאָנט געווען וועגן אַן אָפּצאָל פֿאַר דעראָזי-

קער אַרענדע. די כינעזישע רעגירונג האָט, פאַרשטייט זיך, נישט געוואָלט איינגיין אויף דעם.

אונזערע מיליטערישע שיפן זיינען געשטאַנען אין דער פּאָרט-אַרטורער בוכטע. דערווייל האָבן זיי זיך נאָך נישט אַרויס-געוויזן. לכתחילה האָט זיך די כינעזישע מאַכט באַציִגן גאַנץ גוט צו אונזערע שיפן און צו די מאַטראָזן, אָבער נאָכדעם האָט זיך דידאָזיקע באַציאונג שאַרף געענדערט.

די כינעזישע קייזערין-רעגענטין איז צוזאַמען מיטן מינ-דעריעריקן קיסר איבערגעפאָרן פון פּעקין אין איר געוויינלעכער זומערוואוינונג נישט ווייט פון שטאָט. און אַהין פלעגן עפטער פאָרן מיט באַריכטן די מיניסטאָרן. אונטער דער השפעה פון די איינגלישע און יאַפּאַנישע דיפּלאָמאַטן איז די קייזערין אויף קיין שום הנחות נישט איינגעגאַנגען.

ביי אַזאַ מין לאַגע, ווייסנדיק, אַז אונזער קיסר וועט נישט נאָכגעבן און אויב כינע וועט נישט איינגיין אויף דעם אָפּמאַך, וועט אונזער מיליטער אַרויסגיין פון די שיפן — און אין פאַל פון אַ ווידערשטאַנד, וועט קומען צו אַ בלוטפאַרגיסונג — האָב איך זיך אַריינגעמישט אין דער זאַך אויף אַזאַ מין שטייגער: איך האָב דעפּעשירט צו אונזער אַגענט פון פינאַנצמיניסטעריום, צו פּאָקאָ-טילאָוון (וועלכער איז שפּעטער געווען אונזער אַמבאַסאַדאָר אין פּעקין), אַז איך בעט אים, ער זאָל זיך זען מיט לי־כון-טשאַנגען און מיט נאָך אַ באַאַמטן טשאַן-אין-כואַנגען און ער זאָל זיי זאָגן אין מיין נאָמען, אַז איך ראָט זיי, זיי זאָלן זיך באַמיען צו ווירקן, אַז דער אָפּמאַך, וועלכן מיר האָבן פאָרגעלייגט, זאָל אָנגענומען ווערן. דערביי האָב איך סיי דעם ערשטן, סיי דעם צווייטן צוגעזאָגט שיינע מתנות. דעם ערשטן 500,000 און דעם צווייטן 250,000 רובל. דאָס איז געווען דאָס איינציקע מאָל, ווען איך האָב ביי מיינע אונטערהאַנדלונגען מיט די כינעזער זיך באַמיט צו פאַראינטערעסירן זיי דורך כאַבאַר.

אַזוי ווי דידאָזיקע צוויי מלוכה-לייט האָבן פאַרשטאַנען, אַז דעם קוואַנטונער געביט וועט מען אונז במילא מוזן אַוועק-

געבן, ווײַל אונזערע שיפֿן זײַנען באַזעצט מיט מיליטער, וואָס איז גרייט אַרויסצוטרעטן אַ ליאַדע מינוט, האָבן זיי באַשלאָסן אַרויסצופֿאָרן צו דער קייזערין און אײַנריידן זי, אַז זי זאָל דערלויבן אונטערצושרייבן דעם אָפּמאַך.

נאָך לאַנגע באַמיאונגען האָט זיך די קייזערין אונטערגעגעבן. איך האָב באַקומען אַ דעפּעש פֿון פּאָקאָטילאָוו, אין וועלכער ער האָט מיר מודיע געווען, אַז דער אָפּמאַך וועט אונטערגעשריבן ווערן. וועגן דער דערמאָנטער דעפּעש האָב איך געמאָלדן דעם קיסר. נאָר אַזוי ווי זײַן מאַיעסטעט האָט גאָרנישט געוואוסט פֿון דידאָזיקע שריט, וואָס איך האָב אונטערגענומען, האָט ער אויף מײַן מעלדונג אָנגעשריבן: „איך ווייס נישט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך.‟ דעמאָלט האָב איך אויפֿגעקלערט דעם קיסר, אַז מיר האָט זיך אײַנגעגעבן צו ווירקן, אַז די כינעזישע רעגירונג זאָל אונטערשרייבן דעם אָפּמאַך. דעם קיסר האָט, קענטיק, די ידיעה זייער דערפֿרייט. ער האָט אָנגעשריבן אויף דער דעפּעש: „עס איז אַזוי גוט, אַז עס ווילט זיך נישט גלויבן.‟ עס איז כּדאַי צו באַמערקן, אַז אונזער באַפֿולמעכטיקטער האָט זיך שוין עטלעכע וואָכן באַמיט וועגן דעם און גאָרנישט אויסגעפֿירט.

דער אָפּמאַך איז אונטערגעשריבן געוואָרן דעם 15-טן 1898. פֿון די כינעזער האָבן אונטערגעשריבן לי-כון-טשאַן און טשאַן-אין־כואַן און פֿון אונזער זײַט—אונזער באַפֿולמעכטיקטער.

ווען די כינעזישע רעגירונג וואָלט אונז נישט נאָכגעגעבן, וואָלט אונזער הויפּטקאָמאַנדיר, אַדמיראַל דובאַסאָוו, באַקומען אַ באַפֿעל צו פֿאַרנעמען דעם קוואַנטונער געביט. מאַכן דאָס איז אייגנטלעך געווען זייער לײַכט, ווײַל די פֿעסטונג פּאָרט-אַרטור איז געווען אַן אמתע שפּילצייג און קיין מיליטער האָבן די כינעזער אין קוואַנטונער געביט אויך נישט געהאַט.

אַזויאַרום איז געמאַכט געוואָרן דער געפֿערלעכער שריט, וועלכער האָט זיך פֿאַרענדי׳קט פֿאַר אונז מיט דער אומגליקלעכער יאַפּאַנישער מלחמה און נאָכדעם מיט די באַוואַסטע מהומות. אונזערע טראַדיציאָנעלע באַציאונגען מיט כינע זײַנען אַזויאַרום

אויף אייביק צושטערט געוואָרן דורך אים. און כּינע גופא האָט ער דערפירט צו דער לאַגע, אַז דאָס קייזערטום וועט מוזן פאַלן און איינגיכן וועט דאָרט מוזן איינגעפירט ווערן אַ רעפּוּבליק. דאָס איז אַ רעזולטאַט פונם בירגערקריג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן ביי די כינעזער. דאָס פאַלן פונם כינעזער קייזערטום וועט מאַכן אַזאַ איבערקערעניש אויפן ווייטן מזרח, אַז מיר אין אייראָפּע וועלן נאָך צענדליקער יאָרן שפּירן זיינע רעזולטאַטן.

דאָס פאַרכאַפּן דעם קוואַנטונער געביט, ווי עס וועלן עס שפּעטער, אויפן גרונט פון דאָקומענטן, האָבן אַ מעגלעכקייט פעסטצושטעלן די היסטאָריקער—שטעלט מיט זיך פאָר אַן אַקט פון אומגעהערטער פאַלשקייט.

אַ שטויס צו דעמדאָזיקן אַקט האָט דער ערשטער בלי שום ספק געגעבן דער קיסר ווילהעלם מיט זיין פאַרכאַפּן טזין-טאַו. עס קען זיין, אז ער האָט זיך נישט אָפּגעגעבן קיין דין וחשבון, צו וואָס פאַר אַ פּועל יוצא דאָס וועט דערפירן. נאָר זיכער איז פונדעסטוועגן, אַז צו יענער צייט האָט זיך דער דייטשער קיסר, צוזאַמען מיט דער דייטשער דיפּלאָמאַטיע באַמיט אַריינצושלעפּן אונז אין אַוואַנטורעס אויפן ווייטן מזרח. זיי האָבן קענטיק געשטרעבט אָפּצוציען אונזערע כּוחות אויפן ווייטן מזרח, כּדי זיי זאָלן קענען זיין רואיק ביי דער מערב-גרענעץ, און דאָס האָט זיי געלונגען. מיר זיינען אריינגעשלעפּט געוואָרן אין דער יאַפּאַנישער מלחמה, מיט וועלכער מיר זיינען אַזוי שרעקלעך דורכגעפאַלן.—און אין דערזעלבער צייט איז דער קיסר ווילהעלם געוואָרן דער פלומרשטדיקער פאַרטיידיקער פון אונזער מערב-גרענעץ, פאַרשטייט זיך, נישט אומזיסט. אונטערן מאַנטל פון פריינטשאַפט האָט ער זיך דערשלאָגן פאַר דייטשלאַנד זייער גינסטיקן האַנדלס-אָפּמאַך, וועלכער איז אָבער געווען זייער שט גינסטיק פאַר רוסלאַנד.

ווי נאָר מיר האָבן פאַרכאַפּט דעם קוואַנטונער געביט, זיינען מער אָדער ווייניקער פאַראינטערעסירטע מלוכות אויפגעוודערט געוואָרן. און קודם כּל יאַפּאָניע מיט איינגלאַנד. איינגלאַנד האָט פאַרכאַפּט וויי-כאַ-וויי און יאַפּאָניע האָט גענומען

יונות.

ארויסווייזן ענלעכע אַפּעטיטן צו קאָרייע.

גראַף מוראַוויאָוו האָט זיך, קענטיק, נישט געריכט אויף דעם; ער האָט דאָך פּאַרזיכערט דעם קיסר, אַז אלץ וועט אַראָפּ־גיין גלאַט און רואיק. ער האָט אפילו גאַראַנטירט דערפאַר. און צוליב דעם איז ער גלייך געגאַנגען אויף הנחות און האָט גע־שלאָסן אַן אָפּמאַך מיט איינגלאַנד און יאַפּאַניע.

איינגלאַנד האָט ער צוגעזאָגט, אַז קוים וועלן מיר נאָר מאַכן פּאָרט־אַרטור פּאַר אונזער האַפן, אין וועלכן מיר וועלן נישט אַריינלאָזן קיין אויסלענדישע שיפן, איז זיך רוסלאַנד מתחייב אויסצובויען נעבן פּאָרט־אַרטור אַ גרויסן האַנדלסהאַפן, אין וועלכן עס וועלן האָבן אַ צוטריט די שיפן פון אַלע מלוכות און אז דערדאָזיקער האַפן וועט זיין פריי פון אָפּצאָלונגען, ד. ה. דאָס וועט זיין אַ פרייער פּאָרט.

עס פאַרשטייט זיך, אז אַזאַ מין הבטחה, וואָס איז גע־געבן געוואָרן איינגלאַנד און דער גאַנצער וועלט, האָט אַ ביסל פאַרגלעט דעם איינדרוק, וואָס האָט זיך געשאַפן צוליב אונ־זער פאַרכאַפּן, אָבער זי האָט נישט אינגאַנצן באַרואיקט. דער־עיקרשט איז יאַפּאַניע אומצופרידן געוועזן. דערפאַר האָבן מיר ביסלעכווייז גענומען זיך ארויסרוקן פון קאָרייע.

ווי מיר איז שוין פריער אויסגעקומען צו דערציילן, האָט דער אָפּמאַך, וואָס מיר האָבן געשלאָסן אין דער צייט פון דעם קיסרס קרוינונג מיט יאַפּאַניע, אונז געגעבן גרויסע פּריווילעגיעס אין קאָרייע. און איינע פון די וויכטיקסטע איז געוועזן דאָס, וואָס מיר האָבן דעם גאַנצן פינאַנץ־וועזן פון קאָרייע געהאַלטן אין אונזערע הענט. ביים קאָרייאישן קיסר האָט זיך געפונען אונזער פינאַנציעלער ראַט־געבער, וועלכער האָט געשפּילט די ראָלע פון אַ פּאַקטישן פינאַנצמיניסטער. דערדאָזיקער ראַטגעבער איז געוועזן אַלעקסייעוו, וועלכער איז פריער געוועזן פאַרוואַלטער אין צאָל־דעפּאַרטאַמענט.

אַלעקסייעוון האָט זיך אין אַ קורצער צייט איינגעגעבן צו באַאיינפלוסן דעם קאָרייאישן קיסר, ער זאָל אים דערלויבן אָנצופירן מיט די פינאַנסן פון זיין לאַנד. און ביסלעכווייז וואָלט

זיך אים בלי שום ספק איינגעגעבן אַריינצונעמען אין זיינע הענט דעם גאַנצן פינאַנציעלן און עקאָנאָמישן וועזן פון קאָרייע.

איצט אָבער נאָכדעם ווי דער קוואַנטונער געביט איז פאַרכאַפּט געוואָרן, איז מוראַוויאָוו, מורא האָבנדיק פאַר אַ מיליטערישן צוזאַמענשטויס מיט יאַפּאָניע, געצוואונגען געווען אונטער איר דרוק, זיך אָפּצוזאָגן פון אַלע פּריווילעגיעס און אויך צוריקציען אונזער פינאַנציעלן בעל יועץ ביים קאָרייאישן קיסר.

סיי די מיליטערישע און סיי די פינאַנציעל־עקאָנאָמישע ווירקונג אונזערע אין קאָרייע, איז אַרויסגענומען געוואָרן פון אונזערע הענט און איז איבערגעגעבן געוואָרן אין די הענט פון די יאַפּאָנישע אַגענטן.

און צום סוף, כדי ענדגילטיק צו באַרואיקן יאַפּאָניע, איז דעם 13־טן אַפּריל 1898 אונטערגעשריבן געוואָרן אַן אָפּמאַך מיט יאַפּאָניע, לויט וועלכן מיר גיבן איר אָפּן איבער די דאָמינירנדיקע ווירקונג איבער קאָרייע. מצד יאַפּאָניע איז דאָס אויך אַזוי פאַרשטאַנען געוואָרן און זי האָט זיך באַרואיקט.

וואָלטן מיר דעם אויבנדערמאָנטן אָפּמאַך געהיט, וואָלטן מיר אין זיין גייסט געפירט אונזער פּאָליטיק, ד. ה. איבערגעגעבן יאַפּאָניע די השפעה איבער קאָרייע, וואָלטן זיכער אויף אַ לייַנגערע צייט איינגעשטעלט געוואָרן פרידלעכע באַציאונגען צווישן יאַפּאָניע און רוסלאַנד.

אומקערנדיק זיך צו אונזער אָפּמאַך מיט כינע פון 15־טן מערץ 1898, האָב איך נאָך געוואָלט צוגעבן אָט וואָס: זינט לי־כון־טשאַן האָט אונטערגעשריבן דעם אָפּמאַך, האָט ער אינגאַנצן פאַרלאָרן זיין פּרעסטיזש אין כינע, אָבער אויף אַזוי ווייט, אַז ער האָט געמוזט פאַרלאָזן זיין גרויסן מלוכה־פּאָסטן, וועלכן ער האָט צו יענער צייט פאַרנומען און איז געוואָרן אַ גענעראַל־גובערנאַטאָר אין דרום פון כינע.

דער צווייטער באַאַמטער, וואָס האָט אונטערגעשריבן דעם אָפּמאַך, טשאַן־אין־כואַן, איז אין דער צייט פון באָקסער־אויפשטאַנד פאַרשיקט געוואָרן ערגעץ טיף אין כינע און איז דאָרט

פאַרזעצט געוואָרן אין אַ תפיסה, וואו מען האָט אים דערשטיקט, אָדער געשאָכטן.

דער דעמאָלטיקער כינעזישער געזאַנדטער אין פעטערבורג און אין בערלין סאַן-קינג-שען, אַ גאַנץ סאָלידער און אָנשטענדיקער כינעזער, איז אין פעקין עפנטלעך געקעפּט געוואָרן.

דידאָזיקע פּאָר פאַקטן באַווייזן, ווי אַזוי די געזעלשאַפט-לעכע מיינונג פון כינע האָט זיך באַצויגן צו דעם, וואָס מען האָט אונז אָפּגעגעבן דעם קוואַנטונער געביט.

נאָכדעם, ווי ס'איז איינגענומען געוואָרן דער קוואַנטונער געביט, האָט זיך ערנסט אַוועקגעשטעלט די פראַגע וועגן דער פאַרשטאַרקונג פון אונזער פלאָט. צוליב דעם האָט דער גענע-ראַל-אַדמיראַל גרויספירשט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש, אָנפאַנג יאָר 1898, זיך געווענדט צו מיר מיט אַ פראַגע, צי וואָלט די מלוכה-קאַסע נישט געקאָנט אויסטיילן אַ ספּעציעלן קרעדיט אויסערן ביודזשעט, צו בויען שיפן לויט דער פּראָגראַם, וואָס איז באַשטעטיקט געוואָרן דורכן קיסר. פאַר מיר איז געווען קלאָר, אַז קוים זיינען מיר שוין יאָ אַריינגעקראָכן אין קוואַנטונער געביט, מוז מען שוין אויך האָבן אַ געהעריקן פלאָט. און וויבאַלד אַזוי, האָב איך געהאַלטן, אַז די מיטלען דאַרפן געשאַפן ווערן. כדי צו פאַרענדיקן ענדגילטיק מיט דעמדאָזיקן ענין, האָט זיין מאַיעסטעט באַשטימט אַ קליינע באַראַטונג, צו וועלכער עס זיינען איינגעלאַדן געוואָרן איך און דער גרויס-פירשט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש. אויף דערדאָזיקער קליינער זיצונג איז באַשלאָסן געוואָרן, אויסערן ביודזשעט פאַרן יאָר 1898, וועלכער איז דעמאָלט גילטיק געווען, אויסצעטיילן ניינציק מיליאָן רובל אויף צו פאַרברייטערן אונזער פלאָט. זיין מאַ-יעסטעט איז זייער צופרידן געווען פון דעם באשלוס און דאָס האָט מיטגעהאָלפן, אַז זיין מאַיעסטעט זאָל זיך ווידער אָנהויבן באַציען גוט צו מיר. דער קיסר האָט אפילו באַוויליקט אַרויס צוגעבן דעם 26-טן פעברואַר אויף מיין נאָמען אַ גנעדיק באַפעל.

דעם האַנדלס־האַפן, וואָס מיר האָבן באַשלאָסן אויסצובויען נעבן פּאָרט־אַרטור, אין דער דאַ־ליאַן־וואַנער בוכטע, האָט דער קיסר, לויט מיין פאָרשלאָג, אַ נאָמען געגעבן „דאַלני”. דערדאָזיקער נאָמען האָט אַנטשפּראָכן דער פּראַקטישער לאַגע. דער האַפן איז געווען זייער ווייט פון רוסלאַנד.

איך האָב איבערגעגעבן דאָסדאָזיקע ערנסטע און אינטערעסאַנטע בלאַט פון אונזער געשיכטע אין אַלגעמיינע שטריכן. אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלעך וועל איך זיך נאָך אפשר אומקערן צו איינצעלנע עפּיזאָדן, וואָס האָבן אַ שייכות צו דעמדאָזיקן בלאַט געשיכטע. בכלל גענומען, פּרעטענדירן נישט מיינע דערציילונגען אויף סיסטעמאַטישקייט און פולשטענדיקער פּינקטלעכקייט, ווייל איך בין לגמרי נישט צוגעגרייט צו זיי. איך נעם פון מיין זכרון בלויז דאָס, וואָס איך געדיינק, גיב עס אַזוי איבער און אַזוי ווערט עס סטענאָגראַפירט. איך האַלט אָבער פאַר מיין חוב צו באַמערקן, אַז אין אַלגעמיינע שטריכן איז אַלץ, וואָס איך דערצייל, אמת און אַז די אומשטענדן פון דעם אַלעם זיינען געשילדערט געוואָרן אָביעקטיוו און געוויסנהאַפט.

## קאַפּיטל זיבן.

# א. ב. קוראָפּאַטקין.

דער גענעראַל־אַדיוטאַנט וואַנאָווסקי איז אַוועק פון זיין פּאָסטן אַלס קריגסמיניסטער, ווי עס איז פּראָטאָקאָלירט געוואָרן און ווי מען האָט געשמועסט, צוליב זיין קראַנקהייט. אינדער־אמתן אָבער איז ער אַוועק דערפאַר, ווייל ער האָט געפילט, אַז ער קאָן שוין איצט נישט פאַרוואַלטן מיט זיין מיניסטעריום אזוי אויטאָריטעטיש, ווי דאָס איז געווען פאר די צייטן פון אלעקסאנדער III. פון זינט דער יונגער קיסר איז ארויף אויפן טראָן, האָבן די גרויספירשטן באקומען אזא השפּעה און זיך אַזוי געמישט אין אַלע ענינים, אַז ער האָט דאָס נישט געקאָנט פאַרטראָגן און עס פלעגן אַרויסקומען צווישן אים און זיי שטענדיקע רייבונגען.

גענעראַל־אַדיוטאַנט וואַנאָווסקי איז געווען אַ מענטש מיט אַ פעסטן, אויטאָריטעטן כאַראַקטער און אַ גרויסער עקשן. ער איז געווען קריגסמיניסטער פאַר דער גאַנצער צייט פון אַלעקסאַנדער III ממשלה. אין די אויגן פון אונזער יונגן קיסר איז ער געווען אַ שטאַרקער אויטאָריטעט, און דאָס האָט אים אין

אַ געוויכן זיין געשטערט. צוליב דעם איז דער קיסר פֿון זיין זייט אויך געווען צופֿרידן, וואָס ער ווערט באַפֿרייט פֿון איינעם פֿון זיין פֿאָטערס מיניסטאָרן, וועלכע האָבן זיך אין באַצוג צום יונגן קיסר אָפֿטמאָל געהאַלטן נישט ווי מיניסטאָרן, נאָר ווי מענטאָרן.

דער קיסר האָט געבעטן וואַנאָווסקין, ער זאָל אים אָנווייזן, ווער, אַ שטייגער, וואָלט אים געקאָנט פֿאַרבייטן.

ווי וואַנאָווסקי האָט מיר שפּעטער דערציילט, האָט ער אָנגעוויזן דעם קיסר אויפֿן שטאַב־פֿאַרוואַלטער אָברוטשעוון. ער האָט אָבער דערביי באַמערקט, אַז אָברוטשעוו אַליין האָט קיינמאָל נישט אָנגעפֿירט מיט מיליטערישע טיילן, אַז ער איז גיכער אַ קאַבינעט־געלערנטער, אַ בעל־יועץ און אַז דאָס איז די שוואַכע זייט פֿון דער קאַנדידאַטור.

דערנאָך האָט ער אים אויך אָנגעוויזן אויפֿן פֿאַרוואַלטער פֿון דער קאַנצעלאַריע לאָבקאָ. צו אים האָט זיך דער קיסר באַצויגן סימפּאַטישער, ווי צו אָברוטשעוון. לאָבקאָ איז אַמאָל געווען דעם קיסרס אַ לערער. אָבער אויך דער האָט געהאַט דעמזעלבן חסרון: ער האָט קיינמאָל נישט אָנגעפֿירט מיט מיליטער.

וואַנאָווסקי האָט אויך גערעדט מיטן קיסר וועגן קוראָפּאַטקינען. ער האָט אָנגעוויזן, אַז קוראָפּאַטקין האָט זיין גאַנץ לעבן פֿאַרבראַכט צווישן מיליטער, דאָרטן האָט ער געמאַכט זיין גאַנצע קאַריערע. ער האָט אַ סך צייט אָנגעפֿירט מיטן מיליטער, סיי אין שלום און סיי אין קריג. און ער האָט געהאַט זייער אַ גוטן נאָמען אין דער מיליטערישער וועלט. ער איז אָבער נאָך געווען אַ יונגער מענטש און וואַנאָווסקי האָט געהאַלטן, אַז ער איז נאָך נישט גענוג צוגעגרייט צו פֿאַרנעמען דעם פּאָסטן פֿון אַ קריגסמיניסטער. דעריבער האָט ער געראַטן אַזוי צו טאָן: אַלס קריגסמיניסטער זאָל מען באַשטימען אָברוטשעוון אָדער לאָבקאָן און קוראָפּאַטקינען זאָל מען דערווייל מאַכן פֿאַרן שעף פֿון הויפּטשטאַב, כדי ער זאָל אין אַ קורצער צייט אַרום קאָנען פֿאַרנעמען דעם מיניסטאָרן־פּאָסטן.

ווי עס ווייזט אויס, האָט שוין אָברוטשעוו פריער גע־וואוסט פון דעם פאָרשלאָג, ווייל ער האָט זיך געריכט, אַז ער וועט ווערן מיניסטער און קוראָפּאַטקין שעף פון הויפּטשטאַב.

ווען קוראָפּאַטקין איז געווען פּאַרטרעטער פון דעם הינטער־קאַספּישן געביט, איז ער, אַ דאַנק זיין מיליטערישן עבר, געווען באַרימט אין גאַנץ רוסלאַנד. און ווען אין יאָר 1897 איז גע־שטאָרבן דער פּערסישער שאַך און אויפן טראָן איז אַרויף זיין זון, האָט זיין מאַיעסטעט באַפולמעכטיקט קוראָפּאַטקינען צו באַ־גריסן דעם נייעם שאַך מיט זיין אַרויפגיין אויפן טראָן.

פון דאָרטן איז קוראָפּאַטקין געקומען צופאָרן דירעקט קיין פּעטערבורג און האָט דערלאַנגט דעם קיסר אַ מעמאָראַנדום. דערדאָזיקער מעמאָראַנדום איז אינטערעסאַנט פון היסטאָרישן שטאַנדפּונקט אין דעם זין, וואָס ער ווייזט אונז, אַז צו יענער צייט איז געווען אַ גאַנץ נאַטירלעכע זאַך, וואָס מיר האָבן באַ־טראַכט פּערסיע ווי אַ מלוכה, וועלכע געפינט זיך סיי אונטער אונזער פּראָטעקטאָראַט, סיי אונטער אונזער פולסטער השפּעה.

אַנדערש געזאָגט, מיר האָבן דעמאָלט געקאָנט מאַכן מיט פּערסיע דאָס, וואָס מיר האָבן נאָר געהאַלטן פאַר נויטיק.

ווען מען זאָל פאַרגלייכן די לאַגע פון יענער פּערסיע מיט דער לאַגע פון דער היינטיקער פּערסיע—הגם פון יענער צייט אָן זיינען אַוועק קנאַפּע פופצן יאָר, איז ממש צו באַוואונ־דערן די ענדערונג, וואָס דאָרט איז פאָרגעקומען. און דאָס איז אויך געווען אַ פּועל־יוצא פון אונזער בלוטיקער פּאָליטיק אויפן ווייטן מזרח.

קוראָפּאַטקין איז אַרויסגערופן געוואָרן פון הינטערקאַספּישן געביט. באַלד ווי ער איז געקומען צופאָרן, האָט ער זיך גע־מאָלדן צום קריגסמיניסטער און פון דאָרטן איז ער אַוועק צום קיסר. איך ווייס נישט, וואָס דער קיסר האָט גערעדט מיט אים. איך ווייס נאָר, אַז פון אים איז ער גלייך אַוועק צו אָברו־טשעוון.

ווען אָברוטשעוו האָט אים אויפגענומען, איז ער געווען זיכער, אַז קוראָפּאַטקין וועט אים דאָ אויפן אָרט זאָגן, אַז ער,

אָברוטשעוו, איז באַשטימט געוואָרן פאַר אַ קריגסמיניסטער און קוראָפּאַטקין וועט איבערנעמען די שטעל פון שעף פון גענעראַל-שטאַב, און אַלס אַזעלכער איז ער דאָס געקומען צו אים ווי צום נייעם קריגסמיניסטער.

ווי גרויס איז אָבער געווען אָברוטשעווס פאַרוואונדערונג, ווען ער האָט דערהערט פון קוראָפּאַטקינען, אַז ער—קוראָפּאַטקין איז באַשטימט געוואָרן פאַר אַ פאַרוואַלטער פון קריגסמיניסטעריום און האָט איצט בלויז געבעטן אברוטשעוון, ער זאָל לכל הפחות אַ געוויסע צייט נאָך בלייבן שעף פון גענעראַל-שטאַב. אָברו-טשעוון האָט דאָס שטאַרק פאַרדראָסן.

מיך וואונדערט נישט, וואָס דער יונגער גענעראַל קוראָ-פּאַטקין, וועלכער האָט געהאַט אַזאַ נאָמען אין רוסלאַנד און האָט נאָך דערצו זיך געקענט האַלטן אַזוי הכנעהדיק מיט הע-כערע פון אים, האָט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק אויפן קיסר. פאַר מיר איז אויך גאַנץ פאַרשטענדלעך, וואָס זיין מאַיעסטעט האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף קוראָפּאַטקינס קאַנדידאַטור.

די געזעלשאַפט האָט דעמאָלט געהאַט אַזאַ גוטע מיינונג וועגן קוראָפּאַטקינען, אַז ווען מען וואָלט געשטעלט צו דער אָפּשטימונג די פראַגע: וועמען זאָל מען באַשטימען פאַר אַ קריגסמיניסטער, וואָלט זיך די מערהייט אַרויסגעזאָגט פאַר קו-ראָפּאַטקינען. אַז די געזעלשאַפט האָט זיך אָפּגענאַרט אין אים, האָט זיך ערשט בולט אַרויסגעוויזן בעת דער מלחמה מיט יאַ-פּאָניע, ווען קוראָפּאַטקין איז באַשטימט געוואָרן פאַר אַ הויפּט-קאָמאַנדיר.

ווען קוראָפּאַטקין איז באַשטימט געוואָרן פאַר אַ הויפּט-קאָמאַנדיר, איז שוין דער קיסר צו אים קאַלט געווען און ער האָט שוין פאַרשטאַנען זיינע שוואַכע זייטן. און מען קאָן זאָגן, אַז קוראָפּאַטקין איז באַשטימט געוואָרן נישט ווייל דער קיסר האָט דאָס געוואָלט, נאָר ווייל דאָס האָבן געפאָדערט די צייטונ-גען און די געזעלשאַפטלעכע מיינונג. הויפּטזעכלעך איז געשטאַ-נען פאַר אים די „נאָוואָיע ווערמיאַ" און איר מיטאַרבעטער מענשיקאָוו.

לכתחילה איז קוראָפּאַטקין זייער אָנגענומען געווען ביים קיסר און אפילו די קייזערין האָט זיך באַצויגן צו אים מיט סימפּאַטיע, נאָר לאַנג האָט דאָס נישט געדויערט, און עס איז קיין חידוש נישט. וואָס איז שייך דער קייזערין, האָט אויף איר נישט געקאָנט מאַכן קיין איינדרוק אַ מענטש, ווי אַלעקסיי ניקאָלאַיעוויטש קוראָפּאַטקין, וועלכער האָט זיך אין דער געזעל-שאַפט געהאַלטן ווי אַ שרייבערל פון אַ שטאַב-קאַנצעלאַריע.

דער גענעראַל קוראָפּאַטקין האָט פאָרגעשטעלט מיט זיך אַ טיפּישן אָפיציר פון גענעראַלשטאַב פון די זעכציקער-זיבעציקער יאָרן, וועלכער האָט אָבער אינדערהיים נישט באַקומען קיין שום דערציאונג און בילדונג. קיין פרעמדע שפּראַכן האָט ער נישט געקענט און האָט בכלל נישט פאַרמאָגט קיין שום גלאַנץ, נאָר ריידן און שרייבן האָט ער געקאָנט וועגן וואָס איר ווילט און וויפיל איר ווילט. און בכלל האָט ער געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ פעסטן און בראַוון גענעראַל.

קוראָפּאַטקין פלעגט איינגעלאַדן ווערן צום קיסרס טיש צו די פרישטיקן. פאַר יענער צייט פלעגט דער קיסר דערמיט אַרויסווייזן זיין סימפּאַטיע צו געוויסע פּערזאָנען. צו דערדאָזי-קער זכיה האָבן זיך אין די ערשטע יאָרן פון זייער דינסט דערהויבן בלויז צוויי מיניסטאָרן: גראַף מוראַוויאָוו און קוראָ-פּאַטקין, דעם פּאָטערס מיניסטאָרן, ד. ה. די אַלטע פלעגט מען אָדער גאָרנישט איינלאַדן, אָדער זייער זעלטן. די דאָזיקע צוויי אָבער פלעגן איינגעלאַדן ווערן שטענדיק נאָך די באַריכטן.

דער ערשטער פלעגט מיט זיינע אינטערעסאַנטע, הגם גאַנץ פלאַכע וויצן אויסנעמען ביי דער קייזערין און דער צוויי-טער האָט באַזונדערס אויסגענומען ביים קיסר. אָבער דער קיסר אַליין איז אין דעם פאַל ווייניק געווען: האָט עמיצער געוואָלט איינגעלאַדן ווערן, האָט ער געמוזט אויך דער קייזערין געפעלן. קוראָפּאַטקין האָט דאָס גאַנץ גוט פאַרשטאַנען.

אין יאָר 1898, ווען איך האָב געוואוינט אויף דער יעלאַ-גין-אינזל און קוראָפּאַטקין אויף דער קאַמעני-אינזל איז מיר

אויסגעקומען איינמאָל אין אָוונט אַריינצוגיין צו אים וועגן עפּעס אַן אייליקן ענין. דאָס איז געווען ערב אַ באַריכט, וואָס דער קריגסמיניסטער האָט געדאַרפט אָפּגעבן דעם קיסר.

ווען איך האָב פאַרענדיקט מיין ענין, האָב איך גלייך געוואָלט אַוועקגיין, אָבער ער האָט מיך פאַרהאַלטן. דעמאָלט האָב איך אים געזאָגט:

—איך וויל אייך נישט באַאומרואיקן, ווייל מאָרגן האָט איר אַן אַלאַונטערטעניקסטן באַריכט און איר דאַרפט זיך זיכער צוגרייטן.

דערויף האָט מיר קוראָפּאַטקין געענטפערט:

—ניין, מיין באַריכט ווייס איך זייער גוט, אָבער איך לייען גאָר איצט טורגעניעוון, ווייל נאָכן באַריכט עס איך אַלע-מאָל פרישטיק ביים קיסר צוזאַמען מיט דער קייזערין און אָט ווילט זיך מיר ביסלעכווייז באַקענען די קייזערין מיט רוסישע פּרויענטיפּן.

אין אַ יאָר אַרום האָט דער קיסר דעם פרילינג פאַרבראַכט אין יאַלטע. עס זיינען געווען טונקעלע טעג. איינמאָל, ווען קוראָפּאַטקין האָט זיך אומגעקערט פון אַ באַריכט, איז ער אַריינ-געפאָרן צו מיר אויף דער זומערוואוינונג. צווישן אַנדערן האָט ער מיר דעמאָלט דערציילט אָט וואָס: די גאַנצע צייט פון מיין באַריכט איז היינט געווען זייער אַ טונקל וועטער און דער קיסר איז אויך געווען שטאַרק באַטריבט. פּלוצלונג זע איך דורכן פענסטער, ווי די קייזערין איז אַרויס אויפן באַלקאָן אין אַ גרויסאַרטיקן קאַפּאָט. רוף איך מיך אָן צום קיסר: אייער מאַ-יעסטעט, די זון האָט זיך באַוויזן. האָט דער קיסר מיר געענט-פערט—וואו זעט איר דאָרטן די זון? זאָג איך אים—קערט זיך אום, אייער מאַיעסטעט. האָט דער קיסר זיך אומגעקערט און דערזען אויפן באַלקאָן די קייזערין, דעמאָלט האָט ער אַ שמייכל געטאָן און איז פריילעכער געוואָרן.

ווען איך רייד וועגן קוראָפּאַטקינען, דערמאָן איך זיך אַלעמאָל וועגן דער כאַראַקטעריסטיק, וואָס א. א. אַבאַזאַ האָט

וועגן אים געגעבן. ווען מיר איז אויסגעקומען צו ריידן מיט אבאזאן וועגן קוראָפּאַטקינען, איז דער לעצטער נאָך געווען אַ גענעראַל. ווען מיר וואָלטן געלעבט אין די אוראַלטע צייטן, וואָלט מען געזאָגט, אַז אַבאַזאַ איז אַ נביא. אויף אַזוי ווייט ריכטיק האָט זיך אַרויסגעוויזן זיין מיינונג. געזאָגט האָט ער אָט וואָס:

—איר זייט נאָך אַ מענטש אַ יונגער, איך בין שוין אַלט. דאָס, וועגן וואָס איך רייד, וועל איך שוין נישט זען, איר וועט דאָס אָבער יאָ זען. גענעראַל קוראָפּאַטקין איז אַ קלוגער גענעראַל, אַ העלדישער גענעראַל—ער וועט מאַכן אַ גרויסע קאַר־יערע, ער וועט זיין קריגסמיניסטער. אָבער וואָס רייד איך קריגסמיניסטער, ער וועט זיין אַ סך העכער פון אַ מיניסטער. ווייסט איר אָבער מיט וואָס דאָס וועט זיך ענדיקן?

—ניין,—זאָג איך,—כ'ווייס נישט.

—ענדיקן וועט זיך עס דערמיט,—זאָגט ער,—וואָס אַלע וועלן זיך אַנטוישן אין אים. און ווייסט איר פאַרוואָס?

—ניין, איך ווייס נישט,—האָב איך געענטפערט.

—ווייל ער איז,—זאָגט ער,—אַ קלוגער גענעראַל, אַ העל־דישער גענעראַל, אָבער א נשמה האָט ער פון אַ שרייבערל פון אַ שטאַב-קאַנצעלאַריע.

אַזוי האָט זיך דאָס טאַקע אַרויסגעוויזן.

וועגן קוראָפּאַטקינען וועט מען נאָך מיט דער צייט פיל שרייבן, ווייל ער האָט אַ היבשן חלק אין די אומגליקן, וואָס זיינען אויסגעפאַלן פאַר דער צייט פון ניקאָלאַי II ממשלה. ער אַליין וועט איבערלאָזן וועגן זיך גאַנצע בענדער. ער פירט שוין לאַנג טאָגביכער, וואו ער שרייבט אַריין אַלע זיינע שמועסן. איך מוז אייך זאָגן, אַז דידאָזיקע טאָגביכער זיינען, ווייך גע-זאָגט, זייער סוביעקטיוו.

עטלעכע מאָל האָט ער מיר פאַרגעלייענט די שמועסן, וואָס ער האָט מיט מיר געהאַט. איך האָב איינגעפונען, אַז זיי זיינען אַלע פאַלש און נישט ריכטיק איבערגעגעבן.

מיט זײַנע טאָגבּיכער איז פֿאָרגעקומען אַזאַ מין קוריאָז. זײַן מיניסטאָרנשטעלע האָט ער געמוזט פֿאַרלאָזן קעגן זײַן ווילן. דער קיסר האָט נישט געוואָלט, ער זאָל פֿאַרבלײַבן. אַרויסגעשטויסן האָבן אים בעזאָבראַזאָוו מיט זײַן חברה. לכתּחילה איז ער געווען אײנער פֿון די הויפּטשו, דיקע אין די מיטלען, וואָס האָבן אונז דערפֿירט צו דער מלחמה. ער האָט אַלץ געהעצט דעם קיסר צו אַ פֿאַרכאַפּונגס-פּאָליטיק, נישט צו רעכענען זיך מיט די אינטערעסן פֿון כינע און יאַפּאָניע. דאָס איז געווען קעגן מיר, ווי אויך קעגן די טענדענצן פֿונם אויסערנמיניסטער גראַף לאַמסדאָרף. דאָס אַלץ איז דאָקומענטאַל באַשטעטיקט געוואָרן אין אַ דערהאַלטענעם כּתב-יד „וועגן דער אַנשטייאונג פֿון דער יאַפּאַנישער מלחמה".

ווען עס האָט זיך באַוויזן אויף דער סצענע בעזאָבראַזאָוו מיט זײַן חברה, האָט קוראָפּאַטקין געענדערט זײַן טאַקטיק. איך ווייס נישט, צי זאָל ער זיך האָבן דערשראָקן פֿאַר זייערע מעשים, וועלכע האָבן אומפֿאַרמײַדלעך געפֿירט צו אַ מלחמה, אָדער אויס אײפֿערזוכט צו דידאָזיקע חברהלײַט, אָבער ער האָט זיי געשטעלט אַ שאַרפֿן ווידערשטאַנד, אָדער אַנדערש געזאָגט, ער איז צוגעשטאַנען צו מיר און צום גראַף לאַמסדאָרף. ווען ער האָט אָבער דערשפּירט, אַז זיי זײַנען געוואָרן אַזאַ קראַפֿט, אַז ער וועט זיי שוין נישט בײַקומען, האָט ער גענומען זוכן קאָמפּראָמיסן מיט זיי, אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט. זיי האָבן אים געצוואונגען אַוועקצוגיין. כּדי צו פֿאַרזיסן אים דידאָזיקע פּיל, האָט אים דער קיסר בײַם באַפֿרײַען געפֿרעגט, וועמען, אַ שטײַגער, וואָלט ער געראָטן צו באַשטימען אַלס קריגסמיניסטער. קוראָפּאַטקין האָט אָנגעוויזן אויף עטלעכע מענטשן. דער קיסר האָט אים געפֿרעגט, ווי האַלט ער פֿון סאַכאַראָוון. קוראָפּאַטקין האָט זיך וועגן אים זייער שלעכט אָפּגערופֿן, אָבער סאַכאַראָוו איז גלײַך נאָך דעמדאָזיקן געשפּרעך באַשטימט געוואָרן פֿאַרן קריגסמיניסטער, ווײַל דאָס איז שוין פֿון פֿריער באַשלאָסן געווען און דער גאַנצער שמועס מיט קוראָפּאַטקינען איז נאָר געווען לפּנים, פֿון אײדלקייט וועגן. אָבער אין דעמ-

זעלבן טאָג, נאָך איידער קוראָפּאַטקין האָט געוואוסט, אַז דער קיסר וועט אים פֿאָרלייגן אַוועקצוגיין, האָט ער אָנגעוויזן אַ רייע מיטלען, וועלכע עס מוזן אָנגענומען ווערן אין צוזאַמענהאַנג מיט דער באַפֿאָרשטייענדיקער מלחמה. שפּעטער איז קוראָפּאַטקין באַשטימט געוואָרן אַלס קאָמאַנדיר פֿון דער מאַנדזשורער אַרמיי. אין דערזעלבער צייט איז אַדמיראַל אַלעקסייעוו פֿאַרבליבן הויפּטקאָמאַנדיר. דידאָזיקע באַשטימונג האָט דעמאָלט אַנטשפּראָכן דער איינהייטלעכער געזעלשאַפֿטלעכער מיינונג, אויף וויפֿיל דידאָזיקע מיינונג האָט בכלל געקאָנט קומען צום אויסדרוק. ווען קוראָפּאַטקין איז נאָך דערדאָזיקער באַשטימונג געקומען צום קיסר, האָט ער געבעטן זיין מאַיעסטעט דורכצופֿירן די מיטלען, וועלכע ער האָט אָנגעוויזן ביי זיין לעצטן באַריכט, אַלס קריגסמיניסטער. דער קיסר האָט געענטפֿערט, אַז ער וועט עס באַפֿעלן סאַכאַראָוון. און אַזוי ווי ער האָט געוואוסט, אַז קוראָפּאַטקין פֿירט טאָגביכער, האָט ער אים געבעטן, ער זאָל אים צושיקן זיין טאָגבוך, כדי ער זאָל קאָנען קלאָר פֿאָרמולירן זיין באַפֿעל. נאָך אין דעמזעלבן טאָג האָט קוראָפּאַטקין צוגעשיקט צוויי העפֿטן פֿון זיין טאָגבוך. אין דעם ערשטן העפֿט זיינען באַשריבן געווען די מיטלען, וועלכע קוראָפּאַטקין האָט פֿאָרגעלייגט און דער שמועס וועגן זיין דעמיסיע. דערדאָזיקער שמועס האָט זיך פֿאַרענדיקט אין דעם צווייטן העפֿט, וואו עס זיינען שוין אויך פֿאַרנאָטירט געווען די מיינונגען וועגן די קאַנדידאַטן אויף דעם פּאָסטן פֿון אַ קריגסמיניסטער. זיין מאַיעסטעט האָט אָנגעשריבן סאַכאַראָוון, ער זאָל דורכפֿירן די מיטלען, וואָס קוראָפּאַטקין לייגט פֿאָר אין זיין טאָגבוך. אָבער אָנשטאָט צו שיקן סאַכאַראָוון דאָס ערשטע העפֿט, האָט ער געשיקט דאָס צווייטע.

באַקומען דעמדאָזיקן באַפֿעל, עפֿנט סאַכאַראָוו דאָס העפֿט און לייענט: „איך ראַט נישט צו באַשטימען סאַכאַראָוון: ער האָט קיינמאָל נישט פֿאַרנומען קיין ערנסטן פּאָסטן אין דער אַרמיי. ער איז געוואָרן צו דיק און צו פֿעט און איז אַ שרעקלעכער פֿוילער..."

---

ס. י. וויטע.

סאַכאַראָוו איז נישט לאַנג געווען קריגסמיניסטער. ער איז לכתחילה באַשטימט געוואָרן, ווייל דאָס האָט געוואָלט דער גרויספירשט ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש, וועלכער האָט גערעכנט, אַז ער וועט זיין נישט מער ווי אַ ווערקצייג אין זיינע הענט. און ווען עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט אַ טעות געהאַט, איז סאַכאַראָוו באַפרייט געוואָרן פון זיין שטעל.

איידער מיר וועלן פאַרענדיקן דעמדאָזיקן קאַפּיטל, איז נאָך כדאי מיט אַ פּאָר ווערטער צו דערמאָנען, ווי אַזוי סקאָבעליעוו, דער באַרימטער פלעוונע-העלד האָט זיך אָפּגערופן וועגן קוראָפּאַטקינען. ווי עס איז באַוואוסט, איז קוראָפּאַטקין געווען דער שעף פון סקאָבעליעווס שטאַב. סקאָבעליעווס מיינונג ווייס איך נישט פון אים פערזענלעך, נאָר פון זיין שוועסטער, פירשטין ביעלאָסעלסקי-ביעלאָזערסקי. זי האָט מיר דערציילט, אַז איר ברודער האָט זייער ליב געהאַט קוראָפּאַטקינען, אָבער ער פלעגט אַלעמאָל זאָגן: ער איז זייער אַ דרייסטער אָפיציר, פירט זייער גוט דורך אַ באַפעל, אָבער ער קען אַליין נישט באַפעלן, און האָט נישט די מינדסטע פעאיקייט פון אַ פירער. עס פעלט אים דער זעלנערישער אָדער, ער פאַרמאָגט נישט קיין זעלנערישן כאַראַקטער. ער איז דרייסט אין דעם זין, וואָס ער האָט נישט קיין מורא פאַרן טויט, ער איז אָבער גלייכציי־טיק אַ פּחדן אין דעם זין, וואָס ער איז קיינמאָל נישט בכוח אָנצונעמען אַ באַשלוס צוזאַמען מיט דער אחריות פאַר דעם־דאָזיקן באַשלוס.

## קאַפּיטל אַכט.

# מײַן נסיעה קיין פּאַריז אויף דער אויס־שטעלונג. אין קאָפּענהאַגען. דעם קיסרס קראַנקהייט. די פראַגע וועגן דער טראָן־ירושה.

אין הערבסט 1900 בין איך, אַלס רוסישער מיניסטער פאַר פינאַנסן, האַנדל און אינדוסטריע, געפאָרן קיין פּאַריז אויף דער אַלוועלטלעכער אויסשטעלונג. ווען איך בין דורכגעפאָרן קאָפּענ־האַגען, האָט מען מיר געגעבן צו וויסן, אַז די קייזערין מאַריע פיאָדאָראָוונע (זי איז דאָרטן גראָד דעמאָלט געווען) וואָלט גע־וואָלט, איך זאָל אַהין פאַרפאָרן. איך בין געפאָרן אַהין צוזאַמען מיט גרובע. ער איז דעמאָלט געווען דער אַגענט פון אונזער פינאַנצמיניסטעריום אין פּערסיע. איך האָב אים מיטגענומען דער־פאַר, ווייל ער אַליין איז געווען פון דענעמאַרק, און די קיי־זערין האָט אים געקענט. אויך מיט דער אָרלעאַנער פּרינצעסין מאַריע פון דענעמאַרק איז ער געווען שטאַרק באַפריינדעט. די היינט פאַרשטאָרבענע מאַריע פון דענעמאַרק איז געווען מאַריע פיאָדאָראָוונעס אַ שוועגערין. אין דער צייט פון אַלעקסאַנדער III ממשלה האָט זי זייער פיל מיטגעווירקט צו דער דערנענ־טערונג צווישן פראַנקרייך מיט רוסלאַנד.

אין קאָפּענהאַגען האָב איך פאַרבראַכט סך־הכל אָנדער־

טאַלבן מעת-לעת, כ׳האָב זיך געאײלט קײן פּאַריז. מיט איר מאַיעסטעט האָב איך זיך געזען. זי האָט זיך זײער אינטערעסירט מיט דער באָקסערן-באַוועגונג אין כינע*). איך האָב איר מאַיע-סטעט דערקלערט די סיבות פון דערדאָזיקער באַוועגונג און האָב איר פון מײן זײט פאַרזיכערט, אַז אויב מיר װעלן נאָר האַנדלען באַדאַכט, האָבן מיר ניש[ט] װאָס מורא צו האָבן פאַר געװיסע פאָלגן, װאָס קאָנען זיך שלעכט אָפּרופן אויף רוסלאַנד. צום באַדויערן איז אָבער אַזוי נישט געװען.

אין דער צײט, װען איך האָב גערעדט מיט דער קײזערין מאַריע פיאָדאָראָװנע, איז אין צימער אַרײַן איר שװעסטער, די קעניגין פון ענגלאַנד. זי האָט מיך פאָרגעשטעלט. דערנאָך האָב איך מיך געזעגנט מיט זײ און בין אַװעקגעגאַנגען. אַרויס-גײענדיק, האָט מיר דעם קעניגס אַדיוטאַנט געמאָלדן, אַז דער אַלטער קעניג כריסטיאַן, דער קײזערינס פאָטער, װיל מיך זען.

איך בין אַװעק צום קעניג און האָב זיך אים פאָרגע-שטעלט. דער קעניג האָט מיך זײער גוט אויפגענומען און האָט מיר געשאָנקען זײנעם אַ בילד מיט אַן אויפשריפט. דאָס איז געװען זײער אַ זעלטענע מתּנה, װײל געװײנלעך פלעגן דאָס באַקומען בלויז פאַמיליען-אָנגעהעריקע. ער האָט מיר דערלאַנגט דעם פּאָרטרעט און געזאָגט, אַז ער גיט מיר דאָס, װײל קײן שום אַנדער זאַך קאָן ער מיר נישט געבן. אָרדענס האָב איך שוין העכערע װי דער דענישער אָרדען. דער קעניג האָט גע-פרעגט, צי האָב איך זיך געזען מיט זײן טאָכטער, דער קײזע-רין. איך האָב געענטפערט, אַז איך האָב זיך געזען און אין

*) דאָס איז געװען אַ באַװעגונג, װאָס האָט זיך אָנגעהויבן אַנטװיקלען אין כינע נאָכדעם װי די אײראָפּײאישע מלוכות האָבן פאַרכאַפּט שטיקער כינעזישע טערי-טאָריע. זי פלעגט זיך אויסדריקן אין דעם, װאָס די כינעזער פלעגן אָנפאַלן אויף אײ-ראָפּײער, חרוב מאַכן זײער האָב און גוטס און אָפּטמאָל אפילו דערהרגענען אויך. אַזוי, למשל, איז אין פּעקין דערהרגעט געװאָרן דער דײטשער געזאַנדטער.

זכרונות.

קורצן איבערגעגעבן אונזער שמועס. דערנאָך האָט ער זיך געווענדט צו מיר מיט אַזאַ מין פראַגע: „מיין טאָכטער האָט מיר געזאָגט, אַז איר לערנט מיט מיין אייניקל מישען און אַז צווישן אייך און מישען זיינען די באַציאונגען זייער גוטע. זאָגט מיר, זייט אַזוי גוט, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר מישע, ד. ה. דער גרויספירשט מיכאַיל אַלעקסאַנדראָוויטש.״ איך האָב אים געזאָגט, אַז ס׳איז ריכטיק, אַז איך האָב טאַקע דעם גרויסן כבוד און די פרייד צו לערנען מיטן גרויספירשט און איך קען אים גוט, אָבער מיר איז זייער שווער זיך אָפּצורופן וועגן אים אין אַ פּאָר ווערטער. איך האָב נאָך צוגעגעבן, אַז בכלל האַלט איך, אַז דער בעסטער מיטל צו כאַראַקטעריזירן אַ מענטשן איז דורכצופירן אים דורך פאַרשידענע געשעענישן, מעגן זיי זיין אפילו אויסגעקלערטע און אָנווייזן ווי אַזוי וואָלט ער, לויט זיין כאַראַקטער, אין אַזעלכע פאַלן געהאַנדלט, ד. ה. אייגנטלעך אָנשרייבן אַ מין ראָמאַן. ווייל אין דעם מענטשנס כאַראַקטער זיינען פאַראַן אַזעלכע קאָמפּליצירטע אַפּאַראַטן, אַז אין עטלעכע ווערטער איז זיי שווער צו שילדערן. אויף דעם האָט מיר דער קעניג געענטפערט: „אָבער פונדעסטוועגן וואָלט איר אים געקאָנט כאַראַקטעריזירן אין עטלעכע ווערטער; איך פערזענלעך קען אים נאָר אַלס יינגל, כ׳האָב מיט אים קיינמאָל ערנסט נישט גערעדט.״ דעמאָלט האָב איך מיר דערלויבט צו זאָגן דעם קעניג: „אייער מאַיעסטעט, איר קענט גוט מיין מעכטיקן הערשער דעם קיסר ניקאָלאַי?״ „יאָ, איך קען אים גוט״, האָט מיר געענטפערט דער קעניג. דאַן זאָג איך: „און זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז איר קענט אויך זייער גוט דעם קיסר אַלעקסאַנדער III.״ „נו, יאָ, געוויס, איך קען אים אויך זייער גוט.״ און איך האָב געענטפערט: „כדי צו כאַראַקטעריזירן מיכאַיל אַלעקסאַנדראָוויטשן אין אַלגעמיינע שטריכן, וואָלט איך אַזוי געזאָגט: דער קיסר ניקאָלאַי איז אַ זון פון זיין מוטער סיי לויטן כאַראַקטער און סיי לויט דער נאַטור. דער גרויספירשט מיכאַיל אַלעקסאַנדראָוויטש איז אָבער מער אַ זון פון זיין פאָטער.״ אויף דעם האָט זיך דער קעניג פאַנאַנדערגעלאַכט און מיר האָבן זיך צעשיידט. מיר איז

קיינמאָל מער נישט אויסגעקומען צו זען דעם אין אַלע הינזיכטן חשובן מאָנאַרך.

ווען איך בין געווען אין דענעמאַרק, האָב איך, צוזאַמען מיט גרובע, באַזוכט די פּרינצעסין מאַריע. די פּרינצעסין האָט זיך צו יענער צייט אינטערעסירט מיט דער פראַגע וועגן גרינדן אַ דענעמאַרק־אַזיאַטישע שיף־געזעלשאַפט. זי האָט גערעדט מיט מיר וועגן דעם, אַז איך זאָל מיטהעלפן דערדאָזיקער געזעלשאַפט.

דערנאָך בין איך מיט גרובע אַרויסגעפאָרן איבער האַמ־בורג און קעלן קיין פּאַריז. גרובע האָט זיך אָבער גלייך אומ־געקערט קיין פּעטערבורג און איך בין פאַרבליבן אין פּאַריז. הגם די אַלוועלטלעכע אויסשטעלונג איז שוין געווען אָפן עטלע־כע חדשים, זיינען נאָך עטלעכע אָפּטיילונגען, און צווישן זיי אויך די רוסישע, נישט געווען פאַרענדיקט. פאַר אַ קאָמיסאַר אויף דער אויסשטעלונג האָב איך באַשטימט דעם פירשט טעני־שעוו. דאָס איז געווען אַ מענטש, וועלכער האָט זיין קאַריע־רע אָנגעהויבן אַלס באַן־טעכניקער מיט אַ געהאַלט פון פופציק רובל אַ חודש. מיט זיינע אייגענע כוחות האָט ער זיך דער־שלאָגן צו אַ גרויסן פאַרמעגן. צו יענער צייט איז ער שוין געווען זייער רייך, האָט געלעבט אין פּאַריז ברייט, פלעגט אויפנעמען געסט, און לויט די פּראַקטישע ידיעות, וואָס ער האָט פאַרמאָגט, האָט ער זיך אויך גוט געפּאַסט פאַר אַ קאָמי־סאַר פון דער אויסשטעלונג. דער שפּעטערדיקער מיטגליד פון דער גאָסודאַרסטווענע דומע איז געווען דעם טענישעווס אַ זון.

איך האָב, פאַרשטייט זיך, גאַנץ גענוי באַקוקט די אויס־שטעלונג, געמאַכט די גוויטיקע וויזיטן און דערנאָך אַוועקגעפאָרן צום פּרעזידענט לובע. ער האָט מיך איינגעלאַדן אין זיין זומער־וואוינונג, אין „ראַמבוליע“. איך בין געפאָרן אַהין צוזאַמען מיט אונזער געזאַנדטן אורוסאָוו. דאָרטן זיינען געווען עטלעכע מיני־סטאָרן און צווישן זיי אויך דער פינאַנצמיניסטער קאַיאָ. ערשט מיט עטלעכע וואָכן צוריק איז דערזעלבער קאַיאָ נאָך געווען

מיניסטער-פּרעזידענט. דאָרטן איז אויך געווען דער דעמאָלטיקער אינערנמיניסטער, דער באַרימטער דופּיואי, אַ מענטש, וואָס האָט זיין גרויס פאַרמעגן געמאַכט פון דער צייטונג „Petit Journal“. עס זיינען געווען נאָך עטלעכע מיניסטאָרן און צווישן זיי אויך דער אויסערנמיניסטער דעלקאַסע. דער דעמאָלטיקער מיניסטער-פּרעזידענט וואַלדעק רוסאָ איז נישט געווען צו יענער צייט אין פּאַריז. ביים מיטאָג בין איך געזעסן ביי לובע פון דער רעכטער האַנט און קאַיאָ פון דער לינקער. נאָכן מיטאָג זיינען געווען אילומינאַציעס און פאַרנאַכט האָבן מיר זיך מיט אַלע מיניסטאָרן אומגעקערט קיין פּאַריז. די גאַנצע צייט פון אונזער נסיעהלע האָבן מיר זייער פיל געשמועסט. דערנאָך האָב איך זיך נאָך עטלעכע מאָל געזען אין פּאַריז מיט קאַיאָ און דעלקאַסען. ווען דעלקאַסע איז געווען אין פּעטערבורג, האָט ער זיך באַקענט מיט מיין פרוי און איצט איז ער פּאַר דער צייט, וואָס מיר זיינען געווען אין פּאַריז, עפטער געפאָרן שפּאַצירן איבער דער פּאַריזער אומגעגנט מיט מיין פרוי און מיט מיין קליינער טאָכטער. איין מאָל איז ער געפאָרן זיי ווייזן ווערסאַל.

אין יוני 1899 איז געשטאָרבן דער טראָניורש געאָרגי אַלעקסאַנדראָוויטש. דעמאָלט איז געוואָרן טראָניורש דער גרויס-פירשט מיכאַיל אַלעקסאַנדראָוויטש. לויט מיין מיינונג איז דאָס לגמרי איבעריק געווען, ווייל אויב דער קיסר וואָלט ביז זיין טויט נישט געהאַט קיין זון, וואָלט מיכאַיל אַלעקסאַנדראָוויטש במילא געווען קיסר. האָט אָבער דער קיסר געהאַט אַ פרוי און ביי זיי האָט געקאָנט געבוירן ווערן אַ זון, איז דאָך איבעריק געווען צו באַשטימען דערווייל אַ טראָניורש. נאָכדעם האָט זיך עס טאַקע אַזוי אַרויסגעוויזן: נאָך די פיר טעכטער איז ביים קיסר געבוירן געוואָרן אַ זון און עס איז אויסגעקומען דעם גרויספירשט מיכאַיל אַלעקסאַנדראָוויטש צוריק אַריינצופירן אין די רייען פון די איינפאַכע גרויספירשטן.

ווי איך האָב שוין דערמאָנט, איז אַלעקסיי ניקאָלאַיעוויטש געבאָרן געוואָרן נאָכדעם ווי דער קיסר האָט שוין געהאַט פיר טעכטער און ווי מיר איז באַוואוסט, איז צוליב דעם אפילו גע-

ווען אַ קלער בײַ זייערע מאַיעסטעטן, צי וואָלט נישט מעגלעך געווען, אויב זיי וועלן נישט האָבן קיין זון, איבערצוגעבן דעם טראָן דער עלטערער טאָכטער. איך שטרייך אונטער, אַז דאָס איז נישט געווען קיין באַשלוס. דידאָזיקע פראַגע איז בלויז דערוועקט געוואָרן בײַ זיי און מיט איר האָבן זיך באַשעפטיקט סיי ניקאָלאַי וואַלעריאַנאָוויטש מוראַוויאָוו, סיי קאָנסטאַנטין פּעט־ראָוויטש פּאָביעדאָנאָסצעוו. דער לעצטער האָט זיך צו דעם געדאַנק באַצויגן נעגאַטיוו. ער האָט געהאַלטן, אַז דאָס וואָלט אונטערגעגראָבן די עקזיסטירנדיקע געזעצן וועגן טראָן־ירושה, וואָס זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן נאָך פּאַרן קיסר פּאַוול און וועלכע האָבן געהאַט די גרויסע מעלה, וואָס פון דעמאָלט אָן איז דער רוסישער טראָן געוואָרן זיכערער און פעסטער אינם זין פון ירושה־רעכט.

פון פּאַריז בין איך דורך פּעטערבורג אַרויסגעפאָרן קיין קרים. אין קרים זיינען דעמאָלט געווען, אַ חוץ מיר, דער אויסערנמיניסטער גראַף לאַמסדאָרף, דער קריגסמיניסטער קוראָפּאַטקין, דער הויפמיניסטער באַראָן פרעדעריקס און דער גרויס־פירשט מיכאַיל ניקאָלאַיעוויטש. איך האָב געוואוינט אינם בנין פון וועג־מיניסטעריום, אויפן שאָסיי, וואָס פירט פון יאַלטע צום פּאַלאַץ אין ליוואַדיע. אין אַ קורצער צייט אַרום נאָך מיין קומען איז זיין מאַיעסטעט קראַנק געוואָרן אויף אינפלוענץ און האָט זיך ווי געוויינלעך נישט געוואָלט ערנסט היילן. דאָס איז קענטיק געווען בײַ אים אַזאַ מין פאַמיליען־טבע. לויט מיין טיפער איבערצייגונג איז זיין פאָטער געשטאָרבן פאַר דער צייט בלויז דערפאַר, וואָס ער האָט זיך ערנסט אָנגעהויבן צו היילן ערשט דעמאָלט, ווען דאָס איז שוין געווען צו שפּעט. אונזער קיסרס דאָקטאָר איז ביז איצט געווען דער אַלטער לייב־דאָקטאָר גירש, אַ כירורג, וועלכער האָט אפשר אַמאָל יאָ עפּעס געקענט, און האָט עס שוין אָבער לאַנג פאַרגעסן. איך האָב געראַטן אַראָפּצובריינגען פון פּעטערבורג פּאָפּאָוון, דעם פּראָפעסאָר פון דער מיליטער־מעדיצינישער אַקאַדעמיע. דערדאָזיקער פּראָפעסאָר האָט

פעסטגעשטעלט, אַז דער קיסר איז קראַנק אויף אַ בויך־טיפוס.

דעם קיסרס קראַנקהייט האָט זיך געצויגן פון ערשטן ביזן 28-טן נאָוועמבער. דעם 28-טן האָט זיך דער טיפוס-פּראָצעס פאַרענדיקט און ער האָט אָנגעהויבן געזונט צו ווערן.

אין דער צייט פון דעם קיסרס קראַנקהייט, וועלכע האָט אונז אַלעמען זייער באַאומרואיקט, איז געשען אַזאַ מין מעשה.

איינמאָל, ווען דער קיסר האָט געהאַלטן זייער שלעכט, לויט די ידיעות פון די דאָקטוירים, האָט מיר אינדערפרי טעלעגראַפירט דער אינערנמיניסטער סיפּיאַגין און געבעטן, איך זאָל קומען צו אים. איך בין אַוועקגעפאָרן צו סיפּיאַגינען אין האָטעל „ראָסיאַ״. דאָרטן האָט ער געוואוינט. ווען איך בין געקומען צו אים זענען שוין דאָרטן געווען דער אויסערנמיניסטער גראַף לאַמסדאָרף, דער הויפּמיניסטער באַראָן פרעדעריקס און דער גרויספירשט מיכאַיל ניקאָלאַיעוויטש. ווי נאָר איך בין געקומען, איז גלייך אויפגעהויבן געוואָרן די פראַגע, ווי זאָל מען האַנדלען אין פאַל, אויב עס וועט געשען אַן אומגליק און דער קיסר וועט שטאַרבן? ווי זאָל מען דעמאָלט האַנדלען בנוגע דער טראָן-ירושה?

מיך האָט דידאָזיקע פראַגע שטאַרק פאַרחידושט און איך האָב געענטפערט, אַז לויט מיין מיינונג קאָנען דאָ נישט זיין קיין שום ספקות, ווייל זיין מאַיעסטעט אַליין האָט דאָך שוין באַשטימט אַלס טראָניורש דעם גרויספירשט מיכאַיל אַלעקסאַנדראָוויטש. אָבער אויב אפילו עס וואָלט אַזוי נישט געווען, וואָלט דאָס אויך די זאַך נישט געענדערט, ווייל לויט אונזערע געזעצן, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער טראָן-ירושה, איז קלאָר, אַז דער גרויספירשט מיכאַיל אַלעקסאַנדראָוויטש מוז גלייך איבערנעמען דעם טראָן.

אויף דעם האָט מען מיר אָנגעוויזן, אַז ס׳קאָן דאָך זיין אַזאַ פאַל, אַז די קייזערין זאָל זיין אין אַ „געוויסן צושטאַנד״ (ווי ס׳ווייזט אויס, האָט דער הויפּמיניסטער געוואוסט, אַז די קייזערין איז געווען אין אַזאַ צושטאַנד) און עס קאָן זיך טרעפן

אַז עס וועט געבוירן ווערן אַ זון און ער וועט האָבן דאָס רעכט אויפן טראָן. אויף דעם האָב איך אָנגעוויזן, אַז אונזערע געזעצן וועגן דער טראָן-ירושה זען נישט פאָר אַזעלכע פאַלן, נאָר אויב זיי וואָלטן עס אפילו יאָ פאָרגעזען, קאָן מען דאָך אַ מלוכה פון אַן אַליינהערשער נישט איבערלאָזן חדשים לאַנג אָן אַן אַליינ-הערשער. מען קאָן דאָך נישט וויסן, וואָס פאַר אַ קינד די קייזערין וועט געבוירן. און דעריבער מוז דער גרויספירשט מיכאַיל אַלעקסאַנדראָוויטש גלייך אַרויף אויפן טראָן.

די אָנוועזנדיקע האָבן עטלעכע מאָל דורכגעקוקט און גע-לייענט די געזעצן, וועלכע האָבן אָן שום ספקות באַשטעטיקט ביין מיינונג.

דעמאָלט האָט דער גרויספירשט מיכאַיל ניקאָלאַיעוויטש מיר געשטעלט אַזאַ מין פראַגע: „נו, און וואָס פאַר אַ לאַגע וועט זיך שאַפן, אויב אין עטלעכע חדשים אַרום וועט די קיי-זערין געבוירן אַ זון?

איך האָב געענטפערט, אַז איצט איז אוממעגלעך צו געבן אויף דעם אַ קלאָרע תשובה. אָבער מיר שיינט, אַז אויב דאָס אומגליק וועט געשען, וועט מיכאַיל אַלעקסאַנדראָוויטש אַלס קיסר דאַרפן משפטן, ווי מען זאָל אין דעם פאַל האַנדלען. און אויף וויפל איך קען דעם גרויספירשט מיכאַיל אַלעקסאַנדראָוויטש, שיינט מיר, אַז ער איז אויף אַזויפל אַן אָנשטענדיקער און ערלעכער מענטש, אַז אויב ער וועט דאָס נאָר האַלטן פאַר בוצלעך און ריכטיק, וועט ער זיך אַליין אָפּזאָגן פון טראָן לטובת זיין פלימעניק.

סוף כל סוף זיינען אַלע מיט מיר מסכים געווען און עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז מען זאָל אויפן פריוואַטן שטייגער באַקאַנט מאַכן די קייזערין מיט דערדאָזיקער באַראַטונג.

אין עטלעכע טעג אַרום איז קוראָפּאַטקין, פאָרנדיק צוריק פון אַ באַריכט, וואָס ער האָט געהאַט ביים קיסר (אין אויסנאַמ-פאַלן פלעגט דער קיסר אפילו קראַנקערהייט אויסהערן באַריכטן), אַריינגעפאָרן צו מיר צום פרישטיק. אַזוי ווי מיין וואוינונג האָט זיך געפונען אויפן מיטן וועג, פלעגט אָפּט טרעפן, אַז די מיני-

סטאָרן, וואָס פלעגן נישט בלייבן אין פּאַלאַץ, פלעגן קומען צו מיר אויף פרישטיק.

נאָכן פרישטיק, ווען איך בין געבליבן מיט קוראָפּאַטקינען אַליין, האָט ער מיך געפרעגט, וואָס פאַר אַ באַראַטונג האָבן מיר דאָס געהאַט ביי סיפּיאַגינען.

איך האָב אים געענטפערט, אַז לויט ווי סיפּיאַגין האָט מיר געזאָגט, איז ער אויך איינגעלאַדן געווען צו דערדאָזיקער באַראַטונג. און עס איז אַ שאָדן—האָב איך געזאָגט—וואָס איר זייט נישט געקומען, ווייל עס איז געווען אַ מיינונגס-אויסטויש וועגן זייער אַ וויכטיקער פראַגע.

זאָגט ער: „איך האָב נישט געקאָנט קומען". און דערנאָך האָט ער זיך אָוועקגעשטעלט אין אַ טראַגישער פּאָזע, האָט זיך גענומען קלאַפּן אין האַרצן און שרייען:

—איך וועל מיין קייזערין נישט לאָזן בעולהען.

אַזוי ווי איך האָב געקענט קוראָפּאַטקינען, וואָס פאַר אַ קאָמעדיאַנט ער איז געווען, האָט מיר גאַנץ ווייניק געאַרט זיין שרייען און איך האָב געזאָגט:

—פאַרוואָס עפּעס נעמט איר זיך אַליין די פּריווילעגיע נישט צו לאָזן בעולהען די קייזערין? דאָסדאָזיקע רעכט געהערט אונז אַלעמען.

אַזוי ווי דער קיסר איז, צום גליק, אין אַ קורצער צייט אַרום געזונט געוואָרן, איז מער וועגן דעם נישט אויסגעקומען צו ריידן. מער נישט פאַרן אָפּפאָרן פון יאַלטע בין איך ספּעציעל אַריינגעפאָרן צום באַראָן פרעדעריקס און האָב אים געזאָגט, ער זאָל איבערגעבן דעם קיסר וועגן דער שווערער לאַגע, אין וועלכער מיר האָבן זיך געפונען אין דער צייט פון זיין קראַנק-הייט צוליב דעם, וואָס עס איז אונז שווער געווען צו באַשליסן די פראַגע וועגן דער טראָן-ירושה, און אַז לויט מיין מיינונג וואָלט נויטיק געווען, אַז דער קיסר זאָל מאַכן נייע אָנווייזונגען, וועלכע דאַרפן אַריינגעטראָגן ווערן אין געזעץ, כדי דידאָזיקע פראַגע זאָל שפּעטער בעסער אויפגעקלערט ווערן.

שפּעטער האָב איך געהערט פון פּאָביעדאָנאָסצעוון, און

אויף מוראַוויאָוו דער יוסטיץ־מיניסטער האָט מיר דערציילט, אַז זיי זיינען באַפולמעכטיקט געוואָרן צוזאַמענצושטעלן אַזאַ מין באַפעל און זיי האָבן עס טאַקע געמאַכט, אָבער דערדאָזיקער באַפעל איז אין ערגעץ נישט פאַרעפנטלעכט געוואָרן. און דערנאָך, ווען עס איז געבוירן געוואָרן דער גרויספירשט אַלעקסיי ניקאָלאַיעוויטש, האָט מען דעם באַפעל במילא נישט געדאַרפט און ער האָט פאַרלאָרן זיין קראַפט. דאָס איז אַלץ, וואָס איך ווייס וועגן דעמדאָזיקן היסטאָרישן עפּיזאָד.

אין עטלעכע יאָר אַרום,—שוין אין יאָר 1910—איז מיר אויסגעקומען צו זיין אין ביאַריץ. איך בין אַריין צו דער באַקאַנטער וועלט־דאַמע אַלעקסאַנדרע ניקאָלאַיעוונע נאַרישקין. דאָס איז געווען די פרוי פון עמנואל דמיטריעוויטש נאַרישקין, דעם אויבערהויפמאַרשאַל ביי אַלעקסאַנדער III, אַן אומגעזעצלעכער זון פון אַלעקסאַנדער II און דער באַרימטער פרוי נאַרישקין, לויט דער אָבשטאַמונג אַ פוילין (זע די מעמואַרן פון גרויספירשט ניקאָלאַי מיכאַילאָוויטש).

דעמדאָזיקן נאַרישקינען האָב איך געקענט פערזענלעך. דאָס איז געווען איינער פון די ערלעכסטע און פיינסטע אַדללייט און הויפלייט. ער איז געשטאָרבן אַ זקן מיט אַכט יאָר צוריק.

ווען איך האָב אַזוי געשמועסט מיט דער פרוי נאַרישקין, האָט זי זיך פלוצלונג געווענדט צו מיר מיט דערדאָזיקער פראַגע:

—סערגיי יוליעוויטש, איר ווייסט, אָדער איר וווייכט נישט, פאַרוואָס די קייזערין באַציט זיך צו אייך, אויב נישט איינגאַנצן פיינטלעך, איז אַנפאַלס נישט מיט סימפּאַטיע?

איך האָב געענטפערט, אַז איך האָב בכלל קיין אַנונג נישט וועגן דעם, אַז די קייזערין זאָל זיך צו מיר אַזוי באַציען. געזען האָב איך זי זייער ווייניק און גערעדט האָב איך מיט איר סך־הכל עטלעכע מאָל.

אויף דעם האָט מיר פרוי נאַרישקין געזאָגט:

—מיר איז באַקאַנט, אַז איר באַציאונג צו אייך נעמט זיך פון דעם, וואָס איר האָט אין יאַלטע, ווען דער קיסר איז געווען געפערלעך קראַנק, פאַרטיידיקט דעם געדאַנק, אַז אויפן טראָן זאָל אַרויף מיכאַיל אַלעקסאַנדראָוויטש.

איך האָב געזאָגט, אַז דאָס איז גאַנץ ריכטיק, אָבער איך האָב קיין שום זאַך נישט פאַרטיידיקט, איך האָב נאָר אָפן אַרויסגעזאָגט מיין מיינונג. און מיט דערדאָזיקער מיינונג האָבן צוגעשטימט אַלע, אפילו דער גרויספירשט מיכאַיל ניקאָלאַיעוויטש, ביקאָלאַי I אַ זון. אים ווערט, דאַכט זיך, שוין קיינער נישט חושד זיין, אַז ער איז נישט געטריי טריי דעם קיסר. און אייגנטלעך האָב איך גאָר מיין מיינונג נישט אַרויסגעזאָגט, איך האָב נאָר אויפגעקלערט דעם אמתן תוך פון געזעץ.

איך האָב דעמאָלט פאַרשטאַנען, אַז דער באַראָן פרעדע-ריקס, וועלכער איז געווען זייער אַן ערלעכער און פיינער מענטש, אָבער נישט קיין גרויסער חכם, האָט מסתמא עפּעס אויסגעפּלאַפּלט פאַר דער קייזערין, און פון דעמאָלט אָן האָט זיך דאָס אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן די לעגענדע, אַז איך האָב פיינט דעם קיסר ניקאָלאַי II. דידאָזיקע לעגענדע פלעגט אויס-געניצט ווערן הויפּטזעכלעך דעמאָלט, ווען מען האָט זיך אין מיר נישט געגויטיקט. ערנסט נעמען אַזאַ בבא-מעשה האָבן געקאָנט בלויז אַזעלכע זעלטענע מענטשן, אָבער מיט אַזאַ נישט נאָרמאַלער פּסיכיק און קראַנקהאַפטן ווילן, ווי דאָס זיינען געווען קיסר ניקאָלאַי II און די קייזערין אַלעקסאַנדרע פיאָדאָ-ראָוונע.

איך האָב געהאַט דאָס גליק צו לערנען מיט מיכאַיל אַלעקסאַנדראָוויטש איבער פאָלקס- און מלוכה-ווירטשאַפט (פּאָלי-טישע עקאָנאָמיע און פינאַנסן). אָנגעהויבן צו לערנען מיט אים די אויבנדערמאָנטע געגנשטאַנדן האָב איך אין יאָר 1900 און פאַרענדיקט אין—1902.

דער אויבנדערמאָנטער אינצידענט אין יאַלטע איז פאַרגע-

קומען אין עטלעכע חדשים אַרום נאָכדעם ווי איך האָב אָנגע-הויבן צו לערנען מיטן גרויספירשט.

איך ווייס נישט, צי מיין אַרט לערנען, צי אַנדערע סיבות, וואָס זיינען מיר אומבאַקאַנט, האָבן דערצו גורם געווען, נאָר דער גרויספירשט האָט זייער גערן געלערנט ביי מיר. און גאַנץ אָפט נאָך די לימודים, אָדער צווישן איין לעקציע און דער צווייטער, פלעגט אונז אויסקומען צו שמועסן, אָדער עסן פרישטיק צוזאַמען און אַמאָל גאָר פאָרן שפּאַצירן אין פּאַרק. דאָס האָט מיר געגעבן די מעגלעכקייט זיך גוט צו באַקענען מיט מיכאַיל אַלעקסאַנדראָוויטשן.

און איך מוז זאָגן, אַז מיר זעט אויס מיכאַיל אַלעקסאַנדראָוויטש, סיי לויטן שכל און סיי לויט דער בילדונג, ווייניקער פעאיק ווי זיין ברודער דער קיסר. דערפאַר האָט ער זיך מיט זיין כאַראַקטער לגמרי איינגעגעבן אין פאָטער.

נאָך פריער איז מיר אויסגעקומען צו לערנען מיטן גרויס-פירשט אַנדריי וולאַדימיראָוויטש. איך האָב דאָס געטאָן לויט דער בקשה פון זיין פאָטער וולאַדימיר אַלעקסאַנדראָוויטש, מיט וועלכן איך בין געווען אין זייער גוטע באַציאונגען.

דער גרויספירשט אַנדריי וולאַדימיראָוויטש האָט שוין אין יאָר 1902 אָנגעהויבן צו פירן נישט גאָר קיין נאָרמאַלן שטייגער לעבן. מיר איז אויסגעקומען אַמאָל צו ריידן וועגן דעם מיט מיכאַיל אַלעקסאַנדראָוויטשן. זיי זיינען געווען זייער באַפריינדעט צווישן זיך. איך האָב געזאָגט: אַנדריי וולאַדימיראָוויטש הויבט אָן אַ ביסל אונטערצושטיפן און איך האָב מורא, אַז דאָס קאָן זיך אַמאָל ענדיקן נישט גוט.

דעם גאַנצן שמועס האָב איך פאַרפירט דערעיקרשט צוליב דעם, כדי צו וואָרענען דעם גרויספירשט מיכאַיל אַלעקסאַנדראָוויטש פון אַזעלכע זאַכן. דערויף האָב איך פון מיכאַיל אַלעקסאַנדראָוויטשן באַקומען אַזאַ מין תשובה:

— איך, סערגיי יוליעוויטש, פאַרשטיי לחלוטין נישט, ווי אַזוי נאָך קאָן אַ מענטש, וועלכער פאַרשטייט, אַז דאָס אָדער

יענץ איז שלעכט, אַז מען דאַרף דאָס נישט טאָן—פונדעסטוועגן יאָ טאָן? איך, לכל הפּחות, בין זיכער, אַז קוים וועל איך נאָר זיין איבערצייגט, אַז עפּעס איז שלעכט, וועלן קיין שום כּוחות אין דער וועלט נישט קאָנען מיך צווינגען, איך זאָל עס דווקא יאָ טאָן.

איצט, ווען איך שרייב, איז דער גרויספירשט אַלט 35 יאָר. די לעצטע צייט רעדט מען, אַז ער זאָל זיך האָבן פאַר-פלאָנטערט אין עפּעס אַ ראָמאַן. מיר ווילט זיך דאָס נישט גלויבן. נאָר אויב אפילו דערדאָזיקער אומגליקלעכער צופאַל וואָלט געשען, מוז איך זאָגן, אַז אין דעם איז אין אַ גרויסער מאָס שולדיק די סענטימענטאַלע דערציאונג, וואָס ער האָט באַ-קומען.

אויסערדעם, איז אים מיט עטלעכע יאָר צוריק זייער גע-פעלן געוואָרן זיין שוועסטערקינד די פּרינצעסין פון קאָבורג, דער גרויספירשטין מאַריע אַלעקסאַנדראָוונעס אַ טאָכטער. ער האָט געוואָלט מיט איר חתונה האָבן. ער האָט אָבער דערויף קיין דערלויבעניש נישט באַקומען, ווייל זי איז זיינע אַ שוועס-טערקינד.

איצט האָט מיט דערדאָזיקער פּרינצעסין חתונה געהאַט דער שפּאַנישער פּרינץ.

איך האָב דעמאָלט זייער באַדויערט, וואָס דער גרויס-פירשט האָט נישט געקאָנט חתונה האָבן, הגם דעם באַשלוס גופא האָב איך געהאַלטן פאַר אַ ריכטיקן.

צום באַדויערן, איז אָבער דידאָזיקע פּרינציפּיעלע שטע-לונג נישט אויסגעהאַלטן געוואָרן. אַזוי, למשל, איז דעם גרויס-פירשט קיריל וולאַדימיראָוויטש דערלויבט געוואָרן חתונה צו האָבן מיט זיינער אַ שוועסטערקינד, דערזעלבער פּרינצעסינס אַ שוועסטער, מיט וועלכער עס איז נישט דערלויבט געוואָרן חתונה צו האָבן מיכאַיל אַלעקסאַנדראָוויטשן. דערצו נאָך איז זי געווען אַ געגטע און איר פריערדיקער מאַן איז געווען דער הערצאָג פון דאַרמשטאַדט, דער קייזערינס אַ ברודער.

פונקט אַזוי איז אויך דערלויבט געוואָרן דעם גרויספירשט

ניקאָלײַ ניקאָלײַעוויטשן חתונה צו האָבן מיט אַ שוועסטער פֿון זײַן ברודערס פֿרוי, אויך אַ געגטע און איר פֿריערדיקער מאַן איז געווען דער פּרינץ פֿון לײַכטענבורג, דעם גרויספֿירשטס אַ שוועסטערקינד.

מעגלעך, אַז צוליב דעם, וואָס איך האָב אין יאָר 1900 געלערנט מיטן גרויספֿירשט מיכאַיל אַלעקסאַנדראָוויטש, און אפשר אויך דערפֿאַר, וואָס דער גרויספֿירשט פֿלעגט זיך וועגן מיר זייער גוט אָפּרופֿן, איז פֿאַלש אויסגעטײַטשט געוואָרן די מיינונג, וואָס איך האָב אַרויסגעזאָגט אין יאַלטע, בײַ דער פֿראַגע וועגן דער טראָן-ירושה.

## קאַפּיטל נײַן.

# ווי אַזוי עס זײַנען דערהרגעט געוואָרן פּ. נ. באָגאָלעפּאָוו און ד. ס. סיפּיאַגין.

דעם 14-טן פעבּרואַר אין יאָר 1901 איז געמאַכט געוואָרן דער אַטענטאַט אויפן מיניסטער פון פאָלקסבילדונג באָגאָלעפּאָוו. געשען איז עס אַזוי:

אין דער אויפנאַמצייט איז צו באָגאָלעפּאָוו אַרײַנגעגאַנגען דער געוועזענער סטודענט פון דער מאָסקווער אוניווערזיטעט קאַרפּאָוויטש, האָט אויסגעשאָסן אין אים און געטראָפן אין האַלז.

דאָס איז געווען דער ערשטער אַנאַרכיסטישער אַטענטאַט, דער ערשטער אָנזאָג פון די אַלע געשעענישן, וועלכע מיר לעבּן איבּער זינט דעמאָלט ביז צום הײַנטיקן טאָג. אמת, הײַנט דריקט זיך דאָס אויס אין אַן אַנדער פאָרם און צוליב גאַנץ אַנדערע סיבּות. לכל הפּחות נישט צוליב דעם, ווייל רוסלאַנד האָט נישט באַקומען וואָס זי האָט פאַרלאַנגט, דעם 17-טן אָקטאָבער 1906 האָט זײַן מאַיעסטעט, דער רוסישער קיסר באַווייליקט צו געבּן רוסלאַנד דאָס, וועגן וואָס די בעסערע מענטשן אירע האָבּן געחלומט אָנגעהויבּן פון אַלעקסאַנדער I צײַטן. די איצ-

טיקע לאַגע נעמט זיך דערפון, וואָס סטאָליפּין האָט געוואָלט מאַכן אַ סוף מיט דעם אַלעם, וואָס איז געגעבן געוואָרן דעם 17-טן אָקטאָבער. אָבער אַזוי ווי דאָס איז נישט מעגליך געווען, האָט ער געטאָן אַלץ, כּדי דאָס אַזוי צו פאַרקריפּלען, אַז מ׳זאָל דאָס לגמרי נישט דערקענען.

באָגאָלעפּאָוו איז געווען אַ גאַנץ אָנשטענדיקער, קאָרעקטער און ערלעכער מענטש, אָבער זיינע מיינונגען זענען געווען העכסט רעאַקציאָנערע. זיינע רעאַקציאָנערע מיטלען, וואָס ער האָט אָנגענומען, האָבן בלי שום ספק אויפגעהויבן קעגן אים די אוניווערזיטעט. אָבער מען מוז מודה זיין, אַז געהאַנדלט האָט באָגאָלעפּאָוו געזעצלעך. זיין רעזשים איז טאַקע געווען אַ רע-אַקציאָנערער, אָבער אַזוי האָט ער געדאַרפט זיין לויטן געזעץ.

בכלל, ווען מען פאַרגלייכט יענעם רעזשים פון יאָר 1901 מיט דעם, וואָס איז היינט איינגעפירט געוואָרן דורכן בילדונגס-מיניסטער קאַסאָ, איז ממש צו שטוינען, ווי אַזוי עס איז גאָר מעגלעך, אַז נאָכן 17-טן אָקטאָבער 1905 זאָל עקזיסטירן אַ רע-זשים פון אַזאַ מין פולשטענדיקן ווילקיר און הפקרות.

אין גרונט גענומען, איז זיך אָבער נישטאָ וואָס צו וואונ-דערן, ווייל אייגנטלעך איז דאָך קאַסאָ אַ פּראָדוקט פון דער אַלגעמיינער אויסגעלאַסענער פּאָליטיק, וואָס סטאָליפּין האָט איינ-געפירט. אַ דאַנק דערדאָזיקער פּאָליטיק איז דאָך אַרויפגעשוואו-מען אַזאַ מין קאַסאָ.

באַלד ווי באָגאָלעפּאָוו איז פאַרוואונדעט געוואָרן, בין איך גלייך אַוועקגעפאָרן צו אים. איך האָב געטראָפן ביי אים זיין פרוי, זייער אַ וואוילע דאַמע (פון דער היים פירשטין ליווען), און זיין געהילף זוויערעוו (שפּעטער מיטגליד פון מלוכה-ראַט), נישט קיין שלעכטער אפילו, אָבער אַ קליין מענטשל און זייער אַ פאַרביסענער רעאַקציאָנער. אויסערדעם, איז זוויערעוו סתם געווען אַ מענטש אָן שום פעאיקייטן און זייער ווייניק געלערנט.

איך האָב פאָרגעלייגט, מען זאָל אומגעזאַמט אויסשרייבן פון בערלין דעם באַרימטן כירורג בערגמאַן.

די קויל האָט באָגאָלעפּאָוון דורכגעשאָסן דעם האַלז.

בערגמאַן איז געקומען צופאָרן, האָט באַטראַכט באָגאָלע-פּאָוון און האָט געגעבן גוטע האָפנונגען. צום אומגליק אָבער זיינען בערגמאַנס האָפנונגען נישט מקוים געוואָרן. אין עטלעכע טעג אַרום נאָך בערגמאַנס אָפּפאָרן, דעם 2-טן מערץ 1901, איז באָגאָלעפּאָוו געשטאָרבן.

אויף באָגאָלעפּאָווס אָרט, אַלס בילדונגסמיניסטער, איז באַשטימט געוואָרן דער געוועזענער קריגס-מיניסטער, גענעראַל-אַדיוטאַנט וואַנאָווסקי. ער איז באַשטימט געוואָרן מסתמא דער-פאַר, ווייל, ערשטנס, איז ער באַוואוסט געווען ווי אַ מענטש מיט זייער קאָנסערוואַטיווע אָנשויאונגען און, צווייטנס, איז ער אין גאָרעמיקינס צייטן באַפּולמעכטיקט געוואָרן אויסצופאָרשן די סטודענטישע אומרוען.

דעם 2-טן אַפּריל 1902 איז דערהרגעט געוואָרן דער אי-נערנמיניסטער, דער אָנשטענדיקסטער איידלמאַן דמיטרי סערגיי-עוויטש סיפּיאַגין. ער איז דערהרגעט געוואָרן אין פאָדערצימער פון מיניסטאָרן-קאָמיטעט. עס איז געווען אַ זיצונג פון קאָמיטעט. די מיניסטאָרן האָבן זיך געהאַלטן אין צוזאַמענקומען. עס איז אויך געקומען דמיטרי סערגייעוויטש סיפּיאַגין. אין פאָדערצימער איז צו אים צוגעגאַנגען אַן אָפיציר, אָנגעטאָן אין אַן אַדיו-טאַנטן-אוניפאָרם, און האָט אים אויסגעצויגן די האַנט מיט אַ פּאַקעט. סיפּיאַגין האָט געפרעגט, פון וועמען איז דער פּאַקעט, דער אָפיציר האָט געענטפערט: פון גרויספירשט סערגיי אַלעק-סאַנדראָוויטש פון מאָסקווע. ווען סיפּיאַגין האָט אויסגעצויגן די האַנט, כדי צו נעמען דעם פּאַקעט, האָט דער אָפיציר עטלעכע מאָל אויסגעשאָסן אין אים פון אַ ברויונינג. סיפּיאַגין איז אַני-דערגעפאַלן, אָבער ער איז געווען ביים באַוואוסטזיין. מען האָט אים איבערגעפירט אין מאַקסימיליאַנער שפּיטאָל, נישט ווייט פון קאָמיטעט. ווען מען האָט דערהערט די שאָסן, זיינען אַלע מי-ניסטאָרן אַראָפּ אונטן. קוים האָט וואַנאָווסקי נאָר אַ קוק געטאָן אויפן אָפיציר, האָט ער געזאָגט: דאָס איז נישט קיין אָפיציר. דאָס איז אַ מענטש, וואָס האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַן אָפיציר.

אַן אָפיציר וועט זיך אַזוי נישט אָנטאָן, דאָס איז נישט קיין מיליטערמאַן. ווען איך בין אַראָפּ אונטן, האָט מען אין שכנות-דיקן צימער אויסגעטאָן דעם אָפיציר. ער איז געווען אַ הויכער, אַ בלאָנדער. ער האָט זיך גלייך מודה געווען, אַז ער איז נישט קיין מיליטערמאַן, אַז ער איז אַ געוועזענער סטודענט, אַן אַנאַרכיסט*) און אַז זיין פאַמיליע איז באַלמאַשאָוו. איך בין די גאַנצע צייט נישט אָפּגעטראָטן פון סיפּיאַגינען און אויף מיינע אויגן איז ער, אין יעטלעכע שעה אַרום נאָכן אַטענטאַט, גע-שטאָרבן. איך האָב אויפריכטיק באַדויערט זיין טויט.

ווי איך האָב שוין פריער דערמאָנט, איז ער געווען איינער פון די בעסטע מענטשן. ער האָט געוואוסט, אַז ער גע-פינט זיך אין גרויס געפאַר. צופעליק איז מיר, עטלעכע טעג פאַר זיין טויט, אויסגעקומען צו האָבן מיט אים אַ שמועס, אין דער אָנוועזנהייט פון זיין פרוי, וועגן דעמדאָזיקן ענין. איך האָב אים געזאָגט, אַז לויט מיין מיינונג, באַנוצט ער זיך אָפּט-מאָל מיט צו שאַרפע מיטלען. דער עצם זאַך ברייגגען דידאָזיקע מיטלען קיין שום נוצן נישט, דאַגעגן זיינען זיי אָבער מסוגל אויפצורעגן געוויסע שיכטן פון דער באַפעלקערונג, און ווי מיר שיינט, דוקא די מעסיקע שיכטן. אויף דעם האָט ער מיר גע-ענטפערט: עס קאָן זיין, אַז דו ביזט גערעכט, אָבער אַנדערש האַנדלען קאָן איך נישט. אויבן געפינט מען איין, אַז די מיט-לען זיינען נישט גענוגלעך, אַז מען דאַרף זיין נאָך שטרייגגער.

עס איז אַרויפגעשוואומען די פראַגע: וועמען זאָל מען איצט באַשטימען פאַר אַן אינערנמיניסטער.

מיט עטלעכע וואָכן פאַר סיפּיאַגינס טויט האָבן מיר צוזאַ-מען געגעסן מיטאָג ביים פירשט מעשטשערסקי, ביים רעדאַקטאָר פון „גראַזשדאַנין". סיפּיאַגין איז געווען אַ שטיקל קרוב מיט

*) אנארכיסט, אנארכיזם — מיט דעמדאָזיקן טערמין באַצייכנט וויטע אַלע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען און זייערע טאַטן אין רוסלאַנד. — איבערז.

מעשטשערסקין. דאָס האָט ער באַגאַנגען די אומפּאַרזיכטיקייט
און אַריינגעפירט מעשטשערסקין צום קיסר, אין דער צייט ווען
זיין מאַיעסטעט האָט זיך אָפּגערופן וועגן אים זייער שאַרף און
האָט אפילו נישט געוואָלט הערן פון מעשטשערסקין. אַזוי אָבער
ווי דער פירשט מעשטשערסקי איז געווען אַ מענטש אַ קריכער,
איז ער טאַקע, אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקן, אַריינגע-
קראָכן אין אַ ווינקל פון קיסרס נשמה.

ביים מיטאָג זיינען מיר געווען זאַלבעדריט: איך, מעש-
טשערסקי און סיפּיאַגין. סיפּיאַגין האָט אָנגעהויבן צו ריידן, אַז
זיין לאַגע איז זייער אַ שווערע, אַז אָפּטמאָל קלערט ער, צי
זאָל ער זיך נישט ווענדן צום קיסר מיט אַ בקשה, ער זאָל
אים אָפּלאָזן. דעמאָלט האָבן מיר צווישן זיך געשטעלט די פראַ-
גע, ווער וואָלט אים קאָנען פאַרבייטן. עמיצער האָט דערמאָנט
פּלעוועס נאָמען. סיפּיאַגין האָט געזאָגט, אַז דאָס וועט זיין די
גרעסטע אומגליק, אויב פּלעווע וועט באַשטימט ווערן. ער
פריער אויך נישט געהאַט קיין גוטע מיינונג וועגן פּלעווען. נאָר
לעצטנס, זייענדיק אינערנמיניסטער, האָט ער געהאַט די מעג-
לעכקייט זיך צו באַקענען מיט פּלעוועס טעטיקייט אין אינערנ-
מיניסטעריום און איצט איז ער איבערצייגט, אַז ווען דער
מענטש וועט ווערן אַ מיניסטער, וועלן אים ליגן אין זינען
בלויז זיינע פּערזענלעכע אינטערעסן און רוסלאַנד וועט ער
פאַרשאַפן די גרעסטע אומגליקן. פירשט מעשטשערסקי איז דע-
מאָלט מסכים געווען מיט אַלץ, וואָס סיפּיאַגין האָט געזאָגט. פון
פונדעסטוועגן, ווי נאָר סיפּיאַגין איז געשטאָרבן, האָט זיך מע-
שטשערסקי געזען מיט פּלעווען און נאָכדעם האָט ער אָנגע-
שריבן צום קיסר אַ בריוו, אַז דער איינציק מעגלעכער קאַנדי-
דאַט אויפן אָרט פון אינערנמיניסטער איז פּלעווע. אין צווי
טעג אַרום נאָך סיפּיאַגינס טויט איז פּלעווע באַשטימט געוואָרן
פאַרן אינערנמיניסטער.

ריידנדיק וועגן סיפּיאַגינען, איז כדאי צו ברייגען אַ
פאַקט, וועלכער וואַרפט אַ ליכט אויפן קיסרס כאַראַקטער. ווי

נאָך סיפּיאַגין איז געוואָרן דער הויפּטפּאַרוואַלטער פון דער קאַמיסיע פאַר בקשות, האָט ער אָנגעהויבן צו פירן אַ קורצן טאָגבוך. שפּעטער, זייענדיק שוין אינערנמיניסטער, האָט ער ווייטער געפירט זיין טאָגבוך ווען ער איז דערהרגעט געוואָרן, איז דער ערשטער אַריין אין זיין קאַבינעט פּ. נ. דורנאָוואָ, זיין געהילף, אָבער ער האָט סיפּיאַגינס פּאַפּירן נישט גערירט. דערנאָך האָט זיין מאַיעסטעט באַפוילן דעם הויפּקאָמענדאַנט, גענעראַל-אַדיוטאַנט העססע צוזאַמען מיט דורנאָוואָ פאַנאַנדערצוקלייבן די פּאַפּירן פונם פאַרשטאָרבענעם. די פּאַפּירן זיינען סאָרטירט געוואָרן. אַלע געווינלעכע, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צום מיניסטעריום, זיינען איבערגעגעבן געוואָרן אין מיניסטעריום, אָבער די אַלע פּערזענלעכע אָפּיציעלע פּאַפּירן האָט צוגענומען העססע. אַלע פּריוואַטע, ווידער, זיינען איבערגעגעבן געוואָרן סיפּיאַגינס פרוי.

סיפּיאַגינס פרוי האָט געוואוסט, אַז איר מאַן האָט געפירט טאָגביכער און אַז עס האָבן געדאַרפט זיין צוויי העפטן: איינס האָט אַרומגעכאַפּט די צייט, ווען ער איז געווען פאַרוואַלטער אין דער קאָמיסיע פאַר בקשות און דאָס צווייטע—ווען ער איז געווען מיניסטער. זי האָט געפרעגט דורנאָוואָ: וואו זיינען איר מאַנס טאָגביכער? ער האָט געענטפערט, אַז העססע האָט זיי גענומען. נאָר איידער איך גיי איבער צו דערציילן, וואָס עס איז ווייטער געווען, וויל איך דערמאַנען, אַז די גאַנצע מעשה ווייס איך פון אַלעקסאַנדרע פּאַוולאָוונע סיפּיאַגין און פון איר שוועסטערס מאַן שערעמעטיעוון.

אין עטלעכע טעג אַרום נאָך איר מאַנס טויט, איז פרוי סיפּיאַגין געפאָרן באַדאַנקען דעם קיסר מיט דער קייזערין פאַר דער אויפמערקזאַמקייט, וואָס זיי האָבן איר געשיינקט. דעמאָלט האָט איר דער קיסר געזאָגט, אַז ער האָט באַקומען איר מאַנס טאָגביכער און האָט זי געפרעגט, צי וואָלט זי גאָרנישט געהאַט קעגן דעם, אַז ער זאָל זיי פאַרהאַלטן ביי זיך אויף אַ קורצער צייט, ווייל ער וויל זיי איבערלייענען. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז פרוי סיפּיאַגין האָט מסכים געווען.

עס זיינען אַריבערגעגאַנגען עטלעכע חדשים און פּרוי סיפּיאַגין האָט נאָך אַלץ נישט באַקומען איר מאַנס כּתבים. דעמאָלט האָט זי זיך געווענדט צו איר פּלימעניק דעם פליגעל-אַדיוטאַנט גראַף שערעמעטיעוו (דעם קיסרס אַ פריינט נאָך פון די קינדעריאָרן) און האָט אים געבעטן, אַז אויף איינעם פון זיינע דיזשורן, זאָל ער דערמאָנען דעם קיסר וועגן איר מאַנס טאָגביכער.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט זיך פרוי סיפּיאַגין פאָרגעשטעלט פאַר דער קייזערין. ווען זי האָט שוין געהאַלטן ביים אַוועקגיין, האָט איר די קייזערין געבעטן וואַרטן, ווייל דער קיסר וויל זי זען. אין עטלעכע מינוט אַרום האָט זיך באַוויזן דער קיסר. ער האָט איר דערלאַנגט אַ פּאַקעט און געזאָגט, אַז ער קערט איר אום מיט אַ דאַנק איר פאַרשטאָרבענעם מאַנס מעמואַרן און ער האָט נאָך צוגעגעבן, אַז זיי זיינען זייער אינטערעסאַנט.

ווען פרוי סיפּיאַגין איז געקומען אַהיים, האָט זי דערזען, אַז זי האָט באַקומען בלויז איין טייל פון די מעמואַרן, נאָר די, וואָס פאַר דער צייט, ווען ער איז געווען הויפּטפאַרוואַלטער אין דער קאָמיסיע פאַר בקשות. זי האָט זיך דעריבער געווענדט צום אַלטן גראַף שערעמעטיעוו און האָט אים געבעטן, ער זאָל אויפקלערן די זאַך.

גראַף שערעמעטיעוו האָט זיך געווענדט צו העססען, נאָר יענער האָט אים גאַנץ גראָב געענטפערט: וואָס מאַכן זיי דאָרטן פאַר אַ וועזן מיט סיפּיאַגינס כּתבים! נאָך אַזאַ מין תשובה האָט דער גראַף שערעמעטיעוו, פאַרשטייט זיך, איבערגעריסן דעם געשפּרעך.

אין עטלעכע טעג אַרום איז דער קיסר געווען אין מאָסקווע. ער האָט דאָרטן פאַרבראַכט די ערשטע טעג יום-טוב. אויף איינעם פון די קייזערלעכע מיטאָגן איז גראַף שערעמעטיעוו געזעסן האַנט ביי האַנט מיט העססען, אָבער ער האָט מיט אים נישט גערעדט. דעמאָלט האָט העססע אַליין אָנגעהויבן צו ריידן מיט אים, און ער האָט געזאָגט: „וואָס איז שייך סי-

פיאַגינס מעמואַרן, קאָן איך אייך פאַרזיכערן, אַז איך האָב איבערגעגעבן דעם קיסר אַלץ, וואָס איך האָב באַקומען."

ווען דער קיסר האָט זיך אומגעקערט קיין פעטערבורג, האָט ער גערופן צו זיך שערעמעטיעוון און האָט אים געזאָגט, אַז אים, דעם קיסר, איז באַוואוסט, אַז איין העפט פון סיפּיאַגינס מעמואַרן איז פאַרלאָרן געגאַנגען. און ער וואָלט געוואָלט וויסן, וואָס קלערט שערעמעטיעוו, ווי אַזוי האָט דאָס געקאָנט געשען. גראַף שערעמעטיעוו האָט געזאָגט, אַז ער האָט גע-פרעגט דורנאָוואָן און יענער האָט באַשטעטיקט, אַז עס זיינען געווען צוויי העפטן און ער האָט זיי ביידע איבערגעגעבן העססען. ער פערזענלעך מיינט, אַז דורנאָוואָ זאָגט אמת, ווייל ס'איז נישטאָ קיין שום גרונט צו מיינען, אַז דורנאָוואָ זאָל צו-נעמען אַ העפט. אויסערדעם, לייקנט דאָך העססע אַליין נישט, אַז ער האָט גענומען צוויי העפטן.

דעמאָלט האָט זיין מאַיעסטעט געזאָגט, אַז אים איז באַ-וואוסט, אַז העססע האָט עפּעס געהאַט ספסוכים מיט סיפּיאַגינען און עס קאָן גרייכלעך זיין, אַז אין סיפּיאַגינס מעמואַרן איז פאַראַן עפּעס אַזוינס וועגן העססען און העססע האָט נישט גע-וואָלט, אַז ער, דער קיסר, זאָל דאָס איבערלייענען און דערפאַר האָט ער זיי פאַרניכטעט. שפּעטער אָבער האָט מיר גראַף שע-רעמעטיעוו געזאָגט:

—און איך ווייס זיכער, אַז דאָס העפט האָט דער קיסר אַליין פאַרניכטעט.

דעמאָלט בין איך נאָך מיטן גראַף שערעמעטיעוו, צוליב סיפּיאַגינען, געווען אין זייער גוטע באַציאונגען. מיר זיינען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען ערשט נאָכן 17-טן אָקטאָבער, ווען גראַף שערעמעטיעוו האָט נאָכדעם, ווי ער האָט איבערגעלייענט דעם מאַניפעסט פון 17-טן אָקטאָבער, געהייסן איבערדרייען ביי זיך אין פּאַלאַץ דעם קיסרס פּאָרטרעטן מיטן פּנים צום וואַנט און איין פּאָרטרעט האָט מען אינגאַנצן אַרויפגעטראָגן אויפן בוידעם.

איך פערזענלעך האָב סיפּיאַגינס מעמואַרן נישט געלייענט, אָבער זיין פרוי האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט געשריבן וועגן

אַלץ זייער אָפּנהערציק. סיפּיאַגין איז בכלל געווען, ווי איך האָב שוין דערמאָנט, איינער פון די איידלסטע מענטשן, אַן עכטער איידלמאַן. און דערדאָזיקער מענטש האָט מיר אין דעם לעצטן האַלב יאָר פאַר זיין טויט אָפּנהערציק און מיט פאַרביטערונג געזאָגט, אַז אויפן קיסר קאָן מען זיך נישט פאַרלאָזן, אַז ער איז נישט אויפריכטיק און פאַלש. דאָסזעלבע האָט ער אויך איינמאָל געזאָגט זיין פרוי.

אין אַ קורצער צייט נאָכדעם ווי פלעווע איז באַשטימט געוואָרן, האָט זיך אָפּגעזאָגט פון זיין שטעל דער בילדונגס-מיניסטער וואַנאָווסקי. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז וואַנאָווסקי, אַזאַ אויסגעשפּראָכענער קאָנסערוואַטאָר, אַזאַ מיליטערמאַן מיט אַלע פּיטשעווקעס, האָט נישט געקאָנט הויזן מיט פלעווען. ווייל פלעווע אַלס אינערנמיניסטער האָט אים געשטעלט אַזוינע פאָדערונגען, וועלכע וואַנאָווסקי האָט געהאַלטן פאַר אוממעגלעכע. אַזוי ווי אָבער וואַנאָווסקי האָט איינגעזען, אַז דער קיסר האַלט מער מיט פלעוועס ריכטונג, האָט ער זיך אָנגעגעבן אין דעמיסיע.

אַלס בילדונגס-מיניסטער איז אויף זיין אָרט באַשטימט געוואָרן זענגער, אַ געוועזענער פּראָפעסאָר פון וואַרשאָווער אוניווערזיטעט. אַ קרישטאַל-ריינער מענטש, אָבער שטאַרק פאַרחלומט, ווי ער וואָלט גאָרנישט געלעבט אויף דער ערד. אַ קלאַסיקער, וועלכער איז אַזוי באַגייסטערט געווען פון דער קלאַסישער שפּראַך, אַז ער האָט איבערגעזעצט—און זייער גוט איבערגעזעצט—אויף לאַטיין פּושקינס יעווגעני אָניעגין. זענגער האָט זיין מיניסטעריום געפירט אין גייסט פון אָרדנונג, אָבער נישט אין רעאַקציאָנערן גייסט. און דערפאַר האָט ער אינגיכן געמוזט פאַרלאָזן זיין שטעלע און אויף זיין אָרט איז באַשטימט געוואָרן גענעראַל גלאַזאָוו, דער שעף פון דער מיליטערישער אַקאַדעמיע. פאַר דער קורצער צייט, וואָס זענגער איז געווען מיניסטער, האָט ער געקאָנט ווייניק גוטע זאַכן אויפטאָן, אָבער

איין שלעכטע זאַך האָט ער דוקא געטאָן: פאַר זיין געהילף האָט ער באַשטימט דעם שעף פונם אינסטיטוט פאַר עקספּערימענטאַלער מעדיצין—לוקיאַנאָוון. באַשטימט האָט ער אים בלויז דערפאַר, ווייל זיי זיינען צוזאַמען געווען פּראָפעסאָרן אין וואַרשע און לוקיאַנאָוו איז געווען זיין געהילף, אָדער מעגלעך, אַז עס האָט דאָ אויך געשפּילט אַ ראָל די פּראָטעקציע פון פּרינץ און פּרינצעסין פון אָלדענבורג.

# קאַפּיטל צען.

## וו. ק. פּלעווע.

קעגן מיר האָט פּלעווע געהאַט אַ פּערזענלעכע שנאה. ער האָט געמיינט, אַז איך האָב אים צוויי מאָל געשטערט צו ווערן אינערנמיניסטער. און אַזוי ווי ער איז בכלל געווען אַ נוקם ונוטר, האָט ער מיר דאָס קיינמאָל נישט געקאָנט פאַרגעסן. אויסערדעם, זיינען מיר זיך נאָך מיט פּלעווען פאַנאַנדערגעגאַנגען (נישט צוליב די איבערצייגונגען, ווייל פּלעווע האָט עס בכלל נישט פאַרמאָגט) אינם גרעסטן טייל פראַגן פון דער מלוכה-פּאָליטיק. איך בין געווען איבערצייגט, אַז דער רוסישער קיסר דאַרף זיך שטיצן אויפן פאָלק און פּלעווע האָט געהאַלטן, אַז ער דאַרף זיך שטיצן אויפן אַדל.

אין משך פון די צען יאָר, וואָס איך האָב פאַרוואַלטעט מיט די מלוכה-פינאַנסן, האָב איך זיי דערפירט צו אַ גלענצנדיקן צושטאַנד. איך האָב אָבער זייער ווייניק געקאָנט אויפטאָן לטובת דעם מאַטעריעלן וואוילשטאַנד פון פאָלק, ווייל אין די אָנפירנדיקע קרייזן האָב איך נישט בלויז נישט באַגעגנט קיין מיטגעפיל, נאָר איך האָב זיך תמיד אָנגעשטויסן אויף שטערונגען. און

בראש פון דידאָזיקע שטערונגען איז הינטער די קוליסן תמיד געשטאַנען פלעווע.

ווען פלעווע איז געוואָרן אינערנמיניסטער, האָט זיך שוין צו יענער צייט געהאַט אָנגעהויבן די פויערים-באַוועגונג. אין פאַרשידענע געגענטן האָבן זיך די פויערים געבונטעוועט און געפאָדערט ערד. דער דעמאָלטיקער כאַרקאָווער גובערנאַטאָר, פירשט אָבאָלענסקי איז אַרומגעפאָרן איבער די דערפער, וואו עס זיינען פאָרגעקומען די אומרוען און באַפוילן צו שמייסן די פויערים. דערביי פלעגט ער פערזענלעך באַזיין ביי דער עקזעקוציע.

ווען פלעווע איז געוואָרן אינערנמיניסטער, איז ער גלייך אַוועקגעפאָרן קיין כאַרקאָוו און האָט זייער געלויבט אָבאָלענסקיס מעשים. פאַר דערדאָזיקער העלדישקייט זיינער איז אָבאָלענסקי שפעטער באַשטימט געוואָרן אַלס פינלענדישער גענעראַל-גובערנאַטאָר.

וואָס איז שייך דער פאָליטיק אויף קאַווקאַז, בין איך זיך אויך פאַנאַנדערגעגאַנגען מיט פלעווען. ביז דעם פירשט גאָליצין, האָבן אַלע פירער אויף קאַווקאַז, אָנהויבנדיק נאָך פונם פירשט וואָראָנצאָוו, זיך קודם געשטעלט די אויפגאַבע איינצונעמען קאַווקאַז און ערשט צופאַסן אים צו די יסודות פון דער מלוכה-שאַפט און באַהעפטן אים מיט רוסלאַנד. גאַנץ אַנדערש ווי איר וועט שפעטער זען, האָט געהאַנדלט גאָליצין.

די רוסישע באַפרייאונגס-באַוועגונג האָט זיך אָנגעהויבן אַריבערצוטראָגן אויף קאַווקאַז. מיטגעהאָלפן דערצו האָבן, ערשטנס, די רוסן, וואָס האָבן געוואוינט, אָדער פלעגן קומען צופאָרן קיין קאַווקאַז און, צווייטנס, די קאַווקאַזער יונגעלייט, וואָס האָבן זיך געלערנט אין רוסלאַנד. ווען נישט זיי, וואָלט זיך די קאַווקאַזער באַפעלקערונג פאַרהאַלטן רואיק. טיילווייז נאָר איז אין די אומרוען אויך שולדיק געווען די אָרטיקע אַדמיניסטראַציע מיט איר געמען כאַבאַר, וואָס פלעגט זיך אַלץ מער און מער פאַרשפרייטן און בכלל מיט איר פאַרדאָרבנקייט.

ווען עס איז געשטארבן דער קאווקאזער שעף, דער אנשטענדיקער, קלוגער, אבער שוואכער שערעמעטיעוו, האט דער קיסר אויף זיין ארט באשטימט דעם פירשט גאליצין. א מענטש אן ערלעכער, א וואוילער, אבער מיט א געוואלדיקער צומישעניש אין קאפ. צי דאס איז געווען לויט זיין אייגענער איניציאטיוו, צי ער האט סתם געוואלט נאכטאנצן דעם מאדערנעם ביי״ט—נאר גאליצין איז געקומען קיין קאווקאז צו רוסיפיצירן אים. דאס איז געווען זיין פראגראם און דידאזיקע פראגראם האט ער דורכגעפירט מיט דער גאנצער ליידנשאפטלעכקייט, מיטן גאנצן אומזין, אויף וועלכן ער איז נאר פעאיק געווען.

די פריערדיקע אינערנמיניסטארן פלעגן זיך באמיען איינצוהאלטן גאליצינען, הגם גאנץ אפט אן ערפאלג. ווען עס האט זיך אבער באוויזן פלעווע און ער האט דערשמעקט, אז דער קיסר באציט זיך סימפאטיש צום פירשט גאליצין, האט ער אים גלייך אנגעהויבן אונטערצוהאלטן און, ווי געווינלעך, לויט דעם אלטן כלל, רופט יעדער קלאפ פון איין זייט ארויס א רעאקציע פון דער צווייטער זייט.

ביסלעכווייז זיינען די אומרוען געוואקסן. און מען האט זיך נישט ארומגעזען, ווי קאווקאז האט זיך אזוי אנגעצונדן, אז א סך האבן גענומען מורמלען (הגם שטארק פארגרעסערט) אז קאווקאז מוז ווידער איינגענומען ווערן. אבער אויב אזוי, דארף מען פריער איינעמען רוסלאנד, דעמאלט וועט שוין נישט שווער זיין איינצונעמען קאווקאז און ברייגען אין ארדנונג די ראנדגעביטן.

נו, גוט זאל מען איינעמען רוסלאנד. אבער נישט מיטן האלטן זיך ביים רעזשים פון די עכט-רוסישע לייט קאן דאס געמאכט ווערן.

פירשט גאליצין איז געגאנגען קעגן אלע נאציאנאליטעטן, וואס האבן באוואוינט קאווקאז, ווייל ער האט אלעמען געוואלט רוסיפיצירן. אבער ערגער ווי צו אלעמען האט ער זיך באצויגן צו די ארמענער. צוליב די פארפאלגונגען פון די ארמענער אין טערקיי, האבן פאר די לעצטע יארן טויזנטער רעוואלוציאניזירטע

אַרמענער איבערגעוואַנדערט קיין קאַווקאַז און זיי, ווי געניטע רעוואָלוציאָנערן, האָבן זיך גענומען ווירקן אויף זייערע ברידער, די רוסישע אונטערטאַנען.

בכלל האָבן די אומרוען אויף קאַווקאַז געטראָגן גאָר אַ באַזונדערן כאַראַקטער. די דאָרטיקע איינוואוינער זיינען דאָס רוב אַזיאַטן. די פסיכאָלאָגיע איז ביי זיי גאָר אַן אַנדערע און גאַנץ אַנדערע באַגריפן האָבן זיי וועגן בורגערשאַפט און הויפּט-זעכלעך, וועגן דעם ווערט פון מענטשלעכן לעבן.

כדי איינצוצוימען די אַרמענער, האָט זיך דעם פירשט גאָליצין פאַרוואָלט סעקוועסטרירן די פאַרמעגנס פון די אַרמע-נישע קלויסטערס. אין די קלויסטערס ביי די אַרמענער איז קאָנצענטרירט די גאַנצע וואוילטעטיקייט און די בילדונג פון פאָלק. בכלל איז ביי די אַרמענער דער קלויסטער אַ לעבעדיקע זאַך, דאָס איז די נשמה פון זייער לעבן. ווען ער האָט מיטגע-טיילט וועגן דערדאָזיקער פראַגע, איז באַשלאָסן געוואָרן צונויפ-צורופן אַ באַראַטונג אונטערן פאָרזיץ פון ע. וו. פריש. דידאָזיקע באַראַטונג איז צושטאַנד געקומען. אין איר האָבן אָנטיילגענומען: דער אויסערנמיניסטער גראַף מוראַוויאָוו, פּאָביעדאָנאָסצעוו, דער יוסטיץ-מיניסטער מוראַוויאָוו, סיפּיאַגין, גאָליצין און איך.

איך האָב אויפן אַנטשידענסטן אופן פּראָטעסטירט קעגן דעם אומזיניקן איינפאַל, סיי פון פּאָליטישן און סיי פון עטישן שטאַנדפּונקט.

פון פּאָליטישן שטאַנדפּונקט צוליב דעם, ווייל דאָס וואָלט אויפגעבראַכט קעגן אונז אַלע אַרמענער, נישט בלויז די רוסי-שע, נאָר אויך די אויסלענדישע. פון עטישן—ווייל די אַרמענער זיינען פּונקט אַזעלכע קריסטן, ווי מיר און זייער קלויסטער שטייט אַמנאָנטסטן צו דער פּראַוואָסלאַווער צערקווע. ווען איך האָב גערעדט פון דער פּאָליטישער זייט, האָט מיך פּאָביעדאָ-נאָסצעוו נישט אונטערגעהאַלטן, נאָר ווען איך האָב גערעדט פון רעליגיעזן שטאַנדפּונקט, האָט ער זיך געשטעלט אויף מיין זייט.

סוף כל סוף האָט זיך די גאַנצע באַראַטונג, אויסער דעם פירשט גאָליצין, וועלכער איז געבליבן ביי זיין מיינונג, זיך

אַרויסגעזאָגט קעגן דעמדאָזיקן מיטל. דער פּראָטאָקאָל פון דער־דאָזיקער באַראַטונג איז געבליבן ביים קיסר אָן אַ רעזאָלוציע.

ווען פּלעווע איז געוואָרן מיניסטער, איז באַלד, ווי גאָלי־צין איז געקומען צופאָרן קיין פּעטערבורג, ווידער אויפגעהויבן געוואָרן דיזעלבע פראַגע. דאָס מאָל איז זי שוין אָבער אַריינ־געטראָגן געוואָרן אין מיניסטאָרן־קאָמיטעט און אַלס איר פאַר־טיידיקער איז אַרויסגעטראָטן פּלעווע.

געוויינלעך אין אַלע קלענערע פראַגן, ווען עס זיינען געווען סמנים, אַז דער קיסר וויל, אַז די זאַך זאָל באַשלאָסן ווערן אויף אַזאַ און אַזאַ אופן, פלעגט שוין דער גרעסטער טייל מיטגלידער, ווי פון מיניסטאָרן־קאָמיטעט אַזוי אויך פון מלוכה־ראַט, זיך נישט אַרויסזאָגן אָפן און זוכן עפּעס אַ גרונט ווי צו פאַרציען די זאַך אָדער געבן איר אַזאַ ריכטונג, אַז עס זאָל זיך נישט באַקומען קיין באַשטימטער באַשלוס. ווי פּאָביע־דאָנאָסצעוו פלעגט זיך אויסדריקן: אַוועקלאָזן די זאַך „אין זאַמד“.

דערפאַר האָבן אויף דער זיצונג כמעט די גאַנצע צייט גערעדט בלויז פּלעווע און איך. איך—שאַרף קעגן, פּלעווע—שאַרף פאַר. אַלע מיטגלידער, אויסער דריי, האָבן זיך פאַר־איינִיקט מיט מיר און צווישן זיי איז געווען דער גרויספירשט מיכאַיל ניקאָלאַיעוויטש, דער געוועזענער פאַרטרעטער אויף קאַוו־קאַז. די מינדערהייט איז באַשטאַנען פון פּלעווען, גאָליצינען און זענדערן, דעם בילדונגס־מיניסטער. ער איז צוגעשטאַנען צו פּלעווען מסתמא צוליב אַ מיספאַרשטענדעניש. זענגער איז געווען אַ ריינער, ערלעכער נאָר שוואַכער מענטש. לויט דער פּראָ־פעסיע אַ קלאַסיקער און דערצו נאָך אַ קלאַסיקער אַ פּאָעט.

דער גרויספירשט מיכאַיל ניקאָלאַיעוויטש האָט זיך געבעטן ביים קיסר צו באַשטעטיקן די מיינונג פון דער מערהייט. זיין מאַיעסטעט האָט אָבער באַשטעטיקט די מיינונג פון דער מינדער־הייט. מען האָט גענומען דורכפירן דעם באַשלוס אין לעבן. דאָס האָט ענדגילטיק אויפגערייצט די אַרמענער. עס האָבן זיך אָנגעהויבן שאַרפע רעוואָלוציאָנערע אַרויסטרעטונגען. דערנאָך איז

דער קאַמף צווישן דער מאַכט און די אַרמענער איבערגעגאַנגען אין אַ קאַמף צווישן אַרמענער און מוסולמענער. מען האָט גע־רעדט, אַז דאָס איז געווען די אַרבעט פון דער אָרטיקער מאַכט. שפּעטער איז געמאַכט געוואָרן דער אַטענטאַט אויף גאָליצינען. ער איז געקומען צופאָרן קיין פּעטערבורג און מער איז ער שוין קיין קאַווקאַז נישט געפאָרן.

אויף גאָליצינס אָרט איז באַשטימט געוואָרן דער גראַף וואָראָנצאָוו־דאַשקאָוו. ער האָט אָנגעהויבן צו פירן די פּאָליטיק פון די בעסערע קאַווקאַזער פירער, ווי דער פירשט וואָראָנצאָוו, באַריאַטינסקי און ער האָט אויפגעהערט אונטערצודריקן די באַ־פעלקערונג. לויט זיין אויפפאָדערונג איז אָפּגעשאַפט געוואָרן דער סעקוועסטער אויף די אַרמענישע קלויסטער־פאַרמעגנס, הגם עס איז זייער שווער געווען אַרויסצופּלאָנטערן זיך פון דעם־דאָזיקן ענין, ווייל די גרעסטע טייל פאַרמעגן איז שוין צוגע־נומען געוואָרן. דעם גראַף וואָראָנצאָוו־דאַשקאָוו האָט מען אויף קאַווקאַז ליב געהאַט און שטאַרק געשעצט.

איך האָב געראַטן צו באַשטימען דעם גראַף וואָראָנצאָוו־דאַשקאָוו דעמאָלט, ווען מען האָט באַשטימט גאָליצינען. ווען מען וואָלט אים דעמאָלט באַשטימט, וואָלט נישט פאָרגעקומען דער גאַנצער מישמאַש, וואָס גאָליצין האָט דאָרטן אָנגעמאַכט און אויף קאַווקאַז וואָלט היינט צו טאָג זיין אַ סך רואיקער.

גראַף וואָראָנצאָוו איז נישט קיין איבערגעשפּיצטער מענטש, אָבער זייער אַן אָרנטלעכער און איידעלער און מיט גוטע כוונות. ער האָט נאָר איין גרויסן חסרון: ער קען נישט אויסקלייבן קיין מענטשן. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אַלע „עכט־רוסישע" לייט און קאָנסערוואַטיווע צייטונגען העצן קעגן אים און ריידן אָפּט וועגן זיין אַוועקגיין.

מיט פלעווען בין איך זיך אויף פאַנאַנדערגעגאַנגען אין דער יידן־פראַגע. אין די ערשטע יאָרן, ווען איך בין געווען מיניסטער, נאָך פאַר אַלעקסאַנדער III, האָט מיך דער קיסר איינמאָל אַ פרעג געטאָן:

„איז עס אמת, אַז איר האַלט פאַר יידן?"

איך האָב געזאָגט זיין מאַיעסטעט, אַז עס איז מיר שווער צו ענטפערן אויף זיין פראַגע. נאָר אפשר וואָלט ער מיר דערלויבט צו שטעלן אים אַ פראַגע, אַלס תשובה אויף זיין פראַגע. ווען איך האָב באַקומען די דערלויבניש, האָב איך געפרעגט דעם קיסר, צי קאָן ער דערטרינקען אַלע רוסישע יידן אין שוואַרצן ים. אויב ער קאָן, פאַרשטיי איך אַזאַ לייזונג פון דער פראַגע. אויב אָבער ער קאָן דאָס נישט, איז דער איינציקער אויסוועג: געבן זיי אַ מעגלעכקייט צו לעבן. און געשען וועט עס נאָר דאַן, ווען עס וועלן פּיסלעכווייז אָבגעשאַפט ווערן די געזעצן, וועלכע זיינען באַשאַפן געוואָרן ספּעציעל פאַר יידן. וויל סוף כל סוף עקזיסטירט נישט קיין אַנדער לייזונג פון דער יידן-פראַגע ווי נאָר צו געבן די יידן גלייכבאַרעכטיקונג. גלייכע רעכט מיט אַלע איבריקע אונטערטאַנען פון קיסר.

זיין מאַיעסטעט האָט מיר דערויף גאָרנישט געענטפערט. ער איז אָבער פאַרבליבן גוט צו מיר און האָט מיר געטרויט ביז דעם לעצטן טאָג פון זיין לעבן.

איך שטיי עד היום אויף דעמזעלבן שטאַנדפּונקט וועגן דער יידן-פראַגע, וועלכן איך האָב אויסגעדריקט אַלעקסאַנדער III. ווען איך בין געווען פינאַנצמיניסטער, פלעג איך סיסטעמאַטיש אַרויסטרעטן קעגן אַלע נייע מיטלען, וועלכע מען האָט בדעה געהאַט אָנצונעמען קעגן יידן. איך בין געווען צו שוואַך, כדי צו צווינגען, מען זאָל איבערקוקן אַלע עקזיסטירנדיקע געזעצן קעגן יידן, פון וועלכע אַ סך זיינען זייער נישט קיין גערעכטע. בכלל זיינען דידאָזיקע געזעצן פּרינציפּיעל שעדלעך פאַר די רוסן און פאַר רוסלאַנד. איך האָב אַלעמאָל געקוקט און קוק אויף דער יידן-פראַגע נישט פון דעם שטאַנדפּונקט, וואָס איז אָנגענעם פאַר די יידן, נאָר וואָס איז נוצלעך פאַר אונז רוסן און פאַר דער רוסישער מלוכה. אַלע מער ממשותדיקע געזעצן, וואָס באַגרענצן די רעכט פון די יידן, זיינען דורכגעגאַנגען נישט אויפן געזעצגעבערישן אופן, נאָר דורכן מיניסטאָרן-קאָמיטעט, ווי געזעצן צייטווייליקע. תמיד פלעגט

באַנוצט ווערן דיזעלבע צביעותדיקע פאָרמעל „ביז וואַנען עס
וועלן איבערגעקוקט ווערן אַלע געזעצן וועגן יידן." (דערביי
פלעגט אַלעמאָל געגעבן ווערן צו פאַרשטיין, אַז איבערגעקוקט
וועלן זיי ווערן פון שטאַנדפונקט פון פאַרברייטערן זיי און
נישט פאַרשמעלערן). די געזעצגעבער האָבן נישט פאַרמאָגט דעם
בירגערלעכן מוט אָפּצושטעלן די פראַגע אָפן. זיי האָבן גע־
וואוסט, אַז דער מלוכה־ראַט (דער אַלטער, וואָס איז צוזאַמענ־
געשטעלט געווען אויסשליסלעך, לויט דעם הייטמאָדישן אויס־
דרוק פון ביוראָקראַטן) וועט זיך אָדער מיט אַ מערהייט אַרויס־
זאָגן געגן, אָדער אָפּוועקלייגן די זאַך „אין זאַמד", אָדער וועט,
לכל הפחות, אַרויסזאָגן אַ סך אומאַנגענעמע אמתן די מיניסטאָרן,
וועלכע האָבן אַריינגעטראָגן דעם פּראָיעקט פון נייע באַגרענצונ־
גען פאַר יידן. דערפאַר פלעגט מען אין מלוכה־ראַט, ווי דאָס
האָט געדאַרפט זיין לויטן געזעץ, דידאָזיקע געזעצן נישט אַריינ־
טראָגן. דורכגעפירט פלעגן זיי ווערן דורכן מיניסטאָרן־קאָמיטעט.
און אויב מען האָט אויך דאָ געקלערט זיך אָנצושטויסן אויף
אַן איינווענדונג, פלעגט מען דאָס גאָר מאַכן אויף ספּעציעלע באַ־
ראַטונגען, אָדער נאָך פשוטער—דורך אַן אַלאונטערטעניקסטן
באַריכט.

איינער פון די פאַרביסנסטע יידן־געגנער איז געווען דער
גרויספירשט סערגיי אַלעקסאַנדראָוויטש. ער איז בכלל געווען
אַ מוראדיקער רעאַקציאָנער, זייער אַ באַגרענצטער און שמאָלער
מענטש, אָבער בלי שום ספק ערלעך און גראַדליניק. ער איז
געווען מאָסקווער גענעראַל־גובערנאַטאָר, אָבער ער האָט נישט
געקענט פאַרוואַלטן. מיט דער גובערניע פלעגן אָנפירן זיינע
טשינאָווניקעס, וועלכע פלעגן זיך לכתחילה אַריינקריגן צו אים
דערמיט, וואָס זיי פלעגן אים אין אַלץ אונטערבאַמקען, נאָכדעם
אָבער פלעגן זיי אים שוין האַלטן פעסט אין די הענט.

אין די לעצטע יאָרן פון זיין פאַרוואַלטונג איז אַזאַ מין
באַאַמטער געווען דער אָבערפּאָליצמייסטער, דער באַרימטער
גענעראַל טרעפּאָוו. מיט זיין פּאָליטיק האָט ער מאָסקווע דער־
פירט צו אַן אמת רעוואָלוציאָנערן צושטאַנד. מאָסקווע—דאָס האַרץ

זכרונות.

פון רוסלאַנד, דער שטיין־פונקט פון דער רוסישער מלוכהשאַפט, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ צענטער פון דער רוסלענדישער רעוואָלוציע. דער באַרימטער אַדמיראַל דובאַסאָוו, אַ מענטש אָן ערלעכער, אַ מוטיקער און אָן אָפּנהאַרציקער, געוועזענער מאָסקווער גענעראַל־גובערנאַטאָר נאָכן 17־טן אָקטאָבער, האָט מיר עטלעכע מאָל געזאָגט, אַז מאָסקווע האָבן רעוואָלוציאָניזירט דער גרויספירשט סערגיי און טרעפּאָוו.

די מיטלען, וועלכע דער גרויספירשט האָט פאַר זיין צייט אָנגענומען געגן די יידן אין מאָסקווע, זיינען נישט נאָר נישט דורכגעפירט געוואָרן דורכן מלוכה־ראַט, נאָר זיינען אַפילו נישט באַטראַכט געוואָרן אין מיניסטאָרן־קאָמיטעט, ווייל אויך דאָרטן האָבן זיי נישט געהאַט קיין שאַנסן דורכצוגיין. דורכגע־פירט האָט מען דאָס רוב פון דידאָזיקע געזעצן אויפן פשוטן וועג פון אַלאונטערטעניקסטע באַריכטן פון אינערן־מיניסטער. אַ גאַנץ קליינער טייל בלויז פון זיי איז דורכגעפירט געוואָרן אויף ספעציעלע באַראַטונגען. ווען מיר וואָלטן נאָך אַלעקסאַנדער II ווייטער געפירט זיין פּאָליטיק בנוגע יידן, ד. ה. מיר וואָלטן ביסלעכוויז אָפּגעשאַפט די אויסנאַמסגעזעצן געגן די יידן, וואָלט די יידן־פראַגע אין דער פאָרם, ווי זי עקזיסטירט היינט אין רוסלאַנד, אינגאַנצן נישט געווען. די יידן וואָלטן אַזויאַרום נישט געווען איינער פון די בייזע כוחות פון אונזער רעוואָלוציע. די יידן פראַגע ביי אונז וואָלט עקזיסטירט בלויז אין דער פאָרם ווי זי עק־זיסטירט אין אַלע לענדער, וואו עס געפינט זיך אַ גרעסערע צאָל יידן. כדי די פראַגע זאָל לחלוטין פאַרגעסן ווערן, דאַרף מען האָבן צענדליקער און אפשר טאַקע הונדערטער יאָרן. דאָס ספעציפישע, וואָס עס פאַרמאָגט די יידישע ראַסע, קען אָפּגעמעקט ווערן נאָר בהדרגה און זייער לאַנגזאַם. אָבער אָנשטאָט דעם צו פירן אַ פּאָלי־טיק פון בהדרגהדיקער פאַרניכטונג פון די ספעציעלע יידישע גע־זעצן, האָט מען זיך גענומען באַשאַפן נייע אונטערדריקונגס־געזעצן, און אַזוי ווי דער גאַנצער באַרג יידישע געזעצן שטעלט פאָר מיט זיך אַ געמיש פון אומקלאָרקייטן מיט אַ מעגלעכקייט פון אַ ברייטער אויסטייטשונג אין דער אָדער אין יענער ריכטונג, האָט זיך

אויף דעם באָדן געשאַפן אַ גאַנצע מאַסע פון ווילקירלעכע פאַר־אָרדנונגען, וואָס זיינען סותר איינאַנדער און וואָס זיינען סוף־כל־סוף פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קוואַל פון כל־המינים כאַ־באַר פון קיינעם נעמט די אַדמיניסטראַציע נישט אַזויפיל כאַ־באַר, ווי פון יידן. אין מאַנכע געגנטן איז פשוט געשאַפן גע־וואָרן אַ באַזונדער סיסטעם פון יידן־שטייער. זעלבסטפאַרשטענד־לעך, אַז ביי אַזאַ מין לאַגע האָט זיך די גאַנצע לאַסט פונם פאַרפאָלגונגס־רעזשים געלייגט אויף די פלייצעס פון דעם אָרעמסטן קלאַס ביי יידן, ווייל וואָס דער ייד איז רייכער, אַלץ גרינגער איז זיך אים אָפּצוקויפן, און די רייכע יידן—נישט נאָר וואָס זיי פילן נישט קיין אונטערדריקונגען, נאָר אין אַ געוויסן האָבן זיי אַפילו די איבערהאַנט דערמיט, וואָס זיי האָבן אַ השפעה אויף דער העכערער מאַכט פון דער אָרטיקער אַדמיניסטראַציע. אין אָנפאַנג פון די 80־טע יאָרן האָט דער סענאַט געקעמפט מיט דעמדאָזיקן מצב. ער האָט זיך געפּרובט נישט צו דערלאָזן קיין ווילקירלעכע אויסטייטשונג פון די גע־זעצן און באַגרענצונגען פאַר יידן. שפּעטער אָבער האָבן זיך מצד די אינערן־מיניסטאָרן אָנגעהויבן אָנקלאַגעס אויף אייניקע סענאַטאָרן, אַז זיי שטעלן זיך קעגן און שטערן דער אַדמיני־סטראַציע. אַזעלכע סענאַטאָרן האָט מען אָנגעהויבן איבערצופירן פון איין דעפּאַרטאַמענט אין צווייטן. מען פלעגט זיי אויסמיידן ביים פאַנאַנדערטיילן אויסצייכנונגען און עס זיינען אַפילו גע־ווען פאַלן, ווען די וויניקער געהאָרכזאַמע פלעגן אינגאַנצן באַזייטיקט ווערן. סוף כל סוף איז דערגאַנגען דערצו, אַז מען האָט גענומען באַשטימען נייע געהאָרכזאַמע סענאַטאָרן. און גע־ענדיקט האָט זיך עס דערמיט, וואָס אויך דער סענאַט האָט גענומען געבן די יידישע געזעצן אַזוינע אויסטייטשונגען, וועל־כע זיינען באין אופן פון די געזעצן נישט אַרויסגעדרונגען.

דאָס אַלץ האָט מיטגעהאָלפן דער רעוואָלוציאָניזירונג פון די יידישע מאַסן, באַזונדערס פון דער יוגנט. דערצו האָבן מיטגעהאָלפן אויך די רוסישע שולן. פון פענאָמענאַלע פּחדנים, ווי דאָס זיינען געווען כמעט אַלע יידן מיט אַ יאָר 30 צוריק,

האָבן זיך מיטאַמאָל באַוויזן מענטשן, וואָס האָבן מקריב גע־
ווען זייער לעבן פאַר דער רעוואָלוציע, וועלכע זיינען געוואָרן
באָמבע־וואַרפער, גזלנים און רצחים... אמת, נישט אַלע יידן
זיינען געוואָרן רעוואָלוציאָנערן, אָבער עס איז קיין ספק שניט,
אַז קיין שום נאַציאָנאַליטעט האָט נישט אַרויסגעגעבן אַזאַ פּראָ־
צענט רעוואָלוציאָנערן, ווי די יידישע. זייער אַ גרויסע צאָל
יידן זיינען צוגעשטאַנען צו די עקסטע פּאַרטייען. זעענדיק אין
דער באַפרייאונגס־באַוועגונג די איינציקע ישועה, איז כמעט די
גאַנצע יידישע אינטעליגענץ, וואָס איז אַרויס פון די הויכשולן,
צוגעשטאַנען צו דער פּאַרטיי „פון פאָלקס־פרייהייט״, וועלכע
האָט זיי צוגעזאָגט גלייכבאַרעכטיקונג. דידאָזיקע פּאַרטיי האָט
צו פאַרדאַנקען איר השפעה אין דער גרעסטער מאָס די יידן.
די יידן האָבן זי געשפּייזט סיי מיט זייער אינטעלעקטועלער אַר־
בעט און סיי מיט מאַטעריעלע מיטלען. איך האָב נישט איין
מאָל מתרה געווען די קעפּ פון רוסישן און אויסלענדישן יידנ־
טום, אַז זיי זיינען אַוועק מיט זייער אַ ריזיקאַלישן און נישט
קאָרעקטן וועג, אַז גייענדיק מיט דעמדאָזיקן וועג, וועלן זיי
נאָך מער פאַרשאַרפן די יידן־פראַגע אין רוסלאַנד, אַז די יידן
דאַרפן שטרעבן זיך צו דערשלאָגן צו געוויסע פאַרלייכטערונגען
פון זייער לאַגע נאָר אויפן פרידלעכן וועג, אַז זיי מוזן ווייזן,
אַז זיי זיינען טרייע אונטערטאַנען. אויסערדעם, האָב איך זיי
נאָך געזאָגט, אַז דערשלאָגן זיך צו עפּעס קענען זיי נאָר דורכן
קיסר און אַז זיי דאַרפן נישט סתם שטרעבן צו אַלע פרייהייטן,
נאָר מער נישט בעטן, אַז פאַר זיי זאָלן נישט געמאַכט ווערן
קיין אויסנאַמען. אָבער אין רעכטן ברען פון די רעוואָלוציאָ־
נערע שטרעמונגען, אָנטרויענדיק זיך די פירער פון דער קאַ־
דעטישער פּאַרטיי, האָבן זיי אויף מיינע רייד קיין שום אַכט
נישט געלייגט. וואָס וויל איך האָבן פון זיי מיט לאָיאַליטעט
און אויסגערעכנטקייט, אין דער צייט ווען זיי געפינען זיך
שוין אויפן שוועל פון זייער פולשטענדיקער גלייכבאַרעכטיקונג.

דער פּועל יוצא דערפון איז, פאַרשטייט זיך, געווען די
פאַרשטאַרקטע רעאַקציע. די אַלע, וואָס האָבן פריער מיטגע־

פֿילט די יידן, אָדער האָבן זיך באַצויגן גלייכגילטיק צו זיי, זיינען געוואָרן פֿאַרביסענע אַנטיסעמיטן. אין רוסלאַנד זיינען קיינמאָל נישט געווען אַזויפֿיל יידישע שונאים, ווי היינט, און די יידן־פֿראַגע איז קיינמאָל נישט געווען אַזוי אומגינסטיק, ווי איצט. אַזאַ לאַגע איז זייער שווער פֿאַר די יידן און זייער שלעכט פֿאַר רוסלאַנד. ווייל איך בין איבערצייגט, אַז כּל זמן די יידן־פֿראַגע וועט נישט געלעזט ווערן אין הומאַניטאַרן מלוכה־גייסט, וועט זיך רוסלאַנד נישט באַרואיקן. גלייכצייטיק האָב איך אָבער שטאַרק מורא, אַז ווען די גלייכבאַרעכטיקונג זאָל געגעבן ווערן מיט אַמאָל, זאָלן זיך צוליב דעם נישט אָנהויבן קיין מהומות און די זאַך זאָל נאָך מער פֿאַרשאַרפֿט ווערן. אַלע פּאָליטישע פֿראַגן, וועלכע רירן אָן די היסטאָרישע פֿאָראורטיילן פֿון די מאַסן און דערצו נאָך אַזעלכע, וואָס באַזירן זיך אויף ראַסן־אונטערשיידן, קענען געלעזט ווערן נאָר בהדרגה און נישט געאיילט; אַלע צו שאַרפֿע, צוגעאיילטע באַשלוסן צושטערן דעם גלייכגעוויכט. און לויט מיר איז בעסער אַ גלייכגעוויכט, מעג ער אפילו זיין געקינצלט, קרומלעך און צייטווייליק.

אַ מלוכה איז אַ לעבעדיקער אָרגאַניזם און דערפֿאַר מוז מען זייער פֿאָרזיכטיק זיין מיט שאַרפֿע אָפּעראַציעס. דער גראַף נ. פּ. איגנאַטיעוו (דער אָפֿיציעלער מחבר פֿונם געזעץ געגן יידן אין יאָר 1882) און א. נ. דורנאָווא האָבן מיט זייער נאַרישער פּאָליטיק אין דער יידן־פֿראַגע זייער פֿיל שאָדן אָנגעמאַכט דער מלוכה. אַזאַ אויסגעשפּראָכענער קאָנסערוואַטאָר, נאָר אַ קלוגער מענטש, ווי גראַף טאָלסטאָי, דער געוועזענער אינערן־מיניסטער פֿאַר אַלעקסאַנדער III צייטן, איז געווען, וואָלט בשום אופֿן נישט דערלאָזט צו אַזעלכע פֿעלערן. ער האָט נישט באַוויזן אויסצובעסערן איגנאַטיעווס פֿעלערן, אָבער פֿאַר זיין צייט איז פֿונדעסטוועגן מיט דער יידן־פֿראַגע רואיקער געווען. נאָך זיין טויט האָט דורנאָווא גענומען איגנאַטיעווס קורס, הגם פּערזענלעך איז ער געווען אין גאַנץ פֿריינטלעכע באַציאונגען מיט אייניקע גרויסע יידישע גבירים, און נישט צוליב מאַטע־ריעלע צוועקן, ווייל אין געלט־זאַכן איז ער גראָד געווען אַן

ערלעכער מענטש. ער איז פשוט געווען זייער באַגרענצט און
נאָכגיביק. אָן דעם קורס האָט זיך דעמאָלט געהאַלטן די הויף־
קאַמאַריליע און ער האָט זיי נאָכגעגעבן. דער אמתער מחבר
אָבער פון די פאַרשידענע געזעצן און אַדמיניסטראַטיווע מיטלען
געגן יידן, די נשמה פון דער זאַך, איז געווען פלעווע, סיי
פאַר איגנאַטיעווס, סיי פאַר דורנאָוואס צייטן. ווי דאָס פלעגט
זיך אַרויסווייזן אין פאַרשידענע געשפּרעכן מיט פלעווען וועגן
דער יידן־פראַגע, האָט ער פּערזענלעך געגן יידן גאָרנישט גע־
האַט. ער איז אויך געווען גענוג קלוג צו פאַרשטיין, אַז די
פּאָליטיק איז נישט קיין ריכטיקע, אָבער זי פלעגט אויסנעמען
ביים גרויספירשט סערגיי אַלעקסאַנדראָוויטש און, ווי ס׳ווייזט
אויס, אויך ביי זיין מאַיעסטעט, און פלעווע האָט זיך מיט אַלע
כּוחות באַמיט זיי צופרידנצושטעלן. די יידן־פראַגע פלעגט באַ־
גלייט ווערן מיט פּאָגראָמען, באַזונדערס שטאַרק זיינען זיי גע־
ווען אין גראַף איגנאַטיעווס צייטן. ווען גראַף טאָלסטאָי איז
געוואָרן מיניסטער, האָט ער באַלד געמאַכט אַ סוף צו זיי. נאָך
אים איז אינערן־מיניסטער געוואָרן פלעווע. אים האָט זיך גע־
וואָלט דערשלאָגן צו אַ פּסיכאָלאָגישן איבערברוך אין דער רע־
וואָלוציאָנערער שטימונג פון די מאַסן אין דער צייט פון דער
יאַפּאָנישער מלחמה, און דעמאָלט האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אויף
די יידישע פּאָגראָמען, ווי אויף אַ מיטל דערצו. דערפאַר זיינען
אין זיין צייט אויסגעבראָכן געוואָרן פּאָגראָמען אויף יידן, פון
וועלכע עס האָט זיך מיט אַ באַזונדערער ווילדקייט און שרעק־
לעכער אכזריות אויסגעצייכנט דער פּאָגראָם אין קישינעוו.

גראַף מוסין־פּושקין, אַ גענעראַל־אַדיוטאַנט נאָך פון ניקאָ־
לאַי I שניט, דער דעמאָלטיקער מיליטער־קאָמאַנדיר אין אָדע־
סער געביט, האָט דערציילט ווי אַזוי ער איז דעמאָלט גלייך
נאָכן פּאָגראָם געפאָרן קיין אָדעס, כּדי אויסצופאָרשן די מעשים
פונם מיליטער. באַשרייבנדיק די אַלע שרעקן, וואָס מען האָט
אָפּגעטאָן איבער די שוצלאָזע יידן, האָט ער פאָרגעשטעלט, אַז
אַלץ איז געשען צוליב דעם, וואָס דאָס מיליטער איז געווען
אומטעטיק. און אומטעטיק איז עס געווען דערפאַר, ווייל עס

---

ס. י. וויטע.

האָט נישט באַקומען פון דער ציוויל-מאַכט קיין אַנטשפּרעכנדיקן באַפעל צו האַנדלען לויטן געזעץ. ער איז זייער אויפגעבראַכט געווען פון דער שרעקלעכער געשיכטע און האָט געזאָגט, אַז מיט אַזאַ מין אַרט האַנדלונג דעמאָראַליזירט מען די אַרמיי.

פּושקין האָט נישט ליב געהאַט די יידן, אָבער ער איז געווען אַן ערלעכער מאַן. דער פּאָגראָם אין קישעניעוו, וועלכער איז געמאַכט געוואָרן מיט פּלעוועס שטילער הסכּמה, האָט אינגאַנצן אַראָפּגעפירט די יידן פון וועג און האָט זיי ענדגילטיק געשטויסן אין די אָרעמס פון דער רעוואָלוציע.

איך נעם זיך נישט אונטער צו זאָגן, אַז פּלעווע האָט אַליין דירעקט אָרגאַניזירט די פּאָגראָמען, אָבער ער איז נישט געווען געגן דעמדאָזיקן אופן זיך אַנטקעגנצושטעלן דער רעוואָלוציע. נאָך דעם ווי מיטן קישיניעווער פּאָגראָם האָט זיך פּאַראינטערעסירט די געזעלשאַפטלעכע מיינונג פון דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט, האָט פּלעווע געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט די יידישע פירער אין פּאַריז און מיט די רוסישע רבנים. ער האָט זיי געזאָגט — „צווינגט די אייעריקע אויפצוהערן די רעוואָלוציע און איך וועל אויפהערן די אונטערדריקונגס-מיטלען געגן די יידן." זיי האָבן אים געענטפערט: „מיר זיינען עס נישט בכּוח, ווייל דער גרעסטער טייל פון אונזער יוגנט איז פאַרווילדעוועט געוואָרן פון הונגער און מיר האַלטן זי נישט אין די הענט. נאָר מיר קלערן און מיר קענען אַפילו זיכער זיין, אַז אויב איר וועט אָנהויבן צו פירן אַ פּאַרלייכטערונגס-פּאָליטיק בנוגע יידן, וועלן זיי זיך באַרואיקן". פאַר זיין טויט האָט ער געמאַכט הכנות דורכצופירן אַזוינע פּאַרלייכטערונגס-מיטלען. (למשל: אין אַלע דרום-שטעטלעך, האָט ער דערקלערט, מעגן יידן וואוינען...)

אויסער די שוין אויסגערעכנטע פּראַגן, איז מיר בכלל אויסגעקומען זיך פּאַנאַנדערצוגיין מיט פּלעוועס אין אַ סך אַנדערע פּראַגן. דערפאַר האָט ער זיך נישט געמאוסט אונטערצוטראָגן דעם קיסר די ווילדסטע מעשיות וועגן מיר. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, ווי עס האָט זיך שפּעטער נאָך זיין טויט

אַרויסגעוויזן פון די אַרכיוון אין פאָליציי־דעפאַרטאַמענט, אַז ער האָט געזאָגט אויף מיר, אַז איך בין כמעט אַ רעוואָלוציאָנער, וועלכער קאָנספּירירט אויף דער פערזאָן פון קיסר, וואָס איז הייליק פאַר יעדן רוס. פלעווע האָט גוט געוואוסט, אַז איך וועל נישט דערלאָזן אַזוי פריי באַלעבאַטעווען זיינע פאָליציאישע אַפעטיטן, וועלכע האָבן אַזוי רעוואָלוציאָניזירט רוסלאַנד און דערפאַר האָט ער געוואָלט פטור ווערן פון מיר. ער האָט דורכאויס געוואָלט בלייבן אויף זיין פאָסטן פון אינערנמיניסטער. עס קען זיין, אַז טיילווייז האָט דאָס אים אויך געשטויסן דערצו, ער זאָל זיך שטעלן בראש פון בעזאָבראַזאָווס פאָליטישן אויפטו, וועלכער האָט דערפירט צו דער מלחמה מיט יאַפאַניע. ער איז געווען זיכער, אַז איך וועל ליבערשט אַוועקגיין, איידער מסכים זיין אויף דער שעדלעכער אַוואַנטורע.

דער אינערנמיניסטער פלעווע האָט אַלץ געזוכט מיטלען ווי אַזוי בייצוקומען די רעוואָלוציאָנערע שטימונג, אָבער אַזוי ווי ער איז בלויז געווען אַ קלוגער, קולטורעלער און געוויסנלאָזער פאָליציאַנט, האָט ער, פאַרשטייט זיך, נישט געקאָנט אויסגעפינען אַנדערע מיטלען צו באַזייטיקן די געזעלשאַפטלעכע אויפרעגונג, ווי נאָר פאָליציייאישע. כדי איינצוהאַלטן די אַרבעטער־באַוועגונג האָט ער אָנגעהויבן ענערגיש דורכצופירן די „זובאַטאָוושטשינע".

פונקט מיט אַזעלכע פאָליציייאישע מיטלען האָט ער אויך געמיינט צו באַזייטיקן די אומרועו אין די לער־אַנשטאַלטן און אין דער געזעלשאַפט. פאַר דער גאַנצער צייט פון זיין ממשלה פלעגט ער אַנדערש נישט אַרויספאָרן און נישט אַרויסגיין, ווי נאָר אַרומגערינגלט מיט פאָליציי. ווען ער פלעגט פאָרן אין אַ קאַרעטע, פלעגן אַרום דער קאַרעטע תמיד אַרומפאָרן עטלעכע אַגענטן אויף וועלאָסיפעדן און דאָס פלעגט געמאַכט ווערן אַזוי אומגעלומפערט, אַז זיינע נסיעות פלעגן צוציִען צו זיך די אַלגעמיינע אויפמערקזאַמקייט.

פלעווע אַליין האָט געשטאַמט פון פאָליאַקן. ער האָט אַפילו געטויפט זיין פאַמיליע, ווען ער איז נאָך געווען גאָר

אַ יונגער מענטש, אָבער ווי דאָס טרעפט תמיד מיט רענעגאַטן, האָט ער גענומען אַרויסווייזן אַ באַזונדערע פיינטשאַפט צו אַלץ, וואָס איז נישט פּראַוואָסלאַוונע. איך מיין נישט, אַז ער זאָל גלויבן אין גאָט מער ווי אין טייוול, אָבער כּדי געפעלן צו ווערן אויבן און אויך דעם מאָסקווער גענעראַל־גובערנאַטאָר, דעם גרויספירשט סערגיי אַלעקסאַנדראָוויטש, פלעגט ער אַרויס־ווייזן אַן אויסערגעוויינלעכע פרומקייט. אַזוי, למשל, איז ער באַלד ווי ער איז נאָר געוואָרן אינערנמיניסטער, אַוועקגעפאָרן קיין מאָסקווע תּפילה צו טאָן אין דער סערגייעוו־טראָיצקער לאַווראַ.

די אידייע פון דער „זובאַטאָוושטשינע” איז פונקט אַזוי איינפאַך, ווי נאַיוו. די אַרבעטער גיבן זיך איבער אין די הענט פון די רעוואָלוציאָנערן, ד. ה. פאַרשידענע סאָציאַליסטישע און אַנאַרכיסטישע אָרגאַניזאַציעס. זיי טוען דאָס דערפאַר, ווייל די רעוואָלוציאָנערן האַלטן מיט זיי, אַנטוויקלען פאַר זיי טעאָריעס, וועלכע זאָגן זיי צו אַלדאָס גוטס. ווי אַזוי קעמפט מען דער־מיט? גאַנץ פּשוט. מען דאַרף טאָן דאָס, וואָס עס טוען די רעוואָלוציאָנערן, אָדער אַנדערש געזאָגט, מען דאַרף איינאָרד־נען פאַרשידענע פּאָליצייאישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, מען דאַרף פאַרטיידיקן, אָדער הויפּטזעכלעך שרייען, אַז מען פאַר־טיידיקט די אַרבעטער־אינטערעסן. מען דאַרף אָרגאַניזירן פאַר־שידענע געזעלשאַפטן, צוזאַמענקונפטן, לעקציעס, רעדעס, קאַ־סעס א. אַז. וו. די רעוואָלוציאָנערן גייען געגן דעם בוי פון דער היינטיקער געזעלשאַפט, נאָר וואָס עס ציט דערעיקרשט צו די אַרבעטער, איז דאָס, וואָס זיי גייען געגן קאַפּיטאַל. וואָס גייען אונז אָן די קאַפּיטאַליסטן, די פּראָדוקציע, וועלכע שטיצט זיך אויף דער היינטיקער אָרגאַניזאַציע פון דער געזעלשאַפט; מיר דאַרפן בלויז מנוחה, אָדער אַנדערש געזאָגט, מיר דאַרפן בלויז איינהאַלטן דעם פּאָליצייאישן רעזשים אין דער מלוכה, וועלכער שאַפט די אויסערלעכע רואיקייט. זעלבסטפאַרשטענד־לעך, אַז די זובאַטאָווס און די טרעפּאָווס האָבן זיך נישט גע־קאָנט פאַנאַנדערקלייבן אין וואָס עס באַשטייט די אידייע פון

אַנאַרכֿישן סאָציאַליזם. זײ האָבן געמײנט, אַז מיט דיזעלבע מיטלען קען מען דערגרײכֿן דיאַמעטראַל געגנזעצלעכֿע צילן. זובאַטאָװס אונטערנעמונגען האָבן אין מאָסקװע אַרױסגערופֿן די גרעסטע סענסאַציעס. די פֿאַבריקס־אינספּעקציע האָט געקעמפּט מיט אים. איך האָב אונטערגעהאַלטן די אינספּעקציע, אָבער איך האָב אױך גאָרנישט געקאָנט אױפֿטאָן. דער גרױספּירשט האָט געטאָן אַלץ, װאָס ער האָט געװאָלט און האָט זיך פֿאַר קײן שום זאַך נישט אָפּגעשטעלט. דער אינערנמיניסטער גאָרעמיקין, אַ נישטיקער באַאַמטער, האָט אַלץ געטאָן, כּדי צופֿרידנצושטעלן דעם גרױספּירשט. אָבער זובאַטאָװ האָט סוף־כּל־סוף געהאַלטן אין האַנט סײ דעם גרױספּירשט, סײ טרעפּאָװן.

װען סיפּיאַגין איז געװאָרן אינערנמיניסטער, האָט ער אָנגעהױבן צו קעמפֿן מיט דער „זובאַטאָװשטשינע”, אָבער אַלץ, װאָס ער האָט געקאָנט דערגרײכֿן, איז געװען בלױז דאָס, װאָס ער האָט לאָקאַליזירט די „זובאַטאָװשטשינע” אין מאָסקװע; ער האָט אױך נישט געקאָנט קעמפֿן מיטן גרױספּירשט. װען מען האָט סיפּיאַגינען דערהרגעט און אױף זײן אָרט איז באַשטימט געװאָרן פּלעװע, האָב איך אים גלײך, װי איך האָב מיך נאָר געזען מיט אים, אױפֿמערקזאַם געמאַכֿט אױף דערדאָזיקער געפֿאַר. ער האָט מיר דעמאָלט געזאָגט, אַז ער פֿאָרט קײן מאָסקװע זיך מעלדן צום גרױספּירשט און ער האָפֿט, אַז אים װעט זיך אײנגעבן אַלץ אײנצואָרדנען; װעגן זובאַטאָװס אױפֿטו האָט ער זיך אַרױסגעזאָגט װי װעגן אַ שעדלעכֿן און נאַרישן עקספּערימענט.

באַלד דערױף אָבער איז זובאַטאָװ פּלוצלונג געװאָרן דער הױפּטמאַכֿער אין פּאָליצײ־דעפּאַרטאַמענט. ער האָט אָנגעהױבן צו אָרגאַניזירן די „אָכֿראַנקעס”, װעלכֿע האָבן זיך אַלע געפֿונען אונטער זײן אױפֿזיכט. און אַזױאַרום האָט זיך אין זײנע הענט געפֿונען דער גאַנצער געהײמער טײל פֿון פּאָליצײ־דעפּאַרטאַמענט. אױף װי װײט פּלעװע האָט געהאַלטן פֿון זובאַטאָװן, קען מען זען פֿון דעם, װאָס פּלעװע האָט מיר אײן מאָל געזאָגט. עס איז געװען אומגעפֿער מיט אַ דרײ חדשים פֿריער, אײדער איך בין אַװעק פֿון מײן פּאָסטן אַלס פֿינאַנצמיניסטער. אײנמאָל איז מיר

צופעליק אויסגעקומען אַ פֿרעג צו טאָן, וואָס מיינט פּלעווע צו טאָן זומער. ער האָט מיר געענטפֿערט, אַז ער קלייבט זיך צו־פֿאָרן אויף אַ געוויסער צייט אין דאָרף. האָב איך אים געזאָגט, ווי אַזוי וועט איר קאָנען אַוועקפֿאָרן אין דער צייט, ווען לאָ־פּוכין פֿאָרט געשעפֿטלעך קיין אויסלאַנד. אויף דעם האָט ער מיר געענטפֿערט, אַז איצט אייגנטלעך געפֿינט זיך די גאַנצע פּאָליציייִשע אָפּטיילונג, ד. ה. די פּאָליציייִשע זיכערקייט פֿון דער מלוכה אין זובאַטאָווס הענט, אויף וועלכע מען קען זיך פֿאַרלאָזן.

אַזוי ווי זובאַטאָוו האָט געוואוסט, אַז איך בין געגן זיינע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, פֿלעגט ער זיך צו מיר קיינמאָל נישט מעלדן און איך האָב אים קיינמאָל נישט געזען. אָבער אָנהויב יולי 1903, ביי אַ זעקס וואָכן פֿאַר מיין אַוועקגיין, מעלדעט מען מיר, אַז זובאַטאָוו וויל מיך זען. איך האָב אים אויפֿגענומען. ער האָט מיר געגומען אויספֿירלעך דערציילן וועגן דעם צו־שטאַנד פֿון רוסלאַנד, לויט די געהיימע ידיעות פֿון די „אָכראַנע אָטדעליעניעס". ער האָט מיר געזאָגט, אַז אייגנטלעך ברויזט גאַנץ רוסלאַנד, אַז איינהאַלטן די רעוואָלוציע מיט פּאָליציייִשע מיטלען איז אוממעגלעך, אַז פּלעוועס פּאָליטיק באַשטייט אין דעם אַריינבציִאָגן די קרייַנק אינווייניק און דאָס קען בלויז דערפֿירן צו זייער אַ שלעכטן סוף. דערנאָך האָט ער נאָך צוגעגעבן, אַז פּלעווען וועט מען דערהרגענען, אַז ער האָט אים שוין עטלעכע מאָל געראַטעוועט פֿון טויט.

נאָכדעם ווי איך האָב אויסגעהערט זיין אויספֿירלעכע דערציילונג, האָב איך אים געפֿרעגט, למאַי דערציילט ער דאָס מיר. ער דאַרף דאָך דאָס אייגנטלעך דערציילן פּלעווען. אויף דעם האָט ער מיר געענפֿערט, אַז דאָס אַלץ האָט ער שוין פּלעווען געזאָגט, נאָר אַז פּלעווע וויל בשום אופֿן נישט אַוועק־גיין פֿון זיין פּאָליציייִשן קורס. פֿאַר זיין אַוועקגיין האָב איך אים געזאָגט, אַז אין גרונט גענומען וואָלט איך באַדאַרפֿט אַוועק־פֿאָרן צו פּלעווען און איבערגעבן אים אַלץ, וואָס ער האָט דאָ פֿאַר מיר גערעדט, אָבער אַזוי ווי איך וויל אים קיין שום

שלעכטס נישט טאָן, וועל איך אַזוי נישט האַנדלען. איך וועל מיך האַלטן אַזוי, ווי צווישן אונז וואָלט גאָר קיין שום געשפּרעך נישט פאָרגעקומען. דאָך אָבער ראָט איך אים, אַז אַלץ, וואָס ער האָט מיר געזאָגט, זאָל ער איינטענהן מיט פלעווען.

שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט, אַז זובאַטאָוו איז געפאָרן צום פירשט מעשטשערסקי און האָט אים געזאָגט דאָסזעלבע, וואָס מיר. אויסערדעם, האָט ער אים נאָך דערציילט, אַז ער איז ביי מיר געווען און האָט מיך געבעטן, איך זאָל ווירקן אויף פלעווען, אָבער איך האָב זיך אָפּגעזאָגט דאָס צו טאָן. דעמאָלט איז פירשט מעשטשערסקי אַוועקגעפאָרן צו פלעווען און האָט אים אַלץ דערציילט, אויך דאָס, אַז זובאַטאָוו איז ביי מיר געווען. דאָס איז געווען אַ גענוגלעכער גרונט, אַז זובאַטאָוו זאָל נישט בלויז באַזייטיקט ווערן פון זיין שטעל, נאָר ער זאָל אַפילו פאַרשיקט ווערן קיין וולאַדימיר.

אין עטלעכע וואָכן אַרום האָט אויסגעבראָכן אַן אַלגעמיינער שטרייק אין די פּאָרטן פון שוואַרצן ים*). דער גרויספירשט אַלעקסאַנדער מיכאַילאָוויטש, דער דעמאָלטדיקער שעף פון דער הויפּטפאַרוואַלטונג פאַרן ים-פאַרקער, האָט געפאָדערט אַ דערקלערונג פון די פּאָרט-פאַרוואַלטונגען און, צו זיין גרויסער פאַרוואונדערונג, האָט ער באַקומען אַ תשובה, אַז דער שטרייק איז איינגעאָרדנט געוואָרן לויט אַ באַפעל פון פּעטערבורג, דורך מלוכה-אַגענטן און זיי וואונדערט דעריבער זיין אָנפראַגע. צו יענער צייט בין איך שוין געצוואונגען געווען אויך מיינע אַגענטן (און צווישן זיי איינע אַ יידישע פרוי פון מינסק) צו אַרעסטירן און אַרויסשיקן פון דרום.

דער גרויספירשט אַלעקסאַנדער מיכאַילאָוויטש האָט געמיינט, אַז מען ווייזט אים אָן אויף דער פאַבריקס-אינספּעקציע, ווי אויף דער אָרגאַניזאַטאָרין פון שטרייק און ער איז געקומען

*) די ארבעטער-אָרגאַניזאַציעס, לויט זובאַטאָווס סיסטעם, האָט אין אָדעס אָרגאַניזירט דער אַגענט פון פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט, דער דאָקטאָר-פילאָזאָף שאַיעוויטש.

צו מיר נאָך דערקלערונגען. איך האָב אים איבערגעגעבן אַלע ידיעות פון די פאַבריק־אינספעקטאָרן און דעם גאַנצן מאַטעריאַל וועגן דער „זובאַטאָוושטשינע״.

דעמאָלט האָב איך אויך וועגן דער גאַנצער געשיכטע אויספירלעך מיטגעטיילט זיין מאַיעסטעט. איך האָב דערמאָנט דעם קיסר וועגן דער „זובאַטאָוושטשינע״ און אָנגעוויזן אויף דער גאַנ־צער שעדלעכקייט פון דעם אויפטו. דאָס איז געווען מיט עטלע־כע וואָכן פריער פאַר מיין אַוועקגיין פון פינאַנץ־מיניסטעריום. זיין מאַיעסטעט האָט מיך רואיק אויסגעהערט, אָבער מיט קיין איין וואָרט נישט רעאַגירט אויף מיינע רייד. דעם גרויספירשט האָט ער אָבער געזאָגט, אַז ער האַלט, אַז איך בין נישט גע־רעכט, ווייל פלעווע און דער גרויספירשט סערגיי אַלעקסאַנ־דראָוויטש געטרויען זובאַטאָוון פולשטענדיק. ווען איך בין אין עטלעכע וואָכן אַרום באַפרייט געוואָרן, בין איך אויך מאָרגן געווען ביים גרויספירשט אַלעקסאַנדער מיכאַילאָוויטש. דעמאָלט האָט זיך גראָד באַקומען די דעפּעשע, אַז איך בין באַשטימט געוואָרן אַלס פאָרזיצער פון מיניסטאָרן־קאָמיטעט. באַגריסנדיק מיך מיט דעמדאָזיקן הויכן פּאָסטן, האָט מיר דער גרויספירשט געזאָגט:

„נעכטן אין אָוונט האָט מיר דער קיסר געזאָגט—דו ווייסט, עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז וויטע איז גערעכט. זובאַטאָוו האָט דאָס טאַקע אָרגאַניזירט דעם שטרייק און די אַלע אַרבע־טער־אָרגאַניזאַציעס; ער (וויטע) איז בלויז נישט גערעכט אין דעם זין, וואָס ער מיינט, אַז פלעווע האָט וועגן דעם אַלעם געוואוסט. פלעווע האָט קיין זאַך נישט געוואוסט. ערשט איצט האָט ער דאָס אַלץ אַנטדעקט און ער האָט זיך געווענדט צו מיר, איך זאָל באַפרייען זובאַטאָוון.״

פאַר מיר איז געווען אינגאַנצן קלאָר, אַז די היינטיקע געהויבענע רעוואָלוציאָנערע שטימונג פון רוסלאַנד וועט זיך ענדיקן אָדער מיט אַ קאַטאַסטראָפע, אָדער מיט נאָך אַ גרעסערע איבערקערעניש, ווי דאָס איז געווען דעם 17־טן אָקטאָבער 1905. און אַז די מיטלען, וועלכע פלעווע נעמט אָן, פירן דערצו, ער

זאָל דערהרגעט ווערן. ווען טויזנטער מענטשן באַשליסן זיך מקריב צו זיין מיט זיך, כדי צו דערהרגענען דעם אָדער יענעם באַאַמטן, קען מען אויסמיידן דידאָזיקע קאַטאַסטראָפע בלויז געציילטע חדשים אָדער אַ יאָר, אָבער סוף כל סוף וועט דער מענטש דערהרגעט ווערן. מיט עטלעכע חדשים פאַר פלעוועס טויט איז מיר איינמאָל, געדיינק איך, אויסגעקומען צו זיין ביי פלעווען. פלעווע האָט דעמאָלט אין מלוכה־ראַט געמאָלדן, אַז איך וועל פרינציפיעל תמיד זיין געגן יעדן מיטל, וואָס ער וועט נאָר פאָרלייגן. איך בין דעמאָלט פאַרפאָרן צו אים, כדי אויפצוקלערן דעמדאָזיקן ענין. איך האָב אים דעמאָלט דערקלערט, אַז דער קורס פון דער פאָליטיק, ביי וועלכן ער האַלט זיך, וועט זיך שלעכט ענדיקן סיי פאַר אים און סיי פאַר דער מלוכה. אויסערדעם, האָב איך זיך אויך באַמיט אַרויסצופירן אים פון טעות בנוגע דעם, וואָס ער מיינט, אַז איך טרעט אַרויס געגן אים דערפאַר, ווייל איך וויל פאַרנעמען זיין אָרט. איך האָב אים דערוויזן, אַז דאָס וועלן זיך דערשלאָגן צום פאָסטן פון אַן אינערן־מיניסטער וואָלט ביי מיין לאַגע געווען זייער נאַריש און אַז אַזאַ נאַרישקייט האָט מיר ביז היינט נאָך קיינער נישט צוגעשריבן. און דעמאָלט האָב איך אים געוואָרנט, אַז באַזייטיקט פון זיין שטעלע קען ער ווערן נאָר צוליב דער פאָליטיק, וואָס ער פירט, ווייל ער וועט זיכער אומקומען דורך דער האַנט פון עפעס אַ פאַנאַטיקער. ער האָט אויסגעהערט מיין וואָרנונג, ער איז אַזוי ווי געפאַלן ביי זיך, אָבער ער האָט גאָרנישט געענטפערט.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דער שמועס האָט אויף אים ווייניק וואָס געווירקט. פלעווע האָט אַזוי לאַנג געוואַרט, ביז ער האָט זיך דערשלאָגן צו זיין פאָסטן אַלס אינערן־מיניסטער, אַז ער איז גרייט געווען צו דערשטיקן יעדערן, וועמען ער האָט נאָר געקאָנט חושד זיין, אַז יענער וויל, ער זאָל פאַרלאָזן זיין שטעל. מען מוז מודה זיין, אַז דער פעטערבורגער רעזשים האָט באַשאַפן אַזויפיל מענטשן, וואָס פאַרנעמען זיך בלויז מיטן סמען און טרייבן רכילות איינער אויפן אַנדערן צוליב פערזענ־

רעכטע צוועקן, אַז ס'איז נישט קיין וואונדער, ווען פלעווע האָט מיר נישט געגלויבט. אַ סך פערזאָנען, און צווישן זיי אויך דער קיסר, פלעגן זייער לייכט אונטערפאַלן אונטער דער ווירקונג פון די רכילות־טרייבער.

אין יולי בין איך געפאָרן קיין דייטשלאַנד, כדי צו שליסן מיטן קאַנצלער ביולאָוו אַ נייעם האַנדלס־אָפּמאַך. דעם 16־טן יולי בין איך געווען אין בערלין. גייענדיק אויף דער הויפּט־גאַס, פאַרביי אונזער באָטשאַפט, האָב איך זיך דערוואוסט, אַז סאַזאָנאָוו האָט דערהרגעט פלעווען.

ווען איך בין געקומען צופאָרן קיין פעטערבורג, האָב איך זיך דערוואוסט די פרטים פון פלעוועס טויט: ער איז געפאָרן צום קיסר מיט אַ באַריכט אויפן באַלטישן וואָקזאַל און, ווי געוויינלעך, אַרומגערינגלט מיט וועלאָסיפעדיזן־אָכראַניקעס. סאַזאָנאָוו האָט אונטערגעוואָרפן אַ באָמבע אונטער דער קאַרעטע. פלעווע איז דערהרגעט געוואָרן, דער קוטשער שווער פאַרוואונדעט. פלעווס פאָרטפעל איז געבליבן גאַנץ. שפּעטער האָט זיין פאָרטפעל מיט די אַלאונטערטעניקסטע באַריכטן דורכגעקוקט זיין געהילף פיאָטר ניקאָלאַיעוויטש דורנאָוואָ. אין זיין פאָרטפעל איז געפונען געוואָרן אַ בריוו, כלומרשט פון אַן אַגענט פון דער געהיימפּאָליציי, פון עפּעס אַ יידישער פרוי פון אַ דייטשער שטאָט, אויב איך האָב נישט קיין טעות—פון קיסינגען. אין דעמדאָזיקן בריוו האָט זי געמאָלדן דער געהיימפּאָליציי, אַז עס גרייט זיך צו אַן אַטענטאַט אויף זיין מאַיעסטעט. עס ווערט צוגעגרייט אַ באָמבע, וואָס דאַרף געוואָרפן ווערן אין קיסר און אַז איך באַדאַרף מיך כלומרשט שטאַרק באַטייליקן אין דעמדאָזיקן ענין. ווי איך האָב מיך שפּעטער דערוואוסט, האָט מען איר דעמדאָזיקן בריוו דיקטירט. ווי ס'ווייזט אויס, איז פלעווס פּלאַן געווען אַזאַ: ער וועט באַקומען פון זיינע אַגענטן אַזעלכע בריוו. אין דידאָזיקע בריוו וועט זיך ריידן וועגן דעם, אַז איך נעם אַן אָנטייל אין רעוואָלוציאָנערע אַרויסטרעטונגען, וואָס זייער ציל איז צו מאַכן אַן אַטענטאַט אויפן קיסר, כדי

פלעווע זאָל האָבן אַ מעגלעכקייט דידאָזיקע בריוו אונטערצוטראָגן דעם קיסר, ווייל ער קען זיי דאָך פון אים נישט באַהאַלטן־ דערביי וואָלט פלעווע מסתמא געזאָגט, אַז ער גלויבט אין זיי נישט, אַז דאָס איז אַ ליגן א. אַז. וו. גלייכצייטיק אָבער וואָלטן אַזוינע ידיעות געהאַט די פעולה, וואָס זיי וואָלטן פונ־ דעסטוועגן אויפגערעגט געגן מיר דעם קיסר.